STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00265

AMERIKE

Moissaye J. Olgin

Permanent preservation of this book was made possible by
Victor Dizengoff
in honor of
the Gantse Mishpokhe

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אָלגין

אַמעריקע

אַרויסגעגעבן פון
אָלגין אָנדענק-קאָמיטעט
ניו יאָרק, 1941

פאַראַנטוואָרטלעכער ק אָ מ י ט ע ט
פאַר מ. אָלגינס אויסגעוויילטע ווערק

מאַקס שטיינבערג
פּ. נאָוויק
ר. זאַלצמאַן
אהרן קורץ
ס. פעלדמאַן

AMERICA by M. J. Olgin

Copyright by
M. J. Olgin Memorial Committee
1941

209

אינהאַלט:

זייט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — 5

מיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע:

1914—די מלחמה ברעכט אויס — — — — — — — — — — 9
איך דערפיל זיך פּלוצים ווי אַ טייל פון אַמעריקע — — — — — 15
ניו יאָרק מאַכט אויף מיר אַ שווערן איינדרוק — — — — — — 19
איך הייב אָן לייענען אַמעריקאַנער ליטעראַטור — — — — — — 23
מיינע ערשטע איינדרוקן פון דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור — 27
וואָלט וויטמאַן — — — — — — — — — — — — — 31
סאָציאַליזם — — — — — — — — — — — — — — 33
סאָציאַליסטן מיליאָנערן — — — — — — — — — — — 35
די מאַסן זיינען ניט געקומען — — — — — — — — — — 38
סאָציאַליזם אין טויזנט יאָר אַרום — — — — — — — — 42
שווער זיך צוגעוואוינען צו אַמעריקע — — — — — — — — 46
די צוויבער־שטאָט ניו יאָרק — — — — — — — — — — 49
אָן אַ זייט פונעם לעבן — — — — — — — — — — — 54
די ערשטע איינדרוקן פון היגן אידישן לעבן — — — — — — 58
ווי אַזוי אידן האָבן געקוקט אויף אַמעריקע — — — — — — 62
לואיס מאַרשאַל, דזשעיקאָב שיף, נעיטן שטראַוס — — — — — 67
אב. קאַהאַן און זיין „אַמעריקאַניזאַציע" — — — — — — 71
אידישע סטודענטן — — — — — — — — — — — — 72
פּאָליטישע איינדרוקן — — — — — — — — — — — 74
אַלערליי סאָרטן פרייהייט אין אַמעריקע — — — — — — — 75
די קאָרופּציע אין אַמעריקאַנער פּאָליטיק מאַכט אויף מיר
אַ פיינלעכן איינדרוק — — — — — — — — — — — 79
מיינע ערשטע אַנטוישונגען אין דער אַמעריקאַנער
רעגירונג־סיסטעם — — — — — — — — — — — — 84
פאַרוואָס אינטערעסירט זיך ניט דער עולם מיט פּאָליטישע פראַגן ? 88
איך וועל פאַרשלונגען פון דעם לעבנס־שטראָם — — — — — 91
איך דערזע דעם גיהנום ביי פאָרד'ן — — — — — — — — 95
„ווי איז דאָס מעגלעך ?" — — — — — — — — — — — 99
פאַרוואָס איך בין אריין אין קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט — — — 103
מיינע ערשטע טעג אין קאָלאָמביאַ — — — — — — — — 106
מיין ערשטער ארויסטריט אין קאָלאָמביאַ — — — — — — — 109

זייט
מיינע פּראָפעסאָרן אין קאָלאָמביאַ — 114
וואָס איך האָב שטודירט אין קאָלאָמביאַ — 118
דאָס בלוט פון מאַרטירער:
דאָס בלוט פון מאַרטירער — 125
ביי טאָם מוני'ן אין געפענגעניש — 129
ביי די סקאָטסבאָראָ־מוטערס — 133
אומרו אין דעטראָיט — 140
די טורמע אין אַטלאַנטאַ — 143
אין אַ קוילן־גרוב — 148
„גאָט, בענטש אונזערע היימען!" — 153
שוועסטער — 159
אין ליכט פון נייעם טאָג:
פון וואַנען וועט קומען אונזער הילף? — 164
קומט מיט אונז — 168
מענטשן פון דער באַוועגונג:
פּעט — 174
די טענצערקע — 176
דער אַלטער — 178
ווי אַזוי סלים איז געוואָרן אַ קאָמוניסט — 181
ווען וועט קומען אונזער יום־טוב:
ווען וועט קומען אונזער יום־טוב? — 186
אַ גרוס דעם נייעם יאָר — 190
אין ליכט פון נייעם טאָג — 192
מיר, אַמעריקאַנער:
איך האָב ליב אַמעריקע — 197
אַמעריקאַנישע פּאַנאָראַמע — 201
אויפן וועג קיין פּיטסבורג — 206
אין פלאָרידע — 209
ארום דענווער — 213
מענטשן, וואָס בענקען — 218
אָראַנזשען און הינטלעך — 222
זיי געזונט, קאַליפאָרניע! — 226
שיינקייט — 230
מיר, אַמעריקאַנער — 234

פאָרוואָרט

דער פאָרליגנדיגער, צווייטער, בוך פון מ. אָלגינ׳ס געזאַמלטע ווערק *) עפנט זיך אויף מיט זיינעם אַן אַריינפיר צו אַ גרויסער אַרבעט, וואָס ער האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיגן. די אויטאָביאָגראַפישע קאַפּיטלען, וואָס פאַרנעמען העכער אַ העלפט פון דעם בוך, שטעלן מיט זיך פאָר אַן אָנהויב פון אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק, וואָס אָלגין האָט געשריבן פאַר אַן ענגלישן פאַרלאַג, אויף ענגליש. אָלגין האָט אָנגעהויבן מיט זיין אָנקומען אין אַמעריקע, אין נאָוועמבער 1914, און האָט באַוויזן צו דערפירן זיין אויטאָביאָגראַפיע צום מאָמענט, ווען ער האָט גענומען גרייטן זיין דיסערטאַציע פאַרן דאָקטאָר־טיטל ביים פאַרענדיגן קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט, אין 1918.

דער טויט האָט איבערגעהאַקט די וויכטיגע אַרבעט פון מ. אָלגין ביים סאַמע אָנהויב. אָט דעם אָנהויב האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן: „מיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע”. די אַן ערך 120 זייטן, וואָס אָלגין האָט באַוויזן אָנצושרייבן, גיבן אונז אַ שטיק אַמעריקע, אַ שטיק אידישע אַמעריקע — געזען דורך די אויגן פון אַ „גרינעם” אייראָפּייאישן אידישן סאָציאַליסטישן פירער און אינטעלעקטואַל. אין אַ באַדייטנדיגער מאָס וועט יעדער אימיגראַנט דערקענען אין אָלגינ׳ס איבערלעבונגען זיינע אייגענע איבערלעבונגען פון די „גרינע” צייטן.

אָלגינ׳ס דערינערונגען לעבן־אויף פאַר אונז אין אַ היבשער מאָס די אַמעריקע פון ווילסאָנ׳ס צייטן, די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט פון פינף און צוואַנציג יאָר צוריק, די סאָציאַליסטישע באַוועגונג און די ניו יאָרקער איסט סאַיד פון יענער צייט.

די איבערזעצונג פון דער אַרבעט — וועלכע איז, ווי געזאָגט, געשריבן געוואָרן פון מ. אָלגינ׳ען אין ענגליש — איז געמאַכט געוואָרן פון נ. בוכוואַלד, וועמען עס איז אין אַ באַדייטנדיגער מאָס געלונגען צו דערשלאָגן זיך, אין דער איבערזעצונג, צו אָלגינ׳ס סטיל אין אידיש.

:: :: ::

די צווייטע העלפט פון דעם בוך פאַרמאָגט עטוואָס פון די איינדרוקן און בילדער, וואָס אָלגין האָט פאַרצייכנט און געמאָלן בשעת זיינע רייזעס

*) דער ערשטער בוך, „1905”, וואָס איז דערשינען אין נאָוועמבער 1940, פאַרמאָגט אָלגינ׳ס „געלעבט־געקעמפט” און בכלל זיינע אַרטיקלען, עסייען, שטימונג־בילדער פון דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע.

איבער אַמעריקע צווישן 1922 און 1938. אין משך פון אַט־די אומצאָליגע רייזעס האָט אַלגין אָנגעשריבן ממש הונדערטער אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער צייט, ווען זיי זיינען געשריבן געוואָרן, מיט די פּאָליטישע פראַגן און פאָדערונגען פונעם געגעבענעם מאָמענט. אין דעם איז באַשטאַנען זייער גרויסער ווערט פאַר די פאָלקס־מאַסן. פיל פון די דאָזיגע מאָמענטן זיינען אַריין אין דער געשיכטע פון לאַנד, זיינען געוואָרן מייל־שטיינער אויפן שווערן קאַמף־וועג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דער פרייהייטס־באַוועגונג בכלל. עס איז גענוג צו דערמאָנען: סאַקאָ־וואַנזעטי, טאָם מוני, סקאָטסבאָראָ, די שחיטה ביי די טויערן פון פאָרד'ס פאַבריק. אַלגינ'ס אַרטיקלען וועגן די ענינים פאַראייביקן שטיקער אַמעריקע, די קאַמפן און ליידן פון אַמעריקאַנער פאָלק. אַזוי מיט זיינע באַשרייבונגען פון דער קריזיס־צייט, פון דער צייט פון קאַמף פאַר אַרבעטלאָזן־פאַרזיכערונג. אַזוי מיט זיינע באַשרייבונגען פון די שטאָל־אַרבעטער, ווען יענע האָבן נאָך קיין יוניאָן ניט געהאַט — ערשט נעכטן איז עס דאָך געווען! — און האָבן געאַרבעט צוועלף שעה אַ טאָג, געלעבט אין דער קאַטאָרגע פון די „קאָמפּאַני־שטעטלעך".

אַלגין גיט אונז אַ שטיק פון דער פּאַנאָראַמע פון אַמעריקע. קאַליפאָרניע, די שטאָל־געגנט אַרום פּיטסבורג, פלאָרידאַ; די קוילן־מאַין, דער אוניווערזי־טעט, די טורמע, די פאָרד־פאַבריק, די אויטאָמאָביל־וועגן, באַן־באַגעגענישן, — דאָס ברייטע לאַנד. ער מאָלט די אַמעריקאַנישע לאַנדשאַפט, ער גיט איבער די דינאַמיק און דעם קאָלאָריט פונעם גרויסן און רייכן לאַנד. אַ סעריע אַזעלכע רייזע־עסייען האָט אַלגין אָפּגעדרוקט אין זיין „פון מיין טאָג־בוך", וואָס איז אַרויס אין 1928. דאָ ווערט געגעבן נאָך אַזאַ סעריע. אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען אין דעם בוך די פאַרצייכענונגען פון אַלגינ'ס לעצטער און גרעסטער רייזע איבערן לאַנד, אין זומער 1938, ווען אין פיל שטעט איז געפייערט געוואָרן (מיט פאַרשפּעטיגונג) זיין זעכציגסטער געבורטסטאָג.

אַלגינ'ס אַרבעטן וועגן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַמעריקע, וועגן קול־טור־לעבן, באַזונדערס וועגן אידישן לעבן, — דאָס איז אַ טעמע פאַר אַן אַנדער בוך, וואָס גייט אַריין אין פּלאַן פון אַלגינ'ס געזאַמלטע ווערק.

נאָוועמבער 1941.

דער אַלגין־קאָמיטעט.

מיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע

1914 — די מלחמה ברעכט-אוים!

מיין זומער־וואקאציע אין 1914 האָב איך פארבראַכט אין באד־רייכענ־האל. כ'בין אהין געקומען פון ווין, וואו כ'האָב געוואוינט זינט 1912, און זיך באזעצט ביי א פארמער אין א דאָרף ניט ווייט פון רייכענהאל. עס איז געווען שטילער און נענטער צו דער נאטור, ווי אין דעם וואקאציע־צענטער גופא. פון דאָרף פלעג איך אָפט פאָרן אין שטעטל אריין אויף א וועלאָסיפּעד (ביסיקל).

דאָס לעבן אין דעם דאָרף איז געווען שטיל און רואיג. פון אלע זייטן האָבן זיך אָנגעזען די בייערישע בערג און די רייכע פעלדער, וואָס זיינען געווען באארבעט נאָר ווי די בייערישע פּויערים קאָנען דאָס. די גלעקלעך פון די קי, וואָס האָבן זיך געפּאשעט לעבן די בערג, האָבן געשאפן א מוזיקאלישע באגלייטונג צו דער פארביגער לאנדשאפט. אין אָוונט האָבן די קרעפטיגע פּויערים געטאנצט אין דעם לאָקאלן גאסט־הויז צו דער באגלייטונג פון היימישער מוזיק. דער וויין איז געווען גוט, דער קעז — אויסגעצייכנט, און דער אייגנטימער פון גאסט־הויז, וואו כ'האָב געקראָגן מיינע מאָלצייטן, האָט געטריפט מיט דער גאסט־פריינטשאפט, וואָס איז געווען אזוי כאראקטעריס־טיש פאר די זיד־דייטשן.

כ'האָב זיך געוואָלט אָפּרוען פון מיינע אוניווערזיטעט־שטודיען, האָב איך גאָרנישט ניט געלייענט, חוץ די אָרטיגע צייטונג. די צייטונג האָט גע־דרוקט באריכטן וועגן א נייעם קריזיס אין אייראָפּע. נאָר אזוי ווי אייראָפּע איז געווען פול מיט קריזיסן זינט 1912, האָב איך זיך ניט געלאָזט אויפ־רודערן פון די נייעס, ביז איינמאָל א שבת נאָכמיטאָג האָבן די אָרטיגע בחורים און מיידלעך פארביימארשירט דאָס גאסט־הויז אין א דעמאָנסטראַ־ציע, שרייענדיג: „נידער מיט די רוסן!" (לעבן מיר איז געזעסן א רוסיש מיידל, וואָס האָט דאָרט אויך פארבראַכט איר וואקאציע.) ווען מיר האָבן פארלאָזט דאָס גאסט־הויז האָבן מיר באמערקט אויף דעם עק גאס אוים־געקלעפּטע קייזערלעכע פּראָקלאמאציעס. דאָס איז געווען א מאָביליזאציע־פאָראָרדענונג. די מלחמה האָט זיך פאקטיש אָנגעהויבן. אן אָרטיגער פאבריק־אייגנטימער איז צוגעקומען צו אונז און העפלעך געבעטן, אז מיר זאָלן פארלאָזן דאָס דאָרף, פאר אונזער זיכערקייט וועגן. אים האָט ניט געאַרט,

האָט ער אונז געגעבן אָנצוהערן, וואָס מיט אונז וועט געשען, נאָר ער האָט ניט געוואָלט, אַז זיינע „יונגען", דאָס הייסט, די אַרבעטער פון זיין פאַבריק, זאָלן זיין פאַרמישט אין אַזאַ מין אינצידענט. ער האָט געהערט, אַז די אַרבעטער אין זיין פאַבריק האָבן זיך געקליבן, אין אָוונט נאָך דער אַרבעט, צו „צעשמעטערן דאָס קליינע הויז", וואו די רוסן האָבן געוווינט.

מיר האָבן איינגעפּאַקט אונזערע זאַכן און זיינען אין איילעניש אַוועק קיין באַד־רייכענטאַל. די שטאָט איז געגאַנגען כאַדראַם. די פופציג טויזנט געסט פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַהיים. די באַנקען האָבן ניט פונקציאָנירט. קיין אויסלענדישע וואַליוטע האָט מען ניט געקאָנט אויסבייטן. דערצו נאָך האָב איך געהאַט זייער ווייניג אויס־לענדיש געלט. געסט — ספּעציעל די רוסן, פראַנצויזן, ענגלענדער, בעלגיער און פּאָליאַקן — זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו פאַרלאָזן די האָטעלן.

זיינען מיר דאָרט געשטאַנען אינמיטן פון דער הויפּט־גאַס אין דעם שיינעם וואַסער־קוראָרט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. די גרענעץ קיין ווין איז געווען געשלאָסן, און כ'האָב ניט געקאָנט „אַהיים" פאָרן. און דערצו האָט עסטרייך זיך אויך אָנגעהויבן מאָביליזירן, און אויך דאָרט וואָלט איך געווען אַ „פרעמדער". פאַר אונז איז ניט געבליבן קיין אַנדער זאַך, ווי צו אַנטלויפן אין דער נאָנטסטער גרויסער שטאָט, קיין מינכען.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין מינכען האָבן מיר ערשט דערפילט, אַז די מלחמה האָט אויסגעבראָכן אויף אַן אמת. דער ריזיגער וואָקזאַל אין מינכען, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן איז דאָס געווען אַ מוסטער פון טיכטיגקייט און אָרדענונג, איז איצט געווען אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד. בערג מיט באַגאַזש זיינען געלעגן אָנגעוואָלגערט אויף אַלע פּלאַטפאָרמעס, און קיינער האָט ניט געהיט די פּעק מיט די פּעקלעך. טויזנטער פּאַסאַזשירן האָבן גע־ווימעלט אין דעם ריזיגן וואָקזאַל, וואו באַנען האָבן געהאַלטן אין איין אַריינפאָרן און אַרויספאָרן. די קאַסע האָט שוין לאַנג אויפגעהערט פאַרקויפן בילעטן. די פּאָרטערס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו טראָגן דאָס געפּעק פון די פּאַסאַזשירן. די אינפאָרמאַציע־ביוראָ האָט ניט פונקציאָנירט. קיינער האָט ניט געוואוסט וואוהין די באַנען גייען אַרויס. אומעטום האָבן זיך געהערט היסטערישע שטימען. די אויסלענדער זיינען געווען גאָר אינגאַנצן פאַרלאָרן.

כ'האָב זיך באַרעכנט, אַז צו בלייבן אין מינכען וואָלט געווען פּונקט אַזוי נוצלאָז, ווי צו בלייבן אין באַד־רייכענהאַל. דאָס בעסטע, האָב איך גערעכנט, וואָלט געווען אַוועקצופאָרן אין אַ שטאָט, וואו איך האָב באַקאַנטע און פריינט. אַזוי ווי איך האָב געהאַט שטודירט אין היידעלבערג ביז 1912,

האָב איך געקאָנט האָפן אויף פריינטלעכער הילף, ווען מיר זאָל זיך איינגעבן אָנצוקומען אַהין. מיר האָט אָפּגעגליקט זיך אַרויפצוכאַפּן אויף אַ באַן, וואָס איז געגאַנגען קיין היידעלבערג. ס'איז געווען מיין גליק, וואָס כ'האָב ניט אויסגעזען ווי קיין רוס און האָב געקאָנט דייטש ניט ערגער פון אַנדערע אמת'ע דייטשן. דאָס זעלביגע איז געווען מיט דעם רוסישן מיידל.

אין יענע ערשטע שעה'ען פון דער מאָביליזאַציע איז קיין רוס ניט געווען זיכער מיטן לעבן אין אַ געזעמל פון דייטשן. הינטער דער היסטעריקע האָט זיך געלאָזט מערקן אַ שטימונג פון שרעק און צער צווישן די דייטשן, מיט וועלכע איך בין געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט אויף דער באַן, וואָס איז פאַמעלעך געקראָכן קיין היידעלבערג. דאָס איז אגב געווען די לעצטע באַן, וואָס האָט געפירט פאַסאַזשירן. פון זונטאָג אינדערפרי אָן, דעם 1טן אויגוסט, זיינען אַלע באַנען איבערגענומען געוואָרן אויף צו פירן מיליטער, און אין דעם משך פון צוויי וואָכן זיינען קיין פאַסאַזשירן אינגאַנצן ניט אויפגענומען געוואָרן.

אין היידעלבערג איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז די מלחמה האָט גע־בראַכט אַ שאַקירנדיגע ענדערונג אין די מחות און שטימונגען פון די דייטשן. מיינע באַקאַנטע האָבן קיין אָפענע פיינטשאַפט צו מיר ניט אַרויסגעוויזן. נאָר זיי האָבן מורא געהאַט. איינס נאָך דעם צווייטן האָב איך באַזוכט די גאַסט־הייזער, האָטעלן און אַנדערע פּלעצער, וואו איך בין איינגעשטאַנען ווען כ'האָב שטודירט אין היידעלבערג. עטלעכע פון די אייגנטימער פלעגן זיין זייער פריינטלעך צו מיר. כ'האָב געהאַט גרונד צו גלויבן, אַז זיי האָבן מיך אויף אַן אמת'ן האָלד געהאַט. איצט אָבער האָב איך אומעטום געקראָגן דעם זעלביגן ענטפער: אַלע צימערן זיינען פאַרנומען און ס'איז פאַר אונז קיין פּלאַץ ניטאָ.

מיר זיינען געווען אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע. אונזער געלט האָט זיך געהאַלטן אין אויסשעפּן. מיר האָבן ניט געהאַט וואו צו וואוינען און זיינען געווען רעכטלאָז.

מיר זיינען אַוועק אין דער פּאָליציי־צענטראַלע נאָך אָנווייזונגען. דער פּאָליציי־באַאַמטער האָט אונז דערקלערט, אַז דערווייל זיינען נאָך ניטאָ קיין אינסטרוקציעס וועגן פיינטלעכע אויסלענדער. ביז אַזוינע אינסטרוקציעס וועלן קומען, מעגן מיר, הייסט עס, דינגען צימערן, „אויב איר וועט זיי געפינען".

איך בין נאָך ניט געווען באַהאַוונט אין די דרכים פון מאָדערנע מלחמות. איך האָב גערעכנט, אַז אינטעליגענטע מענטשן דאַרפן האָבן אַן אינטעליגענטע

באַציאונג צו פרידלעכע בירגער פון אַ פיינטלעכן לאַנד. איך האָב ניט געפילט קיין שום שנאה צום דייטשן פאָלק און כ'האָב גערעכנט, אַז די דייטשן דאַרפן ניט פילן קיין פּערזענלעכע שנאה צו מיר, נישט געקוקט דערויף, וואָס רוסלאַנד איז געוואָרן אַ פיינטלעך לאַנד.

האָב איך דעריבער באַשלאָסן צו באַזוכן עטלעכע פון מיינע פּראָפעסאָרן — טאָמער וועלן זיי אונז קאָנען באַהילפיג זיין אין דעם פּלוצימדיגן קריזיס.

צוערשט האָב איך אָפּגעשטאַט אַ וויזיט ביים לאָקאַלן ראַבינער. ער איז אַ איד, האָב איך געטראַכט, און עס איז דער חוב פון דער אידישער געמיינדע צו זען, אַז אַ געשטראַנדעטער איד אין אַ פרעמד לאַנד זאָל באַשיצט ווערן. כ'האָב געטראָפן דעם ראַבינער אין זיין וואויל־אויסגעשטאַטער וואוינונג אָנגעטאָן אויף אַרויסצוגיין אין גאַס. ער האָט מיך אויסגעהערט און אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסל. ער האָט געוואוסט ,אַז איך בין ניט קיין שנאָרער. פאַר אים וואָלט באַדאַרפט געווען זיין קלאָר, אַז דאָס איז אַן אויסנאַמס־פאַל. געזאָגט האָט ער אָט־וואָס:

— ס'טוט מיר לייד. איר זייט אַ רוס און מיר זיינען דייטשן, און אונזער פליכט איז ערשטנס און לעצטנס צו אונזער פאָטערלאַנד. חוץ דעם, גיי איך איצט אין סינאַגאָגע אריין. עס איז תשעה באב, און מיר אידן דאַרפן בעטן גאָט.

כ'האָב געקענט דעם פּראָפעסאָר אַלפרעד וועבער. כ'האָב געהאַט גרונד צו גלויבן, אַז יענער האָט וועגן מיר אַ הויכע מיינונג. האָט ער דען ניט געלויבט מיינע אַרבעטן אויף זיין סעמינאַר און האָט ער דען מיר ניט גע־שענקט קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט אין מיינע שטודיען? איך בין געקומען צו אים אַהיים און האָב אויסגעפונען, אַז ער איז שוין אַריינגע־טראָטן אין דער אַרמיי און האָט געדינט ווי אַ מיליטערישער אַדוואָקאַט. קיין הילף פון דעם ווינקל.

געבליבן איז בלויז פּראָפעסאָר מאַקס וועבער. ער האָט שוין מער ניט געהאַלטן קיין לעקציעס אין אוניווערזיטעט, אָבער מיטן אוניווערזיטעט איז ער נאָך געווען פאַרבונדן. ער האָט דאָרט אָנגעפירט אַ מין סעמינאַר פאַר מער באַלערנטע סטודענטן. אַזוי ווי ער האָט געקענט רוסיש און געהאַט גע־שריבן וועגן רוסישע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, האָב איך זיך ניט איינמאָל געווענדט צו אים נאָך אַן עצה.

זיין פרוי, מאַריאַנאַ וועבער, איז געווען באַוואוסט ווי אַ קעמפערין פאַר פרויען־רעכט. זי איז באַטראַכט געוואָרן ווי איינע פון די פּראָגרעסיווסטע פרויען אין דייטשלאַנד. מאַקס וועבער און זיין ברודער אַלפרעד זיינען געווען

די איינציגע, וואָס האָבן אויף א צוזאמענפּאָר פון דייטשע פּראָפעסאָרן אָפן פּראָטעסטירט געגן ניט־צולאָזן קיין סאָציאַליסטן צו פּראָפעסאָרן־פּאָסטן. מאַקס וועבער האָט אפילו געקוקט קרום אויף דער דייטשער רעגירונג גופא. ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער ליבעראַל, האָב איך געמיינט. וועט ער זיך דען ניט פאראינטערעסירן מיט דער לאַגע פון זיינעם א געוועזענעם סטודענט, וועמען ער האָט גוט געקענט און וועגן וועמען ער האָט געוואוסט, אז יענער איז א פּאָליטישער פליכטלינג פון רוסלאַנד?

כ'האָב געמוזט וואַרטן א היבש ביסל, ביז מיר האָט זיך איינגעגעבן זיך צו זען מיטן פּראָפעסאָר. ער האָט זיך געאיילט צו א מיליטערישן ראַט פון אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָרן, האָט ער מיר געזאָגט, און האָט קיין צייט ניט געהאַט מיט מיר צו פאַרברענגען. איך האָב אים דערקלערט וועגן וואָס כ'בין געקומען. פאַרלאַנגט האָב איך פון אים בלויז אַן עצה: ווי אזוי צו באַשיצן זיך אין אָט־דער קריטישער שעה.

דער פּראָפעסאָר האָט מיך אָנגעקוקט און געזאָגט הארב:

— איך בין איבערראַשט, וואָס איר זייט געקומען צו מיר. נאָך אַלעמען זייט איר א רוס און איך בין א דייטש, און אונזערע לענדער זיינען אין קריג איינס מיטן אַנדערן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועקגעגאַנגען.

צוויי מעת־לעת האָבן מיר אַרומגעוואַנדערט איבער די גאַסן פון היידעל־בערג. די איינוואוינער זיינען געווען אויפגערייצט ביז גאָר. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אין די גאַסן און געליאַרעמט. אומעטום זיינען געווען געקלעפּט קייזערלעכע פּראָקלאַמאַציעס מיט דעם נוסח, אז „יעדער בירגער קאָן העלפן זיין פּאָטערלאַנד דורך כאַפּן אַן אויסלענדישן שפּיאָן", ווייל דאָס לאַנד — האָט די פּראָקלאַמאַציע געגעבן צו פאַרשטיין — איז פאַרפּעסטעט מיט שפּיאָנען. עס זיינען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אז מען האָט געכאַפּט א רוסישן שפּיאָן, בעת ער האָט געפּרוּווט אויפרייסן א געוויסן היסטאָרישן שלאָס (א האַלבע חורבה, וואו קיינער האָט ניט געוואוינט זינט דעם 17טן יאָר־הונדערט). פון יעדן ווינקל האָט אויף אונז געלאָקערט די געפאַר פון א מאַב־איבערפאַל.

ענדלעך האָט זיך אונז איינגעגעבן צו קריגן א וואוינונג ביי אַן אַלטער גוט־האַרציגער דייטשקע, וואָס האָט מיך געקענט פון פריערדיגע יאָרן. מיר זיינען דאָרט איינגעשטאַנען דריי טעג, אָבער אויפן פערטן טאָג האָט א מאַב פון אַרום פינף הונדערט אַרומגערינגלט דאָס הויז, און עטלעכע צענדליג

פון דעם המון האָבן זיך אַריינגעריסן, כדי „אויסצוראַמען די רוסישע שפּיאָנען".

ס'איז געווען אַ נס, וואָס מיר האָבן זיך געראַטעוועט מיטן לעבן. מיר האָט אָפּגעגליקט וואָס איך בין געווען באַקאַנט מיט דייטשלאַנד און די דאָרטיגע פירונגען. צווישן עולם זיינען געווען עטלעכע סאָלדאַטן אין זייערע מיליטערישע מונדירן. כ'האָב זיך געווענדט צו זיי מיט אַ שטרענגען טאָן און געזאָגט:

— ס'איז אייער פליכט פון סאָלדאַטן אונז צו ברענגען אין דער מי־ליטערישער הויפּט־קוואַרטיר און אונז איבערגעבן צום קאָמאַנדיר. דעריבער מוזט איר אונז באַשיצן פון דעם צערייצטן עולם.

די סאָלדאַטן האָבן זיך געפילט געשמייכלט. זיי האָבן געקוועלט פאַר שטאָלץ. באַלד האָבן זיי פאַנאַנדערגעשטופּט דעם המון און דערקלערט, אַז זיי וועלן אונז אָפּפירן צו דער מיליטערישער הויפּט־קוואַרטיר.

ס'איז געווען אַ שיינער טאָג. די זון האָט געשיינט און די צערטלעכע הייזער מיט די לאַנקעס און בלומען האָבן אויסגעזען געמיטלעך. אַזוי פיל טעג און חדשים האָב איך פאַרבראַכט אין אָט־דער אידילישער שטאָט, אַזוי פיל שעה'ען פון גליקלעכן פאַרזונקען־ווערן אין די טיפע וואַסערן פון דייטשן טעאָרעטישן געדאַנק האָב איך דורכגעמאַכט אין די חדרים פון הויכן וויסן, מיט וועלכע די שטאָט איז געווען באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט. אַזוי פיל פּאָעטישע פאַרנאַכטן האָב איך דאָ פאַרבראַכט שפּאַצירנדיג דורך די שיינע וועלדער אויף די בערג לעבן דעם טייך נעקאַר. אַזוי פיל פריינט האָב איך דאָ געהאַט אין דער פריינטלעכער סביבה פון געמיטלעכן היידעלבערג!

איצט בין איך געגאַנגען איבער דער זעלביגער ראָרבאַכער שטראַסע, וואו איך האָב אַמאָל געוואוינט. אַ המון פון העכער הונדערט איז אונז נאָכגעגאַנגען. דאָ און דאָרטן האָבן די מער היציגע פון דעם המון זיך דורכגעריסן דורך דער קייט סאָלדאַטן און אונז געסטראַשעט מיט די פויסטן. יונגע שיינע טעכטער פון דייטשע בירגער זיינען געשטאַנען אויף די באַ־בלומטע באַלקאָנען און געמאַכט פויסטן קעגן די „רוסישע שפּיאָנען".

ווען מיר זיינען ענדלעך אָנגעקומען אין דער הויפּט־קוואַרטיר, האָבן די אָפיצערן אונטערזוכט אונזערע פּאַפּירן און דערקלערט טרוקן, אַז מיר קאָנען גיין. מיר האָבן אָבער ניט געקאָנט גיין. דער המון אין דרויסן איז געווען צעווילדעוועט. אונזערע לעבנס וואָלטן ניט ווערט געווען קיין פּפעניג אויף די גאַסן פון היידעלבערג.

ווידער איז מיין באַקאַנטשאַפט מיט דייטשע פירונגען און דייטשן געזעץ

מיך בייגעשטאַנען. כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז אין אוניווערזיטעט האָב איך געהאַט שטודירט וועגן דעם רעכט פון „שוץ־האַפט״. צו יענער צייט איז דאָס באַטראַכט געוואָרן בלויז ווי אַ טעאָרעטישער ענין. שוץ־האַפט איז דעמאָלט זעלטן־ווען אָנגעווענדט געוואָרן. איצט אָבער איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך קאָן פאַר זיך פאָדערן דאָס רעכט. איך האָב געזאָגט דעם אָפיצער, אַז מיר מוזן פאַרהאַפטעט (ארעסטירט) ווערן צוליב אונזער שוץ, ווייל אונזערע לעבנס זיינען אין געפאַר. דאָס מיידל האָט באַמערקט, אַז זי וועט זיך גיכער פאַרלאָזן אויף דעם דייטשן געזעץ, איידער אויף אַ דייטשן המון. איך ווייס ניט צי מיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם דייטשן געזעץ אָדער דעם מיידל׳ס שמייכל האָט געהאַט די געווינטשטע ווירקונג. מיר זיינען „פאַר־האַפטעט״ געוואָרן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיך באַוויזן עטלעכע דייטשע פריינט. זיי האָבן אונז באַזוכט אין געפענגעניש, געבראַכט ביכער און דערמוטיגונג. מ׳האָט אונז מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער אַרויסגעלאָזט און אונז האָט זיך איינגעגעבן צו געפינען אַ וואוינונג אין אַ גאַסט־הויז. שפּעטער בין איך אויף אַן אמת׳ן אַרעסטירט געוואָרן, ווייל אַלע בירגער פון פיינטלעכע לענדער זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן הינטער גראַטעס. כ׳בין אָפּגעזעסן אַ חודש צייט אין אַ דייטשער געפענגעניש, ביז ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז איך בין ניט פייאיג פאַר מיליטערישער דינסט, און כ׳האָב געקראָגן אַ דערלויבעניש צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

כ׳האָב דורכגעמאַכט אַלערליי מאַטערנישן, ביז ס׳האָט זיך מיר ענדלעך איינגעגעבן אָנצוקומען אין דער שווייץ. פון דאָרטן בין איך מיט דער צייט אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע.

איך דערפיל זיך פּלוצים ווי אַ טייל פון אַמעריקע

גראָד האָט דאָס באַדאַרפט פּאַסירן מיט מיר אויף דער באַוערי, ביי קאַנעל סטריט, אין ניו יאָרק.

ס׳איז געווען אָנהויב פרילינג. דער טאָג איז געווען אַ לויטערער און אַ קילער, און אין דער לופט האָט זיך געשפּירט אַ מונטערע פרישקייט פון ים. איך האָב געשפּאַנט אין דער ריכטונג פון מאַנהעטן ברידזש. די געגנט פון דאַון־טאַון האָט געזשומעט מיט טעטיגקייט און איז געווען פול מיט אַט־דער לעבנס־קראַפט, וואָס מאַכט לעבעדיג אַלץ אַרום, אפילו די זאַכן, וואָס האָבן אין זיך קיין לעבן ניט.

ארויס פון דער רעדאַקציע, האָב איך זיך געלאָזט גיין גלאַט אַזוי, אָן שום ציל. די שפּירונג פון לעבן, דער פאַרגעניגן פון גיין פאַראויס אין דעם געדראַנג פון שטאָטישע מענטשן, האָט מיך איבערגעוועלטיגט. און פּלוצים האָט אַמעריקע זיך אָפּגעשטעמפּלט אויף מיר מיט אַ גאַנץ נייער פרישקייט און קראַפט.

ס'איז געווען אַן איבערלעבונג, אַ שטייגער, ווי איינער וואָלט פּלוצים דערשפּירט זיין צונויפבונד מיט לאַנד. מיט איין אויגנבליק האָב איך דערזען די רחבות פון אַמעריקע, איר גרויסע גבורה, דעם ריזיגן פאַרנעם פון איר אַרבעט, די מענטשן, וואָס זיינען באַשעפטיגט אומעטום אויף אירע שטרעקעס, די ענערגיע, וואָס האָט פּולסירט אין אירע אָדערן, די פּערספּעקטיוון, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעעפנט פון אָקעאַן צו אָקעאַן.

דאָס איז ניט געווען קיין טראַכטעריי, ס'איז ניט געווען קיין סאָציאָ־לאָגישער צוגאַנג: איך האָב זיך געפונען אין אַמעריקע און פּלוצים, גאָר אומדערוואַרט, האָב איך זיך דערפילט ווי אַ טייל פון אַמעריקע. און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז כ'האָב פּלוצים געפונען עפּעס אַ טייערע זאַך — אַ שפּירונג פון צונויפגאַס מיט אַ לאַנד, וואו איך בין אָנגעקומען אָט־ערשט־אַ, צוריק מיט עטלעכע חדשים.

די איבערלעבונג איז פאַר מיר געווען אַזוי ניי, אַז איך האָב אויפגעהערט שפּאַנען. כ'האָב באַמערקט, אַז איך בין אויף דער באָוערי. פון אויבן האָט די עלעוועיטעד־באַן אויסגערוישט איר מאָנאָטאָנעם ניגון. די באָוערי, מער טונעל ווי גאַס, האָט אויסגעזען ווי אַ צייכענונג אין שוואַרץ און ווייס, און דורך דער רעשעטע פון שפּאַלן און רעלסן האָט די זון געמאַכט משונה'דיגע אוזאָרן.

די באָוערי האָט אויסגעזען גאָר אַנדערש, באַ'יום־טוב'ט. ווייל אינע־ווייניג אין מיר איז געווען אַ גרויסער, אַ פריידיגער און אומגעהויערער יום־טוב.

פּונקט דעמאָלט איז אונטערגעקומען אַ פאַרקויפער פון פאָנען. איך האָב געקויפט צוויי איין־אינטשיגע אַמעריקאַנער פענדלעך. איינס האָב איך צו־געשפּיליעט צום לאַץ, דאָס צווייטע האָב איך צוגעפעסטיגט צו דער וואַנט פון מיין צימער, איבערן שרייב־טיש.

מיין לענדלעידי איז געווען אַ סאָציאַליסטקע. ווען זי איז אויף מאָרגן אַריין אין מיין צימער און האָט דערזען דאָס פענדל, האָט זי אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט פאַרדראָס.

— אזוי, זייט איר, הייסט עס, געוואָרן אַ פּאַטריאָט, — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט שפּאָט.

איך האָב זיך ניט גענומען די מי צו פאַרענטפערן זיך. כ׳האָב געפילט, אַז כ׳בין גאָר ניט בכח צו דערקלערן איר מיין געמיט־צושטאַנד, אַזוי אַז זי זאָל מיך פאַרשטיין. איך בין געווען אַ סאָציאַליסט און ממילא — אַ געגנער פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. אין די אויגן פון מיין לענד־לעידי האָט דער אַמעריקאַנער פלאַג סימבאָליזירט אַ סיסטעם, וואָס איז געווען אין עצם קאַפּיטאַליסטיש. איז ווי אַזוי האָב איך איר געקאָנט געבן צו פאַר־שטיין, אַז די עמאָציע, וואָס האָט מיך באַוועגט צו קויפן די צוויי אַמעריקאַנער פענדלעך, איז געווען פון גאָר אַן אַנדער מין? וואָלט זי דען פאַרשטאַנען, אַז יענעם פרימאָרגן, אויף אַ דאַון־טאַונער גאַס, האָב איך דערשפּירט אַ צונויפבונד מיט אַ ריזיגן וועזן, וואָס האָט מיך פאַרשלונגען און געמאַכט מיך פאַר אַ טייל פון אָט־דעם גרויסן וועזן?

צו יענער צייט איז באַטראַכט געוואָרן ווי נישט־דעמאָקראַטיש, אַז אַ סאָציאַליסט זאָל ארויסשטעלן דעם אַמעריקאַנער פלאַג. ס׳איז געווען שיר ניט אַן אויסדרוק פון אומגעטריישאַפט צום סאָציאַליזם. און דאָך האָב איך זיך ניט געפילט שולדיג. פאַרקערט, כ׳האָב זיך געפילט דערהויבן. איצט, ווען איך דערמאָן זיך אָן יענעם מאָמענט אויף דער באַוערי, קומט ער מיר פאָר ווי אַ סימבאָל. דאָס איז געווען בלויז איינער פון די מייל־צייכנס אויף מיין וועג צו געפינען און באַנעמען אַמעריקע. דעמאָלט איז צום ערשטן מאָל געשאַפן געוואָרן אַן אינטימער בונד צווישן אַ פרעמד־געבוירענעם, וואָס איז געקומען צו באַזעצן זיך אין לאַנד, און דעם לאַנד, וואָס ער האָט אויס־געקליבן — אַ בונד, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט אויסדריקן דורך ווערטער און האָט געהאַט אַן אייגענע ממשות, אָפּגעזונדערט פון אידייען, באַגריפן, שטעלונגען און פּראָגראַמען.

אַמעריקע איז געווען מיין אויסוואַל און ניט מיין לעצטער אויסוועג, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט דעם רוב אימיגראַנטן. איך בין געקומען קיין אַמעריקע ניט דערפאַר, וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער אָרט צו וואוינען און אויך ניט דערפאַר, וואָס כ׳האָב געזוכט חיונה, נאָר ווייל כ׳האָב געזוכט אַ ברייטערע פרייהייט, וואָס כ׳האָב אין אייראָפּע ניט געקאָנט געפינען.

דאָס איז געווען צום אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה. ווי אַ סאָציאַליסט, וואָס איז געווען טעטיג אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע קרייזן זינט 1903, האָב איך פון 1906 אָן געוואוינט דאָס רוב אין אויסלאַנד — אין דייטשלאַנד, שווייץ און עסטרייך, מיט קירצערע אָדער לענגערע באַזוכן אין מיין היימלאַנד.

די מלחמה האָט מיך געטראָפן אין דייטשלאַנד און פון דאָרטן האָט זיך מיר איינגעגעבן אַנצוקומען אין דער שווייץ. דער קראַך פון קאַנאַנען האָט אַנ־געפילט אייראָפּע פון איין עק צום אַנדערן. איך האָב ניט געקאָנט צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד, וואו די צאַרישע רעגירונג האָט מיך געוואָלט פאַרזעצן הינטער אייזערנע גראַטעס דערפאַר, וואָס כ'האָב געשריבן זאַכן, וועלכע די צענזור וואָלט ניט גוטגעהייסן. איך וואָלט געקאָנט געוועזן בלייבן אין דער שווייץ, אין איטאַליע אָדער אין וועלכן ס'איז פון די אַליאירטע לענדער. כ'האָב פאַר־דינט אויף אַ לעבן דורך מיינע קאָרעספּאָנדענצן אין דער אַמעריקאַנער אידישער פּרעסע. די שווייץ איז דעמאָלט געווען אַ מין עיר מקלט פאַר אַ סך רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין אייראָפּע.

אָבער ווען איך בין אָנגעקומען אין דער שווייץ, אין אָקטאָבער, האָב איך נאָך אַלץ געהאַט פאַר די אויגן דאָס בילד פון די ערשטע פאַרוואונדעטע, וואָס זיינען אָנגעקומען פון די פראָנטן אין „מיין" שטאָט אריין, היידעלבערג.

דייטשלאַנד איז געווען אין פלאַמען, עסטרייך איז געווען אין פלאַמען, דאָס צעוואָרפענע רוסלאַנד איז אויך געווען אין פלאַמען. די דייטשע אַרמייען האָבן שוין געהאַט אַריינגעדרונגען אין בעלגיע און האָבן מאַרשירט אויף פּאַריז. פון מיין האָטעל אין באַזעל האָב איך, אין דער נאַכט, ווען איך בין אָנגעקומען פון דייטשלאַנד, געהערט דעם געברום פון אַרטילעריע. די קאַפייען אין באַזעל, אין ציריך, אין זשענעווע און אַנדערע שטעט זיינען געווען אָנ־געפילט מיט רוסן, וואָס האָבן גערעדט וועגן דער מלחמה. לעקציעס זיינען געהאַלטן געוואָרן, היציגע דיסקוסיעס האָבן שאַרף צעטיילט די אָנטיילנעמער און צוהערער. איך בין געווען איבערראַשט, דערשטוינט און האָב ניט געהאַט קיין חשק זיך צו באַטייליגן אין די דעבאַטן. אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי אומ־רעאַל און, לויט מיינע דעמאָלטדיגע שטימונגען, אַזוי אומנויטיג. ערשט שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען ווי וויכטיג און אַנטשיידנדיג עס זיינען געווען יענע דעבאַטן אין די קרייזן פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. אָבער צו יענער צייט איז מיר געווען ענג אין דער שווייץ, ווי אין אַ שטייג. איך האָב געקאָנט פאָרן קיין ענגלאַנד אָדער פראַנקרייך, נאָר דאָס איז פאַר מיר געווען אַ קנאַפּע טרייסט, ווייל כ'האָב געוואוסט, אַז אויך דאָרט וועל איך זיך פילן געפּענטעט. אייראָפּע האָט פאַר מיר אָנגעוואוירן איר רייץ, און אַמעריקע איז מיר פאָרגעקומען ווי דאָס פיל־צוזאָגנדיגע לאַנד. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט ביז איך בין אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע.

אָנהויב נאָוועמבער האָב איך באַטראָטן דעם אַמעריקאַנער באָדן. ווי געזאָגט, בין איך געקומען מיט מיין פרייען ווילן און ניט דערפאַר, וואָס

די נויט האָט מיך אַהער געטריבן. איך בין געקומען זיך באַזעצן אין אַמעריקע, זיך פאַרשמעלצן מיט איר, אָפּגעבן איר מיינע כחות און פעיִקייטן. גע־קומען בין איך אין די מיטעלע דרייסיגער, ניט גאָר קיין ריפער מענטש, נאָר מיט דערפאַרונג אויפן געביט פון אייראָפּעיִשן לעבן, קולטור און קאַמף. כ׳האָב געהאַט בדעה זיך אַריינצולאָזן אין דעם הויפּט־שטראָם פון אַמערי־קאַנער לעבן. ס׳איז אַוועק אַ היבש ביסל צייט, ביז מיין וואונטש איז פאַרווירקלעכט געוואָרן.

ניו יאָרק מאַכט אויף מיר אַ שווערן איינדרוק

געקומען בין איך מיט דער שיף „סט.-לואיס" פון דער אַמעריקען לאַין. מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון ליווערפול און געפאָרן צען טעג איבערן אַטלאַנטיק. שפּעט נאָכמיטאָג, דעם 3טן נאָוועמבער, זיינען מיר צוגעקומען צו דער פרייהייט־סטאַטוע. איך בין געווען אויפן דעק און באַטראַכט דאָס בילד. כ׳האָב געהאַט אַזוי פיל געלייענט וועגן דער אומרואיגקייט און אַנגסט, וואָס דער אימיגראַנט מאַכט־דורך ביים צוקומען צו די אַמעריקאַנער ברעגן, אַז ס׳איז פאַר מיר געווען אינטערעסאַנט צו אונטערזוכן מיינע אייגענע איבערלעבונגען. איך האָב ניט געפילט קיין שום אַנגסט, קיין שום שרעק — בלויז אַ פאַרשלינגענדיגע נייגעריגקייט, אַ באַגער צו זען און צו פאַרשטיין.

די טורעמדיגע געביידעס פון אונטערשטן מאַנהעטן זיינען געשטאַנען שטאַר און שטרענג מיט זייערע טויזנטער פענצטער ווי האָניג־קעמערלעך — באמת אַן אומגעוויינטלעך בילד. די פרייהייט־סטאַטוע האָט ביי מיר אַרויס־גערופן אַ סך געדאַנקען, וואָס זיינען מיר געווען באַקאַנט פון די אָפּרופן פון אַנדערע אייראָפּייער. כ׳האָב אָבער קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן, ווייל דאָס אויג איז געווען באַשעפטיגט מיט אַרומנעמען דאָס בילד.

די זון האָט זיך געזעצט. איר רויטער גאָלדענער בליאַסק איז געווען צעגאָסן אומעטום. דאָס וואַסער איז געווען גרינלעך־בלוי און פינקעלדיג, די סילועטן פון שיפן האָבן זיך דייטלעך אָנגעזען. פלאַכע אינזלען, וואָס זייערע נעמען זיינען מיר ניט געווען באַקאַנט, האָבן אַזוי ווי אויפגעטויכט פון דער טיפעניש. די שיף האָט זיך דורכגעאַקערט אַ וועג דורך אַ מאַסע קלענערע שיפלעך. און דער האַפן, וואָס האָט געשוויבלט מיט טעטיגקייט, האָט גע־שאַפן אַ מאָדנעם קאָנטראַסט צו דער רו פון זון־אונטערגאַנג און די סילועטן פון די געביידעס אויף די אינזלען. פון ערגעץ האָט זיך אַ גליענדיגע ליכטיג־

קייט אויפגעהויבן איבערן וואסער, און לעבן דער ליכטיגקייט האָט זיך מיט גרויסע אותיות אויסגעקריצט דאָס וואָרט „קאַלגעיט".

אַלץ האָט אויסגעזען פרעמד, אומבאַקאַנט, אָבער ניט אומדערוואַרט. ווען איך בין שוין געווען אין דער שטאָט גופא, האָב איך זיך אָבער אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט צוגעוואוינען צו אָט־דעם בילד, וואָס כ'האָב געזען, ווען די שיף איז צוגעקומען צום ברעג.

מאָדנע ווי דאָס קומט מיר פאָר היינט, האָט ניו יאָרק אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ העסלעכער שטאָט. כ'האָב, צום ביישפּיל, חדשים־לאַנג זיך ניט געקאָנט צוגעוואוינען צו די דרויסנדיגע פייער־עסקעיפּס. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי פירן־איבער יעדע געביידע. ס'איז מיר אָפּט אויסגעקומען צו פאָרן מיט דעם עלעוועיטעד אויף דער צווייטער און דריטער עוועניו, און כ'האָב געקאָנט זען די זייטיגע גאַסן אין זייער גאַנצער אומפאַרשעמטער אָרעמקייט. אַלטע, צעדרומשקעטע הייזער מיט פייער־עסקעיפּס, מיט גרעט אַרויסגעהאַנגען אויף שטריק, מיט בעט־געוואַנט אַרויסגעהאַנגען פון די פענצטער — ס'איז געווען אַ העסלעך בילד. די שמאָלע גאַסן און טראָטואַרן זיינען געווען פול מיט מענטשן, פּושקאַרטס און געשטעלן. ס'איז געווען העסלעך. אַפילו די נייע געביידעס אַפּטאַון האָבן געהאַט דרויסנדיגע פייער־עסקעיפּס, וואָס האָבן מיאוס געמאַכט דעם גאַנצן בנין. פינפטע עוועניו, וואוהין מיינע פריינט האָבן מיך געבראַכט אויף מאָרגן נאָך מיין אָנקומען, האָט אויף מיר ניט געמאַכט קיין באַזונדערן איינדרוק. כ'האָב זיך געפילט אומבאַקוועם. איצט איז פאַר מיר קלאָר, אַז מיר זיינען דערווידער ניט אַזוי די אַרכיטעקטאָרישע אונטערשיידן צווישן ניו יאָרק און פּאַריז, אָדער בערלין, אָדער ווין, צי פּעטערבורג, נאָר דער סאַמע כאַראַקטער פון אַ מאָדערנער אינדוסטריעלער שטאָט, דער נערוון־צענטער פון אַ גאַנצן קאָנטינענט. אָבער דאָס האָב איך באַגריפן אַ סך שפּעטער.

דערווייל האָב איך זיך געפילט גאָר ניט גוט אין ניו יאָרק. די שטאָט האָט מיך געדריקט און געשראָקן. די עלעוועיטעד־באַנען זיינען געווען ניט איבערצוטראָגן. דער באַטויבנדיגער גערויש פון די סאָבוועיס האָט ביי מיר אָפּגענומען דעם מוט. די שטופּעניש פון מענטשן אין די גערדראַנג־שעה'ן איז מיר פאָרגעקומען ווי אַ באַליידיגונג פאַר דער פרייהייט פון דעם יחיד. דעם ערשטן מאָל, ווען אַ ריזיגער „אַריינשטופּער" האָט מיך צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע מענטשן בוכשטעבלעך אַריינגעקוועטשט אין אַ סאָבוועי־וואַגאָן, האָב איך דעם פאַרשווין געוואָלט דערלאַנגען אין די ציין. אין דעם גערדראַנג

האָט מען מיר אָפּגעריסן אַ קנעפּל פֿון רעקל, און כ'האָב דאָס קנעפּל באַהאַלטן ווי אַ צייכן פֿון מיין „אַמעריקאַניזאַציע".

צו וואָס דער טומל? ס'האָט זיך מיר געדאַכט — און ס'דאַכט זיך מיר נאָך אַלץ — אַז אַמעריקאַנער, ספּעציעל ניו יאָרקער, צייכענען זיך אויס מיט זייער געפּילדער. כ'האָב ניט געקאָנט אַזוי שטאַרק פּראָטעסטירן געגן דעם געפּילדער אויף די גאַסן, כאָטש אויך דאָרט וואָלט עס געקאָנט צוגיין שטילער. כ'האָב אָבער ניט געקאָנט פֿאַרשטיין דעם ליאַרעם אין רעסטאָראַנען. פֿאַרוואָס מוז אַ טשאַילדס־רעסטאָראַן זיין אָנגעפּילט מיט דער אומדערטרעגלעכער קלאַפּעריי פֿון געפּעס? פֿאַרוואָס מוז אַ טעאַטער־פֿאָרשטעלונג איבערגעריסן ווערן דורך די אויסגעשרייען פֿון די אייז־קרים פֿאַרקויפֿער? פֿאַרוואָס מוזן מענטשן, וואָס קומען צו אַ ספּאָרט־קאָנטעסט, מאַכן גוואַלדן? פֿאַרוואָס מוז יעדער פֿאַרזאַמלונג־פּלאַץ זיין אַזוי טומלדיק?

איך קאָן ניט זאָגן, אַז איך האָב באמת געליטן פֿון די אַלע מאָדנע זאַכן. איך בין בלויז געווען אַ באָאָבאַכטער. אַזאַ באַציאונג האָב איך געהאַט צו דער אַרומיקער סביבה אין דעם משך פֿון די ערשטע צוויי יאָר. איך האָב זיך געפּילט ווי אין אַ וואַקואום. איך האָב געזען זאַכן, דורכגעמאַכט אַלערליי דערפֿאַרונגען, פֿאַרשטאַנען זייער ווערט און באַדייטונג, אָבער איך אַליין בין געבליבן אַזוי ווי אַ זייטיגער צו דעם אַלעם. איך פֿלעג זאָגן צו זיך אַליין, אַז כ'האָב אויפגענומען דאָס לעבן אין אַמעריקע אַזוי ווי דורך אַ דיקער גלעזערנער וואַנט.

נאָכאַמאָל: פּערזענלעך האָב איך זיך ניט געקאָנט באַקלאָגן אויף אומבאַקוועמלעכקייט. כ'האָב זיך באַזעצט אין אַ דירה אויף דעם אויבערשטן שטאָק פֿון אַ פּריוואַטן הויז, אַנטקעגן קלערמאָנט פּאַרק. ס'איז געווען אַ בוידעם־דירה מיט אַ שמאָלער סטעליע, אָבער די צוויי צימערן זיינען געווען גאַנץ גראַמע. ווען ס'איז געקומען דער פֿרילינג און עס זיינען אין די פֿענצטער איינגעפּאַסט געוואָרן די דראָטענע „סקרינס", האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וואוין הינטער גראַטעס אין טורמע. כ'האָב אַרויסגענומען די „סקרינס", אָבער בלויז אויף איין נאַכט, ווייל די מאַסן־אַטאַקע פֿון די מאָסקיטעס איז נאָך געווען ערגער ווי די שפּירונג פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט.

מיר איז געווען באַקוועם צו וואוינען אין יענער דירה. קיינער האָט מיר ניט געשטערט, און דער דרויסן איז פֿון קיין זאַך ניט געווען פֿאַרשטעלט. אָבער אַפּילו אין אָט־דעם פּרט איז עס געווען אַנדערש ווי אין אַן אייראָפּייאישער שטאָט. דער פּאַרק, האָט זיך מיר געדאַכט, איז אַ טיפּיש־אַמעריקאַנישער: ניט אַזויפֿיל ביימער, ווי געפּלאַסטערטע וועגן און סטעזשקעס

מיט אויטאמאבילן, וואס לויפן אין אלע ריכטונגען. איך בין געווען ווייט פון די געדיכט־באפעלקערטע געגנטן, און דאך האב איך געקאנט הערן דעם קלאפ־קלאפ פון דער עלעוועיטעד־באן אויף יענער זייט פארק און דעם ליארעם פון אויטאמאביל־הארנס אויף אלע זייטן. ווען דער ערשטער פייער־ענדזשין איז פארבייגעפארן מיין הויז, האב איך זיך געפרעגט: צו וואס דער יאמער פון דער סירענע און דאס געקלאנג פון גלאק? מיר האט זיך געדאכט, אז דאס איז געווען אן אומיסטנדיגע טעאטער־שפיל און אז די פייערלייט האבן אליין שטארק הנאה געהאט פון זייער פארשטעלונג.

בלויז צוביסלעך האב איך זיך אנגעהויבן צוגעוואוינען צו דער שטאט, און ערשט נאך דעם, ווי כ'האב באזוכט די פארשיידענע טיילן פון ניו יארק, אויף מיינע לאנגע שפאצירן און נסיעות, האב איך אנגעהויבן באנעמען און אפשאצן די לעבנס־קראפט, די רחבות און די שיינקייט פון א סך ניו יארקער געגנטן.

ווי מיט דער דרויסנדיגער סביבה, אזוי מיט דער שפראך. ווען איך בין געקומען קיין אמעריקע האב איך געקענט אויסגעצייכנט רוסיש, דייטש און אידיש. כ'האב אויך געקענט לייענען פראנצויזיש און פויליש, שוין אפ־גערעדט פון העברייאיש, וואס דאס איז פאר מיר געווען א מין מוטער־שפראך. אבער קיין ענגליש האב איך כמעט אינגאנצן ניט געקענט. כ'וואלט זיך אין אייראפע אליין געוועזן אויסגעלערנט ענגליש, ווייל זעלבסט־בילדונג איז פאר מיר קיין נייעס ניט געווען. האב איך דאס אבער ניט געקאנט אונטערנעמען מחמת די שוועריגקייטן מיט דער אויסשפראך, און אנצושטעלן א לערער וואלט געווען א צו־שווערע לאסט אויף מיין בודזשעט. אזוי ארום האב איך כמעט גאר קיין ענגליש ניט געקענט, ווען איך בין אנגעקומען קיין ניו יארק.

כ'האב זיך גענומען שטודירן די שפראך מיט דער הילף פון מיין לענד־לעדי'ס טאכטער, וועלכע איז געגאנגען אין קאלעדזש און האט געהאט זייער א גוטע אויסשפראך. כ'האב געארבעט שווער, אבער ס'האט געדויערט עטלעכע חדשים, ביז כ'האב זיך אויסגעלערנט צו דערהערן באזונדערע ווערטער אין דעם שטראם פארדומפענע קלאנגען און זילבן. כ'האב ניט געהאט קיין שוועריגקייט זיך אויסצולערנען לייענען ענגליש, און אין א פאר חדשים ארום בין איך דערגאנגען מיין לערערין די יארן דערמיט, וואס כ'האב געוואלט ניט אנדערש ווי לייענען די „ניו יארק טאימז” פון די ערשטע שורות ביז די לעצטע, אריינגערעכנט די אדווערטאיזמענטס און אפיציעלע כראניק. מיר איז אויך ניט אנגעקומען שווער צו פארמולירן ווערטער און פראזן פאר

טאָג־טעגלעכן געברויך. ס'איז אָבער אוועק העכער א יאָר איידער כ'האָב זיך אויסגעלערנט הערן ענגליש.

איינמאָל אין אַן אָוונט, געדענק איך, האָב איך געוואַרט אויף א באַן אויף דער ברוקלין־ברידזש סאַבוועי־סטאַנציע. ס'איז געווען אַרום איינס אַזייגער ביינאַכט, און די סטאַנציע איז געווען ליידיג. א הויכער פּאַרשוין, מיט צוויי קעפּ העכער פון מיר, איז צוגעקומען און מיך עפּעס געפרעגט. ווען זיין פראַגע וואָלט געווען אויפגעשריבן אויף פּאַפּיר, וואָלט איך זיכער געווען פאַרשטאַנען איטלעכס וואָרט. כ'האָב אָבער די אַרויסגערעדטע פראַגע זיינע ניט געקאָנט פאַרשטיין. דאָס איז געווען א חודש נאָך מיין אָנקומען אין ניו יאָרק. אַרויסרעדנדיג פּינקטלעך יעדע זילבע, אַזוי ווי מ'האָט מיך געלערנט, האָב איך געזאָגט: „עקסקיוז מי, סער, אי דו נאָט ספּיק אינגליש.״ יענער האָט פון אויבן אַראָפּ א וואָרף געטאָן אויף מיר א בייזן בליק און געזאָגט מיט פאַראַכטונג: „ווי וועט איר לעבן דאָ אין לאַנד, אויב איר קענט קיין ענגליש ניט?״ דאָס מאָל האָב איך יאָ פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געזאָגט, און כ'האָב געענטפערט: „אי שעל לוירן, סער.״ אָבער אינעווייניג בין איך ביי זיך ניט געווען געפאַלן און כ'האָב געטראַכט: „וואַרט, כ'וועל נאָך אַמאָל לערנען דיינע קינדער ענגליש און אפשר טאַקע דיך אַליין.״

איך הויב אָן לייענען אַמעריקאַנער ליטעראַטור

כ'האָב געהאַט א סך שוועריגקייטן און א סך קוריאָזן מיט דער ענגלישער שפּראַך. ס'איז אָבער געווען פאַר מיר אַן אמת'ע פריידע אויסצוגעפינען, אַז מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה לערן איך עפּעס. מיין לערערין האָט איינמאָל א זאָג געטאָן צו איר מוטער: „אָט־דער מענטש פרעסט דאָך אויף די שפּראַך!״ זי האָט אָבער שיר ניט געפּלאַצט פאַר געלעכטער, ווען איך בין איינמאָל אַהיים געקומען און זי געפרעגט וואָס איז אַזוינס א גימבעל. יענעם טאָג זיינען איבער די עלעוועיטעד־סטאַנציעס אויסגעקלעפּט געוואָרן ריזיגע אַפישן מיטן נאָמען „גימבעל״. דעם גאַנצן טאָג האָב איך געפּרואווט טרעפן, צי גימבעל איז עפּעס א מין סחורה, אָדער א נאָמען.

אַזעלכע מיספאַרשטענדענישן האָב איך געהאַט א סך. כ'האָב זיך אָבער שנעל אויסגעלערנט צו לייענען פליסיג און מיט דער צייט האָב איך אויך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס מ'רעדט צו מיר אויף ענגליש. ס'איז אָבער אוועק א היבשע צייט איידער כ'האָב זיך אויסגעלערנט צו רעדן קורץ און

שארף, אזוי ווי יענע, וואָס קענען ענגליש אויף אַן אמת'ן. שטענדיג האָבן זיך ביי מיר באַקומען צופיל ווערטער אויף צו זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלט געקאָנט געזאָגט ווערן מיט גאָר ווייניג ווערטער. אַזוי, צום ביישפּיל, ביים קויפן אַ בילעט ביי דער קאַסע פון אַ באַן־סטאַנציע האָב איך ניט געזאָגט, ווי אַנדערע: „פילאַדעלפיע בײדע וועגן" אָדער „פילאַדעלפיע ראונד טריפּ", נאָר כ'פלעג דאָס מאַכן אויף דעם איירָאָפּיאישן שטייגער: „זייט אַזוי גוט, גיט מיר אַ בילעט קיין פילאַדעלפיע און צוריק." אין אַ סך אַזוינע פאַלן האָב איך זיך געפילט נידערשלאָגן בנוגע דער שפּראַך.

נאָר די צייט איז געקומען, ווען כ'האָב געזאָגט צו זיך אַליין, אַז איך קאָן שוין לייענען אַלצדינג אָן שוועריגקייטן, אַז איך קאָן שוין פילן דעם גייסט פון דער שפּראַך, אָפּשאַצן איר שיינקייט; אַז די ווערטער זיינען מיר שוין מער ניט פרעמד, נאָר יעדער וואָרט האָט זיין קאָליר, זיין וואָג, זיין טאָן און אויבער־טאָן, און אַז די ענגלישע שפּראַך פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיגע שיינקייט און קראַפט, וואָס איז גאָר ניט ענלעך צו אַנדערע שפּראַכן.

כ'האָב באַלד אָנגעהויבן אָנטדעקן שרייבער, און דאָס איז פאַר מיר געווען איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון מיין ערשטן יאָר אין אַמע־ריקע, אַ יאָר פון שעפערישער אַנטדעקונג, אַזוי צו זאָגן.

אָנגעהויבן האָב איך מיט דעם מין ליטעראַטור, וואָס פאַרדינט קוים דעם נאָמען. כ'האָב צו זיך געזאָגט, אַז כדי צו פאַרשטיין דאָס לעבן אין אַמעריקע, מוז איז לייענען פּאָפּולערע זשורנאַלן. פון איירָאָפּע האָב איך מיט זיך געבראַכט דעם באַגריף, אַז פּאָפּולערע זשורנאַלן שפּיגלען ווירקלעך אָפּ דאָס לעבן פון פאָלק, די געשמאַקן און שטרעבונגען פון די ברייטע מאַסן. מיר איז ניט אָנגעקומען שווער אויסצוגעפינען, אַז דער וועכנטלעכער זשורנאַל מיט דער גרעסטער פאַרשפּרייטונג איז „סאַטורדעי איווונינג פּאָסט".

לייענען ענגליש בכלל האָט נאָך אויף מיר אַלץ געמאַכט אַן אומגע־ווײנטלעכן רושם, און ווען כ'האָב גענומען לייענען „סאַטורדעי איווונינג פּאָסט" האָב איך זיך געפילט באַזונדער געהויבן, וואָס ענדלעך לייען איך אַן אמת'ן אַמעריקאַנער זשורנאַל אויף ענגליש.

די ערשטע דערציילונג האָט אָבער אַנטהאַלטן זייער ווייניג מאַטעריאַל פון דעם אמת'ן לעבן פון אַמעריקע, ווי מיר האָט זיך געדאַכט. ס'איז געווען אַ דערציילונג וועגן אַ זונדל פון אַ רייכער פאַמיליע, וואָס נאָך זיין פאָטער'ס טויט האָט ער גע'ירשנ'ט אַ באַנקראָטירט געשעפט, אַ דעפּאַרטמענט סטאָר, מיט אַ סך חובות, וואָס האָבן באַלד געמוזט געדעקט ווערן. זיין איינציגע האָפענונג איז געווען אַרויפצואַרבעטן די קראָם. אַליין איז ער אָבער געווען

וויניג וואָס באַקאַנט מיטן געשעפט. שפּאַצירנדיג צווישן די רייען געשטעלן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט כּאַפּן אַ שמועס מיט איינער פון די פאַרקויפערינס, וואָס האָט אויסגעזען באַזונדער פּייאַיג. זיי האָבן זיך צערעדט וועגן דער קראָם. זי האָט אים געגעבן אָן אַ שיר ווערטפולע עצות און אָנווייזונגען וועגן נויטיגע ענדערונגען — נייע מעטאָדן פון פאַרוואַלטונג, אָרגאַניזאַציע, רעקלאַמע, א. אַז. וו. ער האָט געפאָלגט אירע עצות און זי געמאַכט פאַר זיין אומאָפּיציעלן מענעדזשער. די קראָם איז צוגעמאַכט געוואָרן, כּדי דורכצופירן די רעאָרגאַניזאַציע. דער אינטערעס פון עולם איז אויף אַ פלינקן אופן צערייצט געוואָרן דורך קונציגער רעקלאַמע אין דער פּרעסע. ווען די קראָם האָט זיך ווידער געעפנט, האָט זיך פאַרזאַמלט אַ ריזיגער עולם, וועלכער איז אין פאָראויס פאַראינטערעסירט געוואָרן דורך די קונציגע אַדווערטאַיזמענטס. די פאָרהאַנגען איבער די פענצטער זיינען אויפגעצויגן געוואָרן, די טירן האָבן זיך געעפנט, און דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן קויפן די אומגעווייינטלעכע מציאות. די קראָם איז ממש פאַרפלייצט געוואָרן פון קונים. דער יונגערמאַן איז געשטאַנען פון דער ווייטנס און האָט אָנגעקוואָלן. די דערציילונג האָט זיך פאַרענדיגט מיט דער חתונה פון דעם יונגן מאַן און זיין סעילסלעידי.

די דערציילונג האָט אין מיר איבערגעלאָזט אַ מאָדנעם געפיל. ווען איר זייט וויניג באַקאַנט מיט אַ לאַנד, ווען יעדער איינדרוק ווערט ביי אייך גרויס אין די אויגן, קאָנט איר אָפּט אַריינפאַלן אין אַ שווערן טעות. „איז דאָס אַמעריקאַנער ליטעראַטור?", האָב איך זיך געפרעגט. „איז דאָס אַמעריקאַנער לעבן? איז אָט־די מעשה וועגן אַ יונגן קרעמער — אַ ריין־געשעפטלעכע דערפאַרונג — ווערט דערהויבן צו ווערן צו דער מדרגה פון אַ ליטעראַרישער טעמע, אַפילו ווען די מעשה זאָל זיין געטריי צום לעבן?" און איבער אַלע פראַגן און ספקות איז אויפגעשטיגן די פראַגע: איז דאָס טאַקע דער מין ליטעראַטור, אויף וועלכער עס שפּייזט זיך דאָס אַמעריקאַנער פאָלק?

ס'איז אַרויס אַ נייער נומער מיט אַ דערציילונג וועגן „קלאָודס־פינס" (וועש־העלצלעך). אַ געוויסער פאַבריקאַנט פון וועש־העלצלעך האָט פּראָדוצירט זיין סחורה אויף אַן אַלטמאָדישן שטייגער. זיין מאַשינעריע איז געווען אַלט־פרענקיש, זיין אַרבעט־מעטאָד — אַ פאַרעלטערטער. איינער פון זיינע פריינט האָט אים געראָטן איינצופירן מער מאָדערנע מאַשינעריע און אַרבעט־מעטאָדן, אָבער יענער איז געבליבן איינגעשפּאַרט. ערשט ווען עס איז פאַר אים אויפגעשטאַנען די געפאַר פון שאַרפער קאָנקורענץ מצד אַ

צוויטער פירמע און זיינער א קרוב — צי, דאכט זיך, א זון — האט אים אפגעטאן א שפיצל און אים געצוואונגען צו ענדערן די פראדוקציע־מעטאדן, האט די פאבריק גענומען ארבעטן ווי ס'באדארף צו זיין.

אט־די און א סך אנדערע דערציילונגען פון דעם זעלביגן מין, וואס כ'האב געלייענט אין „סאטורדעי איווינינג פאסט", „דעלינעיטאר", „קאר־ליער'ס" און אנדערע זשורנאלן זיינען קענטיק געשריבן געווארן פון א געניטער האנט. די דערציילונגען זיינען געווען גוט געבויט און האבן פאר־מאגט א געוויסע דירעקטקייט און קראפט. צו יענער צייט בין איך נאך געווען גרין אין אזוינע זאכן און כ'האב ניט פארשטאנען, אז די שרייבער פון יענע דערציילונגען האבן נאכגעפאלגט א פארטיגן, וואויל־באקאנטן שטאמפ. איך האב אבער באוואונדערט די פלינקייט, מיט וועלכער זיי זיינען געשריבן געווארן.

איך האב אפגעשאצט דעם מעטאד פון דעם שרייבער'ס פארטרויען זיך צום לייענער, אזוי צו זאגן, און פון ענדיגן די דערציילונג מיטאמאל, ראפטאם, ניט זאגנדיג אלץ, וואס וואלט געקאנט געזאגט ווערן. דאס איז געווען אין שארפן קאנטראסט צו די טראדיציעס פון דעם רוסישן אופן פון שרייבן.

איך האב א געוואוינהייט ניט צו אונטערנעמען קיין שום נייע ארבעט, ביז איך בין ניט צוגעגרייט פולשטענדיג פאר דער אונטערנעמונג. זייער אפט בין איך געניגט צו איבערטרייבן מיין ניט־צוגעגרייטקייט. דעריבער האב איך ניט אויפגעהערט צו באלעווען זיך מיט די פאפולערע זשורנאלן און צייטונגען, ביז כ'האב זיך ניט געפילט גרייט אנצוהויבן לייענען די „אמת'ע" אמעריקאנער ליטעראטור. ערשט אין פרילינג פון 1915 האב איך געמאכט א פרואוו צו לייענען די ווערק פון ערנסטע ענגלישע שרייבער.

איך מוז צוגעבן, אז מיין באקאנטשאפט מיט אמעריקאנער שרייבער דורך זייערע איבערזעצטע ווערק איז געווען גאר א קנאפע. איך האב געהאט געלייענט געוויסע שריפטן פון פענימאר קופער, האטארן, ברעט הארט, מארק טווען און עטלעכע פאעמעס פון לאנגפעלאו, באזונדער זיין „האיאוואטא" אין דער אויסגעצייכנטער איבערזעצונג פון באלמאנט. איך האב אויך געהאט געלייענט א צאל וואלט וויטמאנ'ס פאעמעס, עטלעכע דערציילונגען און פאעמעס פון עדגאר אלאן פאו. איך בין געווען באקענט מיט די ווערק פון דזשעק לאנדאן און האב געהאט געלייענט מאדערנע אמעריקאנער דער־ציילונגען און נאוועלן אין דייטשע און רוסישע זשורנאלן. אבער דאס איז אלץ געווען צופעליג און ניט סיסטעמאטיזירט, אזוי אז כ'האב ניט געקראגן

אַפּילו קיין אויבערפלעכלעכע באַקאַנטשאַפט מיט דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

מיינע ערשטע איינדרוקן פון דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור

די צייט איז ענדלעך געקומען, ווען כ'האָב מיט זעלבסט־צוטרוי געקאָנט עפענען אַן ענגליש בוך, געשריבן פון אַ באַקאַנטן שריפטשטעלער, און לייענען דעם בוך, זיך איבערגעבן זיין ווירקונג, ניט דאַרפנדיג זיך מאַטערן וועגן דעם טייטש פון ווערטער אָדער צעשטרייט ווערן דורך דער פרעמדקייט פון סטיל.

דער ערשטער בוך אַזאַ איז געווען טעאָדאָר דראַיזער'ס „די טאַיטען" („דער ריז"). אויך דאָ איז דער איינדרוק געווען אַ געמישטער. כ'האָב אָנערקענט די ליטעראַרישע ווערט פון דעם בוך. דער כאַראַקטער פון דעם הויפּט־העלד האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק. איך האָב מיט אים מיט־געפילט אין זיין געשעפטס־לעבן און אין זיינע פּערזענלעכע דערפאַרונגען, ווי דאָס איז שטענדיג דער פאַל, ווען מען לייענט אַ שטיק גוטע בעלעטריס־טיק. דאָך האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע: „צי מוז טאַקע דער געשעפטס־מאַן און נאָר דער געשעפטסמאַן שאַפן דעם הויפּט־אינהאַלט פון אַמעריקאַנער ליטעראַטור? זיינען דען ניטאָ קיין אַנדערע קלאַסן, וואָס רינגלען אַרום דעם „ריז", קיין אַנדערע מענטשן, וואָס זיינען אַזוי אינטערעסאַנט ווי ער?

איך האָב געשטעלט פראַגן, אָבער דעם ריכטיגן ענטפער האָב איך ניט געקאָנט געפינען. אפשר וואָלט עס געווען ריכטיגער צו זאָגן, אַז כ'האָב אַפילו קיין פראַגן ניט געשטעלט: כ'האָב בלויז געמאַכט פאַרצייכענונגען און די דאָזיגע פאַרצייכענונגען האָב איך זיך אַריינגענומען אין זכרון, ווי אַ טייל פון דעם מאַטעריאַל, וואָס זאָל מיר העלפן פאַרשטיין דאָס לאַנד. צו יענער צייט האָב איך געפילט, אַז איך קען דאָס לאַנד ווייניגער ווי כ'האָב עס געקענט פון דערווייטנס, איידער כ'בין אהער אָנגעקומען. אפשר איבערטרייב איך איצט, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז כ'האָב צו יענער צייט געפילט מער אומבאַקוועם ווי צום סאַמע אָנהויב נאָך מיין אָנקומען אהער.

דער צווייטער בוך איז געווען „די ראַיז אָוו סאַילאַס לאַטאַם" פון וויליאַם דין האַועלס. ווידער דער געשעפטסמאַן און ווידער די פּראָבלעם פון אַוועק־שטעלן אָט־דעם מענטש אַנטקעגן זיין סביבה. כ'האָב אָבער געהאַט מער סימפּאַטיע צו אָט־דעם בוך, ווייל ער איז געווען מער רעאַליסטיש און האָט

אַנטפּלעקט אַ טייל פון דעם אינדוסטריעלן בילד פון אַמעריקע. ס'איז דאָרט אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַ פאַבריק מיט די אַלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג — פּראָבלעמען פון פאַרוואַלטונג, פון אינדוסטריעלער פירערשאַפט, פון אינדוסטריעלער קאָנקורענץ, פון דעם אויפשטייג פון די מער פלינקע און דערפינדערישע אינדוסטריאַליסטן. איך האָב ניט געהאַלטן, אַז קינסטלעריש שטייט האָועלס העכער פון דרייזער'ן, כ'האָב אָבער געפילט, אַז ס'איז אין האָועלס' ראָמאַן געווען מער וועזנטלעכער שטאָף ווי ביי דרייזער'ן.

דערנאָך בין איך צוגעקומען צו דזשעק לאָנדאָנ'ען. כ'האָב איבער־געלייענט כמעט אַלע זיינע ראָמאַנען צוליב אַ פּשוט'ער זאַך: מ'האָט זיי געקאָנט קויפן צו 25 סענט אַ שטיק. איינער נאָכן צווייטן זיינען געקומען „מאַרטין אידען", „די סי וואָלף („ים־וואָלף"), „די איראָן היל" („אייזערנער קנאַפּל"), „די קאָל אָוו די ווײַלד" („דער רוף פון ווילדן בלוט") און אַ צאָל דערציילונגען.

האָבן דזשעק לאָנדאָנ'ס ווערק געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק? איך האָב דעמאָלט געפילט און פיל דאָס אויך איצט, אַז די מעשיות זיינען זיינען ניט דאָסווירקלעכע לעבן. ער איז אַ ראָמאַנטיקער, האָב איך גע־טראַכט. ער שאַפט אַן אייגענע אַמעריקע לויט זיין געשמאַק, און אויב די מעשה וועגן מאַרטין אידען איז זיין אייגענע לעבנס־געשיכטע, און אַפילו אויב זי ווייזט וואָסערע גרויסע מעגלעכקייטן עס קאָנען געשאַפן ווערן פאַר אַ שרייבער, וואָס קומט אַרויס פון דעם אַרבעטער־קלאַס (איך האָב פאַר־שטאַנען די דערציילונג, ניט געקוקט אויף מאַרטין אידענ'ס זעלבסטמאָרד, וואָס איז מיר אַלעמאָל געווען דערווידער), איז דאָס אַלץ פאָרט אומרעאַל, אויסגעטראַכט. און אַזוי, האָב איך געטראַכט, זיינען דאָס רוב מענטשן און פּאַסירונגען, וואָס לאָנדאָן האָט אַזוי מייסטערהאַפט איבערגעגעבן. ניט אומזיסט, האָב איך צו זיך געזאָגט, באַנוצט זיך לאָנדאָן אָפט מיט ריין־פאַנטאַסטישע אויסטראַכטענישן, ווי אַ שטייגער די מעשה מיט די צוויי מענטשן, וואָס ווערן ביידע אומזיכטבאַר און פירן צווישן זיך אַ געשלעג, וועלכן אַנדערע קאָנען ניט זען, נאָר בלויז הערן. „דער אייזערנער קנאַפּל" איז פאַר מיר געווען אַ באַשטעטיגונג פון לאָנדאָנ'ס ראָמאַנטישן טאַלאַנט. ער האָט זיך דאָרט אַרויסגעוויזן ווי אַ סאָציאַליסט, און דאָס האָט מען אויך געקאָנט זען פון אַנדערע שריפטן זיינע. ער האָט מיר אָבער ניט געגעבן קיין עכט בילד פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם. איך האָב ניט געקענט פאַרגלייכן דעם בוך מיט אַפּטאָן סינקלעיר'ס „די דזשאַנגל", צום ביישפּיל. נאָך אין

איירָאָפּע האָט „די דזשאָנגל״ אויף מיר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק ווי אַ בילד פון דער אומ׳חנ׳עוודיגער זייט פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם.

אָבער לאָנדאָן איז פאַרט געווען אַ דערפאַרונג. ס׳איז געווען קלאָר, אַז דער שרייבער וויל ניט אָננעמען אַמעריקע ווי זי איז. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט שאַפן אָדער אויסטראַכטן אַן אייגענע אַמעריקע. ער האָט ניט באַשריבן די אַנטאַגאָניזמען פון די עקאָנאָמישע גרופּן און זייערע צוזאַמענשטויסן. פאַרקערט, ער איז פון זיי אַנטלאָפן אין אַן אייגענער אויסגעפאַנטאַזירטער וועלט. דאָך איז ער געווען אומגעהויער אינטערעסאַנט און האָט אַנטפּלעקט אַ טייל פון אַמעריקאַנער אינטעלעקטועלן לעבן.

שפּעטער איז געקומען פראַנק נאָרים. זיין „פּיט״ און „אָקטאָפּוס״ האָבן אויף אַ פרישן לייענער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרזוך צו דער־גרונטעווען זיך צו די קלאַסן־כחות אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. אָבער אַפילו נאָרים׳ן האָב איך געקאָנט ניט אָננעמען ווי אַן עכטן מאָלער פון עכטן אַמעריקאַנער לעבן. ס׳האָט דאָרט געפעלט דער עצם, די קינסטלערישע אומ־פּאַרטייאישקייט. דערמיט מיין איך ניט צו זאָגן, אַז דער קינסטלער דאַרף שטיין איבער דער שלאַכט. מיין גאַנצן לעבן האָב איך געהאַלטן פון דעם מין ליטעראַטור, וואָס אַנטפּלעקט די געזעלשאַפט אין אירע עכטע שטריכן. און ווער קאָן דען לייקענען, אַז אין יעדער געזעלשאַפט זיינען דאָ שטרייטנ־דיגע כחות און אַז זייערע שטרייטן שאַפן דעם עצם פון סאָציאַלן לעבן און פאָרטשריט? אָבער ווען אַ קינסטלער גייט צו צו זיין מאַטעריאַל, דאַרף ער ניט האָבן קיין פאָראורטיילן. עס ווערט אָנגענומען ווי זעלבסטפאַרשטענד־לעך, אַז זיינע סימפּאַטיעס זיינען אויף דער זייט פון די באַ׳עולה׳טע, וואָס קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן. מען מעג אָבער דערוואַרטן פון אַזאַ קינסטלער, אַז ער זאָל זיין אַ קינסטלער, אַ מאָלער און ניט קיין אַדוואָקאַט. עס איז נויטיג, אַז ער זאָל פאַרטיידיגן אַ טעזיס. דאָס לעבן איז אַ כסדר׳דיגער און אַ צויבערדיגער שטראָם. דער שרייבער, דער עכטער קינסטלער, מיט אַלע זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, דאַרף זען דעם לעבנס־פּראָצעס ווי אַ גאַנצקייט און דאַרף אָט־דעם פּראָצעס ברענגען צום לעבן אין זיינע ווערק. דעמאָלט וועט אַפילו אַן אָרנטלעכער געגנער פון זיין שטאַנדפּונקט מוזן אָנערקענען די ווערט פון זיין ווערק. אַפילו אַ זייטיגער מענטש, וואָס האָט נאָך פאַר זיך אַליין ניט קלאָר געמאַכט זיין שטעלונג צו די קעמפנדיגע סאָציאַלע כחות, וועט פון אַזוינע שריפטן זיך אויסלערנען צו באַנעמען דאָס סאָציאַלע לעבן.

אין די ראָמאַנען פון פראַנק נאָרים האָט מיר געפעלט אָט־דער עצם —

דער אמת, וואָס קאָן ניט זיין אַנדערש ווי אומפּאַרטייאיש. איך האָב אין אים געזען אַ פּאָרטרעטער פון אַ צד, איינעם, וואָס וויל אויף מיר מאַכן אַן איינדרוק מיטן בילד פון דער גוואַלדזאַמקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם און אירע פאַרשטייער. איך האָב ניט געצווייפלט, אַז דיווירקלעכקייט שטימט טאַקע מיט זיינע באַשרייבונגען. כ'האָב אָבער אויך געזען, אַז בעת זיינע כונות זיינען גוטע און זיין צוגאַנג אַן אָרנטלעכער, האָט ער פאָרט ניט באַוויזן צו אַנטפּלעקן די פולקייט און פילזייטיגקייט פון צאַפּלדיגן לעבן.

פּונקט ווי כ'האָב אָפּגעוואָרפן אַ סך עלעמענטן אין דרײַזער'ס שילדערונגען, ווייל כ'האָב געהאַלטן, אַז ביז אַ געוויסן גראַד פאַררעמאַנטיזירט ער זיינע אַמעריקאַנער טיפּן, אַזוי האָב איך אויך אָפּגעוואָרפן אָדער איגנאָרירט אַ סך פון נאָרים'עס שילדערונגען, האַלטנדיג, אַז אויך זיינע בילדער זיינען עטוואָס געקינצלט און צעקרימט.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט אַמעריקע דורך איר ליטעראַטור איז, נאַטירלעך, געווען אַ צופעליגע און אַ געשטוקעוועטע. דאָ אַ בוך, דאָרט אַן עסיי; אַן אַרטיקל אין אַ צייטונג, אַן איינדרוק אין טעאַטער — אַלץ באַזונדערע שטיקלעך, באַזונדערע שטיינדלעך אין אַ מאָזאַאיק-בילד. אָבער ביסלעכוויז זיינען זיך די שטיינדלעך צונויפגעקומען אין איין גאַנצקייט און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן ארויסזען די קאָנטורן פון דער אַמעריקאַנער אינטעלעקטועלער וועלט.

ס'איז אָבער געווען אַ לאַנגזאַמער און פיינלעכער פּראָצעס. דער שרייבער האָט ניט בדעה אין אָט-דעם בוך צו געבן אַ דעטאַליזירטע געשיכטע פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט אַמעריקאַנער ליטעראַטור, נאָר צו פאַרצייכענען בלויז די וויכטיגסטע מאָמענטן אין אָט-דעם פּראָצעס. דעם גרעסטן איינפלוס אין מיין ערשטן יאָר אין אַמעריקע האָט אויף מיר געהאַט וואָלט וויטמאַן.

אויך דאָ איז מיין צוגאַנג געווען עטוואָס אַ פאַרזיכטיגער. עס זיינען אַוועק עטלעכע חדשים, נאָכדעם ווי כ'האָב זיך שוין אויסגעלערנט לייענען ענגליש, און כ'האָב נאָך אַלץ מורא געהאַט זיך צוצורירן צו וויטמאַנ'ען. ער איז מיר פאָרגעקומען צו-גרויס, צו-מורא'דיג. כ'האָב געלייענט די פּאָעמעס פון וויטיער, לאָנגפעלאָו, עדגאַר אַלאַן פּאָו. ווי אַ צעשטרייאונג איז געקומען ראַבינדראַנאַט טאַגאָר, ניט קיין אַמעריקאַנער דיכטער, פאַרשטייט זיך. און כאָטש כ'האָב אָפּגעשאַצט די צאַרטקייט און מעלאָדישקייט פון זיינע לידער אין פּראָזע, האָב איך געגלויבט — איז דאָס געווען אַ טעות? — אַז אַן אַמעריקאַנער דיכטער וואָלט אַנדערש געזונגען. ער איז געווען צו-עניוות'דיג, צו-שטיל, צו-פּאַסיוו. ער האָט געשאַפן דעם איינדרוק ווי ער

וואָלט געשטאַנען ערגעץ אין דער הויך און באַוואונדערט, מיט פּחד, די וועלט און איר באַשאַפער. און ער איז געווען צופיל באַשעפטיגט מיט זיינע אייגענע דריבנע, אַפילו אויב צאַרט־שיינע, עמאָציעס און האָט כמעט ניט געהאַט קיין אויג פאַר דער אויסערלעכער וועלט, חוץ ווי אַ ראַם פאַר זיינע אייגענע דערפאַרונגען. איך האָב געהאַט אַ געפיל, אַז אַן אַמעריקאַנער דיכטער וואָלט געוועז, וואָלט געמוזט זיין, דער סאַמע היפּוך דערפון.

און ס׳איז געקומען דער טאָג, וועז כ׳האָב ענדלעך געזאָגט צו זיך אַליין, אַז איך קאָן שוין אָנהויבן לייענען וויטמאַנ׳ען.

וואָלט וויטמאַן

קיין איינער פון די אַמעריקאַנער שרייבער, וואָס כ׳האָב געלייענט אין מיינע ערשטע חדשים אין אַמעריקע, האָט ניט איינגעקריצט אַמעריקע אַזוי טיף אין מיין באַוואוסטזיין, ווי וואָלט וויטמאַן. דאָ האָב איך דערקענט די אַמעריקע, וואָס כ׳האָב זיך געהאַט פאָרגעשטעלט און וועלכער כ׳האָב געגאַרט. דאָ האָב איך געזען אַ גייסט, וואָס כ׳האָב ניט געפונען ביי קיין איראָפּייאישן דיכטער. וויטמאַנ׳ען פעלט ניט קיין ליריק, האָב איך געזאָגט צו זיך. ער דריקט אייגנטלעך אויס בלויז דאָס, וואָס רודערט אים אויף פערזענלעך. ער מוז זינגען, כדי צו באַפרייען זיך פון די מעכטיגע עמאָציעס, וואָס ברויזן אין אים מיט פילפאַרביגע שטראָמען. ער איז אַ ליריקער און ער אַנטפּלעקט זיין „איך”, ער דריקט אויס זיין נשמה. אָבער ס׳אַראַ נשמה דאָס איז! זי כאַפּט אַרום דאָס גאַנצע פאָלק, אַ גאַנצן קאָנטינענט; זי נעמט אַרום אַ לאַנד, וואָס רייסט זיך מעכטיג אַלץ העכער און פאָראויס, אַ לאַנד מיט אַ סך ברויזנדיגע כחות, מיט ווילנס אָן אַ ציל, וואָס ווערן פאַרשמאָלצן אין איין ריזיגן ווילן.

אין וויטמאַנ׳ען האָב איך געזען צערטלעכקייט און ענדלאָזע שטרעקעס, ליבע צו דער ערד און אַן אויג פאַר די ווידערשפּרוכן, וואָס די ערד ברענגט צו־שטאַנד; און אַ ברייטע פּערספּעקטיוו פאַר דער צוקונפט, ווען אָט־די ווידערשפּרוכן וועלן אויפגעלייזט ווערן אין אַ גרעסערן סינטעז. אין וויט־מאַנ׳ען האָב איך געזען אָט־די אייגנאַרטיגע ליבע צום מענטשן, צום מענטש־לעכן לעבן און זיינע פונדאַמענטאַלע שטריכן, צו די מענטשלעכע קאַמפן — ווי אַ צייכן פון דעם גייסט, וואָס איז קיינמאָל ניט צופרידן מיט דעם היינט, נאָר ער האַלט אין איין טרייבן די מענטשהייט צו אַלץ נייע, אומבאַקאַנטע צילן.

די „אַמעריקאַנאַס", וועגן וועלכע וויטמאַן האָט גערעדט, זיינען געווען גאָר אַנדערש, ווי די געשטאַלטן, וואָס איך האָב געפונען אין דער אַמערי־קאַנער ליטעראַטור. זיי זיינען געווען שטאָלצע, מיט ענערגיע־אָנגעלאָדענע, אומדערשראָקענע, לוסטיגע, ריקזיכטלאָזע און דורך און דורך מענטשלעכע מענטשן. דער קאָנטינענט, וואָס זיי האָבן באַפעלקערט און אויפגעבויט, איז געווען ריזיג־גרויס, גאַסטפריינטלעך, רייצנדיג. פאַר אַזאַ לאַנד און אַזאַ קאָנטינענט האָט זיך געלוינט צו קעמפן. און כאָטש כ'האָב צומאָל ניט איינגעשטימט מיט וויטמאַנ'ס ברייט־האַרציגקייט, וואָס האָט אים געמאַכט צוצודריקן צום האַרצן אַלעמען, אַריינגערעכנט דעם פאַרברעכער און דעם אונטערדריקער, בין איך מיטגעריסן געוואָרן פון דער קראַפט און דער אויפריכטיגקייט פון דעם דיכטער'ס עמאָציעס. ס'האָט ניט אויסגעמאַכט, וואָס וויטמאַנ'ס פּאָעזיע איז ניט געווען רעאַליסטיש אין דעם זין, ווי פאָטאָ־גראַפיע איז רעאַליסטיש. איך האָב אין אים געזען אַ גרעסערן רעאַליזם, וואָס ווירט פון אינעווייניג און רייסט זיך צו אָט־דעם לעבנס־עצם, וואָס כ'האָב אויפגעפאַסט ווי אמת'ן אַמעריקאַניזם.

אין די שפּעטערדיגע יאָרן, ווען העסלעכע דערשיינונגען אין אַמערי־קאַנער לעבן האָבן אַרויסגעשטויסן אין מיין באַוואוסטזיין אָט־די ברייטערע אַספּעקטן פון מיין לעבן, ווען געמיינהייט און קליינלעכקייט און גירינקייט און ברוטאַליטעט האָבן מיך אָנגעפילט מיט ווייטאָג, פלעג איך זיך אומקערן צו וויטמאַנ'ען. אָט־די אַמעריקע, פון וועלכער וויטמאַן איז אַ טייל אי אַ מליץ יושר, מוז זיגן, האָב איך צו זיך געזאָגט. יענע אַמעריקע וועט איבער־לעבן אַלע נישטיגע ברואים, וואָס פאַרפּעסטן די לופט.

איך האָב דאָ געפּרוּווט איבערגעבן מיינע ערשטע איינדרוקן פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, ווייל איך האַלט נאָך אַלץ, אַז איינער פון די מיטלען צו באַנעמען אַ לאַנד איז צו באַקענען זיך מיט נאָוועליסטן, דיכטער און דראַמאַטורגן פון דעם לאַנד. ס'האָט ניט געדויערט לאַנג, ביז כ'האָב איינ־געזען, אַז די אַמעריקאַנער ליטעראַטור, ווי כ'האָב זי געפונען צוריק מיט אַ פערטל יאָרהונדערט, אין 1915 און אין 1916, איז געווען פונדאַמענטאַל אַנדערש ווי די רוסישע ליטעראַטור, וואָס אויף אירע טראַדיציעס בין איך אויסגעוואַקסן. אין רוסלאַנד איז די שילדערונג פון לעבן געווען די וויכ־טיגסטע אויפגאַבע פון דער מערהייט רוסישע שרייבער. אין רוסלאַנד איז די הערשנדיגע ליטעראַרישע טענדענץ געווען רעאַליזם אין דעם בעסטן זין. אין רוסלאַנד האָבן אַפילו אַזוינע שרייבער, וואָס האָבן זיך אָפּגענויגט אָן אַ זייט פון דער רעאַליסטישער טענדענץ, ווי דאָסטאָיעווסקי און אַנדרעיעוו,

דאָך געמאַכט געוויסנהאַפטע אויספאָרשונגען פון ווירקלעכן לעבן אויף פאַר־שיידענע געביטן. ס׳איז געווען אוממעגלעך צו פאַרשטיין רוסלאַנד אָן אַ באַקאַנטשאַפט מיט אירע שרייבער. און מ׳האָט געקאָנט קריגן אַ גאַנץ ריכטיגע פאָרשטעלונג וועגן רוסלאַנד דורך איר ליטעראַטור.

אַמעריקע, האָב איך געטראַכט, איז אַנדערש. כאָטש ס׳איז פאַר מיר געווען שווער צו פאָרמולירן די צילן פון דער מערהייט אַמעריקאַנער שרייבער, וואָס כ׳האָב זיך מיט זיי באַקאַנט, בין איך אָבער געקומען צום שלוס, אַז מאָלן אַן אמת׳דיג בילד פון ווירקלעכן לעבן איז ניט זייער וויכטיגסטע אויפ־גאַבע. וואָס איז שייך די פּאָפּולערע זשורנאַלן, איז די ליטעראַטור דאָרט געווען אויסגערעכנט בלויז אויף פאַרוויילונג. די שרייבער פון העכערער שטופע האָבן געשטרעבט צו זעלבסט־אויסדרוק. אָבער זעלבסט־אויסדרוק צוליב וואָס? ביז היינט־צו־טאָג קאָן איך זיך ניט באַפרייען פון דעם גדאַנק, אַז ליטעראַטור איז אַ מעכטיגער סאָציאַלער כוח, אַז שריפטשטעלעריי איז אַ גרויסע סאָציאַלע פונקציע און אַז דער שרייבער דאַרף וויסן צוליב וואָס ער שרייבט, און מוז, ווי יעדער פירער, זיך קאָנען געבן אַ קלאָרן ענטפער אויף דער פראַגע: וואוהין? צו העלפן פאַרשטיין די געזעלשאַפט, צו געבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן אַרומיגן לעבן — דאָס אַליין קאָן זיין אַ סאָציאַלע פונקציע. דער שרייבער מעג ניט האָבן קיין באַשטימטע אידייע וועגן דעם מין געזעלשאַפט, וואָס ער וואָלט וועלן העלפן שאַפן. אַזאַ שרייבער איז געווען וואָלט וויטמאַן. ער קאָן אָבער באַהערשן דעם מענטשלעכן באַוואוסט־זיין דורך העלפן די מענטשן זען דאָס לעבן אין זיין גאַנצער פולקייט, דורך אַריינברענגען זיי ווי אָנטיילנעמער אין דעם ברייטן לעבנס־שטראָם.

האָבן די אַמעריקאַנער שרייבער געהאַט אַזאַ ציל? כ׳האָב אויף דער פראַגע ניט געקאָנט געבן קיין באַשטימטן ענטפער.

סאָציאַליזם

אין דעם טאָג, ווען איך בין אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, האָבן בירגער פון צוועלפטן קאָנגרעשאָנאַל דיסטריקט, אין דער דאַון־טאַון געגנט פון ניו יאָרק, דערוויילט מאיר לאָנדאָנ׳ען צום קאָנגרעס. דאָס איז געווען די ערשטע נייעס, וואָס מיינע פריינט אין „פאָרווערטס” האָבן מיר אָנגעזאָגט. איך האָב אין די לעצטע זעקס יאָר געהאַט געשיקט פון אייראָפּע קאָרעספּאָנדענצן צום „פאָרווערטס”, און ס׳איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז אין אַמעריקע וועל איך

בלייבן אַ שטענדיגער מיטאַרבעטער פון יענער צייטונג. קאָלעגן פון דער רעדאַקציע האָבן מיר געהאָלפן לאַנדן און געפינען אַ דירה.

ווען מ׳האָט מיך צום ערשטן מאָל געבראַכט אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס", האָב איך אין דרויסן, אויף ראַטגערס סקווער, געזען אַ ריזיגן עולם, וואָס האָט געוואַרט אויף די לעצטע בולעטינס פון די וואַלן. יעדעס מאָל, ווי ס׳האָט זיך באַוויזן אַ נייע ציפער אויף דער בולעטין־ברעט, האָט זיך פון עולם אויפגעהויבן אַן אויסגעשריי פון פרייד. שטייענדיג אויף דעם צעגנטן שטאָק און אַרויסקוקנדיג פון פענצטער אויפן סקווער, האָב איך געזאָגט צום רעדאַקטאָר: „איר מוזט דאָ האָבן אַ ריזיגע צאָל סאָציאַ־ליסטן. זעט נאָר, ווי ענטוזיאַסטיש זיי זיינען. דאָ מוז זיין אַ סאָציאַליסטישע פעסטונג!"

מיט אַן אומבאַשטימטן שמייכל האָט יענער געענטפערט: „הלואי וואָלט דאָס אמת געווען."

דער ענטפער איז מיר פאָרגעקומען מאָדנע. אויב די אַלע מענטשן זיינען ניט קיין סאָציאַליסטן — און אין דרויסן האָבן זיך פאַרזאַמלט צום ווינציגסטן אַרום צען טויזנט מענטשן — וואָס האָט זיי געבראַכט אַהער? אויב זיי זיינען סימפּאַטיקער פון סאָציאַליזם, וואָס דאָס איז געווען גאַנץ קלאָר, פאַרוואָס טאָר מען ניט זאָגן, אַז די געגנט איז אַ סאָציאַליסטישע פעסטונג?

אַנדערע דעטאַלן זיינען מיר פאַרבליבן אין זכרון פון יענעם טאָג. אימיצער אין דער רעדאַקציע האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז לאַנדאָנ׳ס דערפאָלג אין די וואַלן איז געקומען דערפון, וואָס אין דער וואַל־קאַמפּאַניע האָט זיך לאַנדאָן ניט אויפגעפירט ווי אַ סאָציאַליסט. ער איז געווען זייער פּאָפּולער ווי אַ לאָיער אויף דער איסט־סאַיד, האָט מען מיר געגעבן צו פאַר־שטיין. זיין פּערזענלעכע פּאָפּולאַריטעט האָט אים אַ סך מיטגעהאָלפן. זיין קאַמפּאַניע האָט ער געפירט אַזוי, אַז ער זאָל פון זיך ניט אָפּשטויסן וועלכן ס׳איז שיכט פון דער באַפעלקערונג.

איך האָב געהערט און ניט פאַרשטאַנען.

שפּעטער מיט עטלעכע טעג איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פייערונג, אַ באַנקעט לכבוד לאַנדאָנ׳ס קאַמפּעין־מענעדזשער, אַ יונגן מאַן מיטן נאָמען שייפער. פאַרוואָס אָפּגעבן אַזאַ גרויסן כבוד גראָד דעם קאַמפּעין־מענעדזשער? — האָב איך געפרעגט. האָט מען מיר דערקלערט, אַז דער קאַמפּעין־מענעדזשער איז די וויכטיגסטע סטראַטעגישע פיגור; אַז גראָד

א דאנק זיין פלינקייט, ענערגיע און טאקט איז לאָנדאָן דערוויילט געוואָרן.
איך האָב דאָס אויסגעהערט און נאָך מער געשטוינט.

סאָציאַליסטן מיליאָנערן

אויף דעם באַנקעט לכבוד מאיר לאָנדאָנ'ס קאמפעין־מענעדזשער האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקאַנט מיט סאָציאַליסטישע גדולים. מיט א געפיל פון פּאַרכטיגקייט האָט א פריינט מיר אָנגעוויזן אויף א הויכן אויסגע־דאַרטן דזשענטלמאַן און מיר דערקלערט, אז יענער איז אַן אַריסטאָקראַט און א מיליאָנער און דאָך איז ער א סאָציאַליסט. זיין נאָמען איז געווען פעלפּס סטאָוקס. מיין פריינט איז קאָנטיג געווען שטאַרק צופרידן, וואָס א מיליאָנער איז א מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און איינע פון אירע פירנדיגע פּערזענלעכקייטן. איך האָב אים געפרעגט, צי ער זעט ניט קיין ווידערשפּרוך צווישן דער פּאָזיציע פון א רייכן בורזשוא און דער פּראָגראַם פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. מיין פריינט האָט ניט פאַר־שטאַנען מיין פראַגע. „איז עס דען ניט בעסער, אז די מיליאָנערן זאָלן איינ־שטימען מיטן סאָציאַליזם איידער מיטן קאַפּיטאַליזם?" האָט ער געפרעגט.

איך האָב זיך ניט גענומען די מי אים צו דערקלערן, אז סאָציאַליזם איז ניט בלויז א פראַגע פון א מיינונג וועגן די מעלות און חסרונות פון דער קאַפּיטאַליסטישער און סאָציאַליסטישער סיסטעם. אָבער מיין שטוינונג איז געשטיגן. אויף דעם זעלבינן באַנקעט איז געווען א צווייטער דזשענטלמאַן, וואָס מ'האָט מיר אויך אָנגעוויזן אויף אים ווי אויף א מיליאָנער און אַריסטאָקראַט. זיין נאָמען איז געווען וויליאַם ענגליש וואָלינג. מ'האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר ביידע אַריסטאָקראַטן, אָבער כ'האָב זיך מיט זיי ניט געקאָנט פרייען. עפּעס שטימט דאָ ניט, האָב איך געטראַכט.

מיט אמת'ער התלהבות האָט מען מיר דערציילט די לעבנס־געשיכטע פון סטאָוקס' פרוי. זי איז געווען א נייטאָרין, אַן אָרעם מיידל, די טאָכטער פון אַן אָרעמער אַרבעטער־פרוי. זי האָט אַרויסגעוויזן ליטעראַרישע פייאיג־קייטן און האָט אָנגעהויבן שרייבן אַרטיקלען פאַר דעם „אַמעריקען דזשויר־נאַל". זי איז געשיקט געוואָרן צו אינטערוויואירן דעם מיליאָנער־סאָציאַליסט, און יענער איז אַזוי פּראַכטפול געוואָרן פון איר שיינקייט, איר פּערזענלעכקייט און פייאיגקייט, אַז ער האָט איינגיכן מיט איר חתונה געהאַט. אויך זי איז געקומען צום באַנקעט, און מ'האָט זי פאַר מיר פאַרגעשטעלט, און זי איז געווען זייער פריינטלעך און באַריידעוודיג.

— אַ־יאָ, ס'איז ווי אין אַ צויבער־מעשה'לע? — האָט מיין פריינט געפרעגט מיט ענטוזיאַזם. — וואַרט ביז איר וועט זיך אויסלערנען מער ענגליש, וועט איר וויסן וואָס די פאַבל וועגן סינדערעלאַ באַדייט.

איך האָב גראַד יאָ געוואוסט, וואָס די סינדערעלאַ־פאַבל באַדייט, נאָר כ'האָב ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אַ סאָציאַליסט דאַרף זיין מלא שמחה דערפאַר, וואָס אַ רייכער מאַן האָט חתונה געהאַט מיט אַן אָרעם מיידל, וועלכע איז מסתמא געווען שענער און קלינגער פאַר אים. איך האָב געוואוסט, אַז אַזעלכע זאַכן פּאַסירן. אָבער ווי אַ סאָציאַליסט האָב איך ניט געקאָנט באַגייסטערט ווערן, ווען כ'האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אַזאַ פּאַסירונג.

אויף דעם באַנקעט איז אויך געווען דער אָנערקענטער פירער פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, מאָרים הילקוויט. איך האָב זיך מיט אים געהאַט באַקענט אין 1910 אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַ־ליסטישן קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען. איך האָב געהאַט געלייענט זיין בוך איבער דער געשיכטע פון סאָציאַליזם אין די פאַראייניגטע שטאַטן. איך האָב געוואוסט, אַז ער איז אַן אָנגעזעענער לאָיער. אויף דעם באַנקעט האָט מען מיר אָבער דערציילט, אַז ער איז ניט סתם אַ לאָיער, נאָר אַ קאָרפּאָרעישאָן לאָיער. מיר איז נאָך ניט געווען באַקאַנט אָט־דער אויסדרוק, האָב איך געפרעגט וואָס דאָס איז אַזוינס, און מ'האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, מיט אַ געוויסער מאָס שטאָלץ, אַז אַ קאָרפּאָרעישאָן לאָיער איז איינער, וואָס גיט אַכטונג אויף די געשעפטלעכע אינטערעסן פון גרויסע פאַבריקאַנטן און באַנקירן־געזעלשאַפטן. דער מענטש, האָט מען מיר געזאָגט, איז אַזוי באַ־רימט אין זיין פּראָפעסיע, אַז זיין פּאָזיציע פון אַ סאָציאַליסטישן פירער איז ניט קיין אָפּהאַלט פאַר די גרויסע קאָרפּאָרעישאָנס, וואָס אַנגאַזשירן אים. חוץ דעם, האָט מען מיר געזאָגט, איז ער אַליין אַ רייכער מאַן.

און דאָס זיינען אַלע געווען אויפריכטיגע סאָציאַליסטן. זיי האָבן ניט געזען קיין שום ווידערשפּרוך צווישן זיין אַ סאָציאַליסטישער פירער און פאַרטיידיגן די געשעפטלעכע אינטערעסן פון קאָרפּאָרעישאָנס. מיין שטוינונג איז געשטיגן.

זינט 1903 בין איך געווען אַ סאָציאַליסט מיט דערפאַרונגען אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. איך בין געווען באַשטימט פאַר־בונדן מיט דער מענשעוויסטישער פראַקציע. די מענשעוויקעס האָבן זיך שטאַרק אונטערשיידט פון די באָלשעוויקעס ניט בלויז אין זייערע אָנשוי־אונגען וועגן די צילן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, נאָר אויך אין זייערע אָנשויאונגען וועגן דעם כאַראַקטער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די

באָלשעוויקעס זיינען באַשטאַנען אויף אַ פעסט־צונויפגעבונדענער און גוט־דיסציפּלינירטער פּאַרטיי, אין וועלכער יעדער מיטגליד זאָל וויסן זיין פּלאַץ און אַרבעטן לויט אַ דעמאָקראַטיש־אָנגענומענעם פּלאַן. די מענשעוויקעס האָבן געוואָלט אַ מער לויזע אָרגאַניזאַציע, מיט ווייניגער איינינגקייט און פעסטן צונויפבונד. מיינע דערפאַרונגען אין רוסלאַנד זיינען געווען מיט אַן אָרגאַניזאַציע פון אַ מענשעוויסטישן כאַראַקטער. דאָך, אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס כ׳האָב געטראָפן אין אַמעריקע, זיינען די מענשעוויקעס אין רוסלאַנד געווען שטאַרק אָרגאַניזירט און פאַראייניגט.

אַזוי פיל האָב איך דערוואַרט פון יעדער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי: אַז זי זאָל האָבן אַ צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס זאָל זיין וואַך צו יעדער פאַזע פון פּאָליטישן לעבן; אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט זאָל שטיין אין ענגסטער פאַרבינדונג מיט די געגנטלעכע און לאָקאַלע קאָמיטעטן, וועלכע זאָלן אין זייערע געגנטן דורכפירן די פּאַרטיי־אַרבעט; אַז איינינגקייט איבער די וויכטיגסטע פּראָבלעמען זאָל הערשן אין דער פּאַרטיי; אַז אין געוויסע דרינגענדע פאַלן זאָל די פּאַרטיי ווי אַ גאַנצע זיין פייאיג צו אונטערנעמען פּאָליטישע אַקציע לויט אַ באַשטימטן, גוט־אויסגעאַרבעטן פּלאַן; און אַז די דאָזיגע אַקציע זאָל דורכגעפירט ווערן אַזוי, אַז אַ גרויסע צאָל אַרבעטער אויסער דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זאָלן צוגעצויגן ווערן צו איר פּאָליטיק. אויף אַזוי פיל האָב איך באַטראַכט אָט־די זאַכן פאַר זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז צום אָנהויב האָב איך זיך אַפילו ניט אָנגעפרעגט צי די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז אָרגאַניזירט אויף אַזאַ אופן. ערשט שפּעטער, נאָכדעם ווי איך בין עטלעכע מאָל שאָקירט געוואָרן, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז גאָר ניט געווען דאָס וואָס כ׳האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך.

דער האַרבסט און ווינטער פון 1915 זיינען געווען פּעריאָדן פון עקאָנאָמישער דעפּרעסיע אין אַמעריקע. עס זיינען געווען אַ סך אַרבעטלאָזע. קיינער, האָט זיך מיר געדאַכט, זאָרגט גאָר ניט וועגן די אַרבעטער, וואָס גייען אַרום ליידיג. איך בין געווען באַקאַנט מיט דער פּראָבלעם פון אַרבעט־לאָזיגקייט און מיט די מיטלען, וואָס עס האָבן וועגן דעם אָנגעווענדט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, צום ווינציגסטן אין רוסלאַנד. איך האָב אַ סך יאָרן געלעבט אין דייטשלאַנד און האָב געזען דעם צוגאַנג פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי צו דער פראַגע פון אַרבעטלאָזיגקייט. אין מיין שטרעבונג צו באַקענען זיך מיט אַמעריקע האָב איך איינמאָל באַזוכט אַ זופּ־קיך, וואָס אַ צדקה־אַנשטאַלט האָט אָרגאַניזירט אין אַ קעלער אויף

עסעקס סטריט. דאָס איז געווען ווינטער. אין דרויסן איז געווען אַ ביטערער פראָסט. אַ גראָמער צימער אין דעם קעלער־שטאָק איז געווען אָנגעפילט מיט אַן איבלדיגער פּארע. לאַנגע רייען טישן האָבן פארנומען דעם גאַנצן צימער. ביי די טישן זיינען געזעסן ארבעטלאָזע אַמעריקאַנער, יונג און אַלט, אָפּ־געריסן און מיט בלאַנקע, אויסדרוקלאָזע פּנים׳ער, וואָס דאָס איז ניט קיין פארצווייפלונג. אַ סך פון זיי האָבן געוואַרט אויף זייער ריי, בעת די אָנ־געשטעלטע האָבן סערווירט זופּ פון גרויסע קעסלען. אַנדערע זיינען געווען אָנגעבויגן איבער זייערע שיסעלעך און געזופּט דאָס איבלדיגע געקעכטס. מיין אויפמערקזאַמקייט איז געצויגן געוואָרן פון אַ יונגן מאַן, וועלכער איז געזעסן ביים עק טיש לעבן מיר. ער איז געווען יונג מיט אַ געצירטן אָנגענעמען פּנים מיט בלויע אויסדרוקספולע אויגן. ער איז קאָנטיג געווען אַ קרעפטיגער מאַן. זיינע רויטלעך־ברוינע האָר האָבן אים צוגעגעבן אַן אויסזען פון אַ קינסטלער. אָט, האָב איך געטראַכט, איז איינער פון די בעסטע אַמעריקאַנער טיפּן. ער איז געווען נעט אָנגעטאָן און האָט זיך ארויס־געזען צווישן די איבעריגע. זיינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבערן צימער און ס׳איז געווען קלאָר, אַז ער קאָן זיך ניט דערוואַרטן אויף זיין פּאָרציע.

ענדלעך האָט דער אָנגעשטעלטער אים אריינגעגאָסן די פּאָרציע זופּ אין שיסל אריין. ער האָט אַ צי געטאָן מיטן נאָז. אַ וויילע איז ער געבליבן זיצן באַוועגלאָז, מיטן לעפל אין איין האַנט און דעם שטיקל ברויט אין דער צווייטער. און אַזוי איז ער געפאַלן. זיין קערפּער האָט זיך אראָפּגעגליטשט פון דער באַנק און איז געבליבן ליגן צונויפגעהורבעט אויפן דיל. די אָנ־געשטעלטע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אים אויפצוהויבן. זיי האָבן באַשפּריצט זיין פּנים מיט וואַסער. אימיצער האָט ארויסגערופן אַן אַמבולאַנס. באַלד איז געקומען אַ דאָקטאָר אָנגעטאָן אין ווייסן. ער האָט אונטערזוכט דעם ארבעטלאָזן און האָט עפּעס אריינגעשריבן אין זיין ביכל. איך האָב אַ קוק געטאָן איבער זיינע אַקסל און איבערגעלייענט אַ וואָרט, וואָס איז מיר נאָך דעמאָלט ניט געווען באַקאַנט: „סטאַרוועישאָן״, הונגער.

אין אַ ווינטערדיגן פרימאָרגן אין אַ קעלער אויף עסעקס סטריט, האָב איך זיך אויסגעלערנט אַ ניי אַמעריקאַניש וואָרט — סטאַרוועישאָן.

די מאַסן זיינען ניט געקומען

איך האָב דערוואַרט, אַז די סאָציאַליסטישע פּארטיי זאָל אונטערנעמען עפּעס אַן אַקציע אין פארבינדונג מיט דער ארבעטלאָזיגקייט. ס׳איז מיר

פאַרגעקומען ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די פּאַרטיי וועט עפּעס טאָן אין אָט־דער פראַגע. איז עס דען ניט איר פליכט אויסצואַרבעטן אַ באַשטימטע פּראָגראַם, וואָס זאָל פאָרגעלייגט ווערן פאַר דער רעגירונג און פאַרן פאָלק? איז עס דען ניט די פליכט פון דער פּאַרטיי קלאָר צו מאַכן פאַר די מיליאָנען אַמעריקאַנער איינוואוינער, אַז איר פּראָגראַם איז וויכטיק און לעבנס־נויטיק פאַר די אינטערעסן פון דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס?

חדשים זיינען אַוועק, און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אַלץ ניט פאָרמולירט קיין פּראָגראַם וועגן הילף פאַר די אַרבעטלאָזע אָדער וועגן איינ־גאַנצן פּטור ווערן פון אַרבעטלאָזיגקייט, שוין אָפּגערעדט וועגן ברענגען אַזאַ פּראָגראַם צו דעם אַרבעטער־קלאַס און צום פאָלק בכלל. יעדן טאָג האָב איך מיט דערוואַרטונג געעפנט די סאָציאַליסטישע צייטונגען. יעדן טאָג בין איך געבליבן אַנטוישט. כ׳האָב וועגן דעם גערעדט מיט מיינע סאָציאַ־ליסטישע פריינט, אָבער זיי האָבן זיך, קענטיק, ניט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ. וואַרט, האָבן זיי געזאָגט, פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס. איך האָב ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס עס גערויערט אַזוי לאַנג צו פאָרמולירן אַ פּראָגראַם און אָנצוהויבן אַ קאַמפּאַניע וועגן אַ פּראָבלעם, וואָס איז אַזוי דרינגענדיק וויכטיק פאַר די אַרבעטער.

ס׳איז געווען צו שטוינען, וואָס די סאָציאַליסטישע צייטונגען האָבן דווקא יאָ באַריכטעט וועגן באַזונדערע פאַלן פון אַרבעטלאָזיגקייט און ליידן, אָבער קיין קאַמפּאַניע וועגן דעם האָט זיך אַפילו ניט געמערקט אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע! אַזוינס האָב איך ניט געזען ניט אין רוסלאַנד און ניט אין דייטשלאַנד.

איך האָב פאַרבראַכט, מיט איבעררייסן, אַ יאָר אַכט אין דייטשלאַנד, צווישן 1906 און 1914, מיט רייזעס קיין רוסלאַנד אויף אַ לענגערער אָדער קירצערער צייט. איך האָב נאָענט נאָכגעפאָלגט די אַרבעט פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד. איך האָב געוואוסט, אַז אַ צושטאַנד פון אַרבעטלאָזיגקייט, פון דעם מין און דעם פאַרנעם, וואָס האָט געהערשט אין אַמעריקע אין 1915, וואָלט אַרויסגערופן אַ פאַראייניגטע אַקציע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין און אויסערן רייכסטאַג. די סאָציאַליס־טישע פּרעסע וואָלט זיכער געווען אָנגעפילט מיט פאָדערונגען וועגן הילף פאַר די אַרבעטלאָזע סיי אויף אַ לאָקאַלן און סיי אויף אַ נאַציאָנאַלן פאַרנעם.

איך האָב נאָכגעפאָלגט די טרעיד־יוניאָנס. איך האָב געלייענט זייער פּרעסע. ווער איז געווען מער דירעקט פאַראינטערעסירט אין דער פראַגע פון אַרבעטלאָזיגקייט, ווי די טרעיד־יוניאָנס? אָבער די טרעיד־יוניאָן פירער־

שאפּט האָט װעגן דעם ניט אָנגעפירט קײן קאָמפּאַניע — צי די יוניאָן־פירער זײנען געװען קאָנסערװאַטיװע, צי ראַדיקאַלע, װי דאָס איז געװען דער פאַל מיט אַ צאָל יוניאָנס אין דער קלײדער־אינדוסטריע.

אײנמאָל האָב איך פרײ אָפּגעאָטעמט. די סאָציאַליסטישע פּאַרטײ האָט געזאָגט איר װאָרט. אַ מיטינג איז פאַררופן געװאָרן אין דרױסן, אויף מעדיסאָן סקװער, צו באַשפּרעכן די פראַגע פון ארבעטלאָזיגקײט („און צו מאָביליזירן די מאַסן", האָב איך געזאָגט צו זיך אַלײן). איך מוז צוגעבן, אַז איך בין געװען איבערראַשט, װאָס אָט־די אַקציע איז געקומען פּלוצים. עס זײנען ניט געמאַכט געװאָרן קײן צוגרײטונגען. איך האָב ניט געזען קײן אַפישן, װאָס זאָלן מעלדן װעגן דעם מיטינג. איך האָב בלויז באַמערקט אַ רוף אין אײנער אָדער צװײ סאָציאַליסטישע צײטונגען. נאָר איך בין דאָך אַ גרינער, האָב איך געטראַכט, און בין ניט באַקאַנט מיט די מעטאָדן פון די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן. און געװיס בין איך געװען צופרידן װאָס עפּעס איז פאָרט אונטערנומען געװאָרן.

איך בין אװעק צום מיטינג באַצײטנס, ניט געװאָלט דורכלאָזן קײן אײן מאָמענט אין דעם װאונדערלעכן בילד, װי די מאַסן שטראָמען אין די טויזנטער צום פאַרזאַמלונג־פּלאַץ און דריקן אויס די פאָדערונגען פון די הונגעריגע אַמעריקאַנער, װאָס זײנען געבליבן אָן ארבעט און אָן מיטלען צום לעבן ניט דורך זײער אײגענער שולד. אויף מעדיסאָן סקװער האָב איך געטראָפן דעם רעדנער מיט זײן פּלאַטפאָרם. איך האָב דאָרט געטראָפן נאָך עטלעכע מענטשן, װאָס זײנען געשטאַנען אָפּהענטיגע און האָבן געװאַרט. ס'איז אװעק אַ האַלבע שעה, אַ שעה, און קײן מאַסן זײנען ניט געקומען. דער מיטינג איז ניט געהאַלטן געװאָרן. די קאָמפּאַניע האָט זיך ניט אײנ־געגעבן. קײנער פון די אָנװעזנדיגע האָט דאָס ניט באַטראַכט װי עפּעס אויסערגעװײנלעכעס. קײנער האָט זיך, קאָנטיג, ניט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ פון דעם דורכפאַל. איך האָב געקוקט אויף יענע מענטשן און געשטוינט.

פּריװאַטע געשפּרעכן מיט סאָציאַליסטן פון יעדן מין האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט מײן שטוינונג און צעטומלעניש. די סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט אַנטהאַלטן אַ סך פּאָפּולערע „פּיטשורס", װאָס װאָלטן אוממעגלעך געװען אין אַ סאָציאַליסטישער צײטונג אין אײראָפּע. פּריװאַט, און ניט טײלנדיג די מײנונג מיט קײנעם, האָב איך זײ באַצײכנט װי רינגשטאָק־מאַטעריאַל. אײנער פון מײנע סאָציאַליסטישע קאָלעגן האָט מיר געראַטן צו לײענען אַרטור בריסבעין'ס לײט־אַרטיקלען אין דעם „ניו יאָרק אַמערי־קען", װי די בעסטע מוסטערן פון אַמעריקאַנער סאָציאַליזם. איך האָב זײ

געליינט און זיך גע'חידוש'ט. אַ צווייטער קאָלעגע, אַ סאָציאַליסט, האָט אויסגעדריקט זיין באַזונדערע באַוואונדערונג פאַר דעם טעגלעכן קאָלום פון דר. פראַנק קרעין אין דער „גלאָוב". איך האָב געליינט אויך יענע אַרטיקלען און מיין שטוינונג איז אַלץ געוואַקסן. איך האָב געוואָלט דערגיין דעם סוד פאַרוואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט, מיט אַזוי פיל שטימען, וואָס זיינען פאַר איר אָפּגעגעבן געוואָרן, געהאַט בלויז איין פאַרטרעטער אין קאָנגרעס און קיין איינעם ניט אין דער סטעיט לעדזשיסלעיטשור, צי אין דער שטאָטישער אַדמיניסטראַציע. קיין קלאָרן ענטפער האָב איך דערויף ניט געקראָגן. אַ סאָציאַליסט אין פילאַדעלפיע — אַ לאָיער און אַ ריעל־עסטעיט־ניק פון גרויסן פאַרנעם (צו יענער צייט בין איך שוין געווען צוגעוואוינט צום פאַקט פון סאָציאַליסטן־מיליאָנערן) — וועלכער האָט פאַרנומען אַ פירנדיגע פּאָזיציע אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט מיר דערקלערט, אַז אין דער ווירקלעכקייט דאַרף מען גאָר ניט האָבן קיין סאָציאַליסטישע פאַרטרעטער אין די געזעצגעבנדיגע הייזער. איך האָב ניט געקאָנט פאַר־שטיין אַזאַ קוק, האָט ער דאָס געפּרואווט קלאָר מאַכן דורך ווידערהאָלן דעם זעלביגן געדאַנק אויף עטלעכע אופנים. ער איז געווען איבערצייגט, אַז די סאָציאַליסטן האָבן ניט קיין מיסיע אין די געזעצגעבנדיגע קערפּערשאַפטן פון לאַנד. אַ שטרייט וועגן איינפלוס אויף די מאַסן, האָט ער מיר דער־קלערט, קומט פאַר צווישן די דעמאָקראַטן און די רעפּובליקאַנער. יעדע פון אָט־די פּאַרטייען, האָט ער אָנגעוויזן, זוכט צו פאַרשטאַרקן איר איינפלוס און קריגן וואָס מער שטימען דורך פאַרשלאָגן געזעצן, וואָס זיינען ניצלעך פאַרן פאָלק. אַזוי אַרום, האָט ער מיט מיר איינגעקנעלט, זיינען פאַרגעשלאָגן און דורכגעפירט געוואָרן אַ צאָל וויכטיגע רעפאָרמען, ווי קאָמפּענסאַציע פאַר אַרבעטער, וואָס זיינען פאַרוואונדעט אָדער געשעדיגט געוואָרן ביי דער אַרבעט, און פּענסיע פאַר אַלמנות. דעריבער, איז ער געקומען צום אויספיר, קאָנען זיך די אַרבעטער באַגיין — אין פּרט פון געזעצגעבונג — אָן סאָציאַליסטישע געזעצמאַכער.

ווען כ'האָב אים געפרעגט צו וואָס מען דאַרף האָבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אויב מ'קאָן זיך באַגיין אָן סאָציאַליסטישע געזעצמאַכער, האָט ער געענטפערט, אַז זי האָט בלויז איין צוועק: מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר סאָציאַליזם.

ער האָט געהאַט אַ גאַנצע פילאָזאָפיע וועגן דער צעטיילונג פון כחות. די טרעיד־יוניאָנס גיבן אַכטונג אויף די עקאָנאָמישע באַדערפעניש פון די אַרבעטער. דער קאָנגרעס און די סטעיט־לעדזשיסלעיטשורס גיבן אַכטונג

אויף די גזעץ־באַדערפעגישן פון די אַרבעטער. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאַרף באַפרידיגן די באַדערפעניש פון פאַרשפּרייטן אומעטום די אידייע, אַז די סאָציאַליסטישע סיסטעם, ווי אַ סיסטעם, איז בעסער איידער די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם.

אין אַט־דער פילאַזאָפיע איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ווי אַ לעבעדיגע געזעלשאַפטלעכע קראַפט, וואָס זאָל פאַראייניגן דעם קאַמף פאַר באַלדיגע רעפאָרמען מיט דעם קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און וואָס זאָל אַזוי אַרום געווינען אויף איר זייט אַלץ ברייטערע מאַסן.

פון מיינע געשפּרעכן מיט אַנדערע סאָציאַליסטן, אַ צאָל פון זיי אויף פירנדיגע פּאָזיציעס — בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די פילאָזאָפיע פון יענעם סאָציאַליסט־ריעל־עסטעיטניק אין פילאַדעלפיע איז אויך זייער פילאָזאָפיע.

דאָס האָט געוואָרפן אַ ליכט אויף אַ סך פון די פירונגען און כאַראַקטער־שטריכן פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אָבער אַ סאָציאַ־ליסט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַנדערע טראַדיציעס און האָט געהאַט אַן אַנדער קוק אויף דער ראָל פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, האָט בשום אופן ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט אַזאַ פילאָזאָפיע און אַזאַ פּראַקטיק.

סאָציאַליזם אין טויזנט יאָר אַרום

ווי אומדערפאַרן איך בין ניט געווען בנוגע אַמעריקאַנער פּאָליטיק, איז פאַר מיר דאָך געווען קלאָר, אַז ניט די רעפּובליקאַנער און ניט דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז ניט פאַראינטערעסירט אין פאַרבעסערן די לאַגע פון די מאַסן דורך געזעצגעבונג. אויך האָב איך ניט געזען, אַז די טרעיד־יוניאָנס, געפירט פון סעמועל גאָמפּערס, זאָלן האָבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם, ווי אַזוי צו באַאיינפלוסן דאָס פּאָליטישע לעבן פון לאַנד און קעמפן פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

די דערקלערונג פון מיין פריינט אין פילאַדעלפיע איז מיר גאָרנישט געפעלן, כ׳האָב אָבער געפונען אַ באַשטעטיגונג פון זיין שטעלונג אין אַ סך פירונגען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָבן מיך אין אָנהויב איבערראַשט און צעטומלט. איך האָב ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי מאַכט ניט דעם מינדסטן פאַרזוך צו באַאיינפלוסן די אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר אין דער ריכטונג פון אַ מער מיליּ־

טאַנטישער פּאָליטיק. די בעסערע צווישן די סאָציאַליסטן האָבן גערעדט מיט אַ טאָן פון ערגערניש, אין וועלכן ס'איז אויך געווען אַן אויבער־טאָן פון באַוואונדערונג, וועגן גאָמפּערס'ן. זיי האָבן אָבער קאָנטיג שלום געמאַכט מיט דעם פאַקט, אַז די סאָציאַליסטן קאָנען גאָרנישט ניט טאָן אויף צו באַאיינפלוסן די אויבערשטע יוניאָן־פירערשאַפט. די סאָציאַלסטן האָבן גע־האַט אַן איינפלוס איבער די פירער פון אַזוינע יוניאָנס, ווי די אינטער־נעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס, די קעפּ־מעיקערס יוניאָן, די מילינערי יוניאָן און אַ צאָל קלענערע יוניאָנס; אַ סך פון די פירער פון אָט־די יוניאָנס זיינען געווען מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אָבער די טרעיד־יוניאָן פירונגען פון יענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן זיי מיט שטאָלץ באַטראַכט פאַר זייערע פעסטונגען, זיינען קוים געווען אַנדערש ווי אין די יוניאָנס מיט אַ דעמאָקראַטישער אָדער רעפּובליקאַנישער פירער־שאַפט.

עס איז אמת, אַז אין אַ וואָל־קאַמפּאַניע האָבן די פירער פון די דאָזיגע יוניאָנס אינדאָרסירט סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן און דערלויבט אָנצופירן סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין די לאָקאַלס, אָבער דאָס האָט גאָרנישט ניט געהאַט צו טאָן מיט די טרעיד־יוניאָן מעטאָדן פון די דאָזיגע פירער און לאָקאַלן. איך האָב זייער שנעל אויסגעפונען, אַז אַ סאָציאַליס־טישע פירערשאַפט האָט ניט פאַרוואַנדלט אַ טרעיד־יוניאָן אין אַ סאָציאַ־ליסטישער יוניאָן. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע בלויז אויף צו פירן פּראָפּאַגאַנדע פאַר סאָציאַליזם, האָט מיר דערקלערט מיין פריינט פון פילאַדעלפיע; און וואָס מער איך האָב נאָכגעפאָלגט „מיין" פּאַרטיי, אַלץ מער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז ער איז געווען גערעכט. (מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט יענער זיך גענומען דאָס לעבן נאָכדעם ווי ער האָט צעטרענצלט דורך ריעל־עסטעיט ספּעקולאַציעס גרויסע סומען געלט, וואָס ער האָט געבאָרגט ביי אַ סך אָרעמע מענטשן, וועלכע האָבן אים געטרויט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ סאָציאַליסט, און אויך געלטער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי).

נאָך מער. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געהאַלטן, אַז סאָציאַליזם קאָן מען פּריידיגן ניט בלויז צווישן די אַרבעטער און די „ווייסע קאָלנערס", נאָר אויך צווישן די קאַפּיטאַליסטן, אַריינגערעכנט די רייכסטע צווישן זיי. מען קאָן ניט וויסן וואו דער סאָציאַליסטישער געדאַנק וועט שלאָגן זיינע וואָרצלען, האָבן געהאַלטן אַ סך סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן. און מיט דער גרעסטער פרייד האָבן די סאָציאַליסטישע צייטונגען געמאָלדן, אַז

דער און דער באַנקיר האָט זיך אויסגעדריקט לטובת דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, ווי אַן ענטפער אויף די איבלען פון קאַפּיטאַליזם.

מיט דער צייט האָב איך אויסגעפונען, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט ניט קיין קיין וועלט־אויסקוק. איך בין פריער געווען אַ מיטגליד פון אַ מענשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע און איך האָב באַגריפן, לאַנג נאָך דעם, ווי איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע, אַז די מענשעוויסטישע אידעאָלאָגיע איז גאַרניט געווען דאָס, וואָס זי האָט זיך אָנגעגעבן צו זיין. וועגן דעם וועל איך האָב אַ געלעגנהייט צו שרייבן שפּעטער. אָבער די סאַמע באַדערפעניש פון אַן אויסגעהאַלטענער אידעאָלאָגיע, דאָס הייסט — אַ פילאָזאָפיע פון דער וועלט און פון דער געזעלשאַפט, אַ פילאָזאָפיע וואָס זאָל געבן אַן ענטפער אויף אַלע פּראָבלעמען און זאָל דינען ווי אַ ריכט־שנור פאַר אַקציע — דאָס איז מיר פאָרגעקומען ווי זעלבסט־פאַרשטענדלעך. די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אָבער ניט געהאַט אַזאַ אידעאָלאָגיע. מאָריס הילקוויט האָט געזאָלט זיין אַ מאַרקסיסט. ער איז געווען ווייט פון מאַרקסיזם. דאָך איז ער געווען איבערצייגט, אַז ער איז אַן אָנהענגער פון דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע. לואיס ב. בודין האָט געהאַט אַ בעסערן באַגריף פון מאַרקסיזם. וויקטאָר בערגער, דער סאָציאַליסט פון מילוואָקי און רעדאַקטאָר פון דעם „מילוואָקי לידער", האָט אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן דעם מאַרקסיזם. יודזשין וו. דעבס, דער גרויסער אָנערקענטער פירער, האָט אָפט אַריינגעבלאָנדזשעט אין מאַרקסיסטישע באַגריפן, ווייל זיין האַרץ איז געווען אויפן ריכטיגן פּלאַץ און ער איז געווען אַן אמת'ער זון פון אַרבעטער־קלאַס. ס'איז אָבער געווען שווער צו געפינען אַ קלאָרע אויפפאַסונג פון דעם מאַרקסיזם אין זיינע רעדעס און שריפטן. דאָס וואָס זיין פּאָליטישע שטעלונג איז אָפּטמאָל געווען מער רעוואָלוציאָנער איידער די שטעלונג פון אַנדערע פירער און וואָס ער האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַן אמת'ן אוואַנגאַרד פון דעם אַרבעטער־קלאַס, איז געווען אַ רעזולטאַט פון זיינע דערפאַרונגען, פון זיין אָנטייל אין סטרייקס, זיינע ניט־אונטערבראָכענע פאַרבינדונגען מיט אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און זיין אומפעלערהאַפטן רעוואָלוציאָנערן אינסטינקט. מען קאָן אָבער ניט זאָגן, אַז ער האָט געהאַט אַ גוט־אויסגעאַרבעטע אידעאָלאָגיע.

מיט שוידער האָב איך אָבער אויסגעפונען, אַז אַ סך סאָציאַליסטישע פירער, אַריינגערעכנט אַזוינע פּערזאָנען ווי דער רעדאַקטאָר פון „פאָר־ווערטס", אַב. קאַהאַן, די סאָציאַליסטישע טרעיד־יוניאָניסטן, ווי בענדזשאַמין שלעזינגער און סידני הילמאַן, האָבן יאָ געהאַט אַן אויסגעהאַלטענע אידעאָ־

לאָגיע, אָבער דאָס איז געווען אַן אידעאָלאָגיע פון אַ רעפאָרמירטן קאַפּיטאַליזם. פאַר זיי איז סאָציאַליזם געווען עפּעס אַ נעפּלדיגע זאַך אין דער ווייט־ווייטער צוקונפט, עפּעס אַזוינס, וואָס מען קען דערצו שטרעבן, עפּעס אַ שיינער חלום, אַ טרוים־וואונטש. זיי האָבן ניט געצווייפלט אין סאָציאַליזם, אַט־די פירער. האָבן זיי דען ניט געפּריידיגט סאָציאַליזם און זיינען זיי דען ניט געווען גרייט אויסצושטיין דעם שפּאָט און אַפילו די אַטאַקעס פון זייערע געגנער? פאַר זיי איז אָבער סאָציאַליזם געווען אַן אידעאַל, וואָס האָט געזאָלט פאַרווירקלעכט ווערן אין עטלעכע הונדערט יאָר אַרום. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז ערשט אין טויזנט יאָר אַרום וועט דער סאָציאַליזם ווערן אַ ווירקלעכקייט. דערווייל אָבער דאַרף אַ סאָציאַליסט „אויפקלערן" דאָס פאָלק וועגן די גרויסע מעלות פון דער סאָציאַליסטישער סיסטעם. „איין גרויסער פאַבריקאַנט, וואָס ווערט אַריבערגעוואונען אויף דער זייט פון סאָציאַליזם, איז ווערט מער ווי צענדליגער טויזנטער אַרבעטער", האָט צו מיר געזאָגט איינער פון מיינע סאָציאַליסטישע פריינט אין אַ מאָמענט פון אָפנהאַרציגקייט. ווייל אַ פאַבריקאַנט, האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, האָט אַ דעה און קאָן געהערט ווערן, בעת די אַרבעטער — וואָס פאַר אַן איינפלוס האָבן זיי דען אין דעם לעבן פון לאַנד?

אויף דעם געביט פון אָרגאַניזאַציע האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיך באַפרידיגט פּונקט אַזוי ווייניג, ווי אויפן געביט פון אידעאָלאָגיע. זי איז געווען אָרגאַניזירט אויף דעם באַזיס פון פעדעראַציעס. די נאַציאָנאַלע קאָמיטעע מיט איר צענטער אין שיקאַגאָ האָט געהאַט פאַרטרעטער פון עטלעכע נאַציאָנאַלע פעדעראַציעס—פינישע, רוסישע, אידישע, ליטווישע, אונגאַרישע און אַנדערע. די דאָזיגע פאַרטרעטער האָבן זיך באַטייליגט אין די זיצונגען פון דער צענטראַלער קערפּערשאַפט און האָבן זיך באַטראַכט ווי אַ מין אַמבאַסאַדאָרן פון זייערע זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציעס. די דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי איז געווען זייער אַ לויזע. אַ פעדעראַציע האָט געקאָנט טאָן וואָס זי האָט געוואָלט: יאָ דורכפירן די באַשלוסן פון דער צענטראַלער קערפּערשאַפט, אָדער זיי ניט דורכפירן. ס'איז געקומען אַ צייט, ווען די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט נאָך אַמעריקע'ס אַריינטריט אין דער וועלט־מלחמה זיך אָפּן געשטעלט געגן דער צענטראַלער פירערשאַפט. די פירערשאַפט האָט געסטראַשעט אָנצונעמען מיטלען, אָבער קיינע מיטלען זיינען ניט גענומען געוואָרן צו צווינגען די אידישע פעדעראַציע נאָכצוקומען די באַשלוסן פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט.

אין דער ווירקלעכקייט האָט יעדע סאָציאַליסטישע צייטונג, יעדער

סאָציאַליסטישער לאָקאַל, יעדע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע אָנגעפירט איר אייגענע פּאָליטיק, אָן שום קאָנטראָל, אָן שום פאַראייניגונגס־קראַפט און אָן דער געגנזייטיגער פאַרשטענדיגונג, וואָס איז אַזוי נויטיג פאַר ווירקזאַמער אַקציע.

איך קאָן ניט זאָגן, אַז מיין דערפאַרונג מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע האָט גרינגער געמאַכט מיין געמיט אין די יאָרן, ווען איך האָב דורכגעמאַכט דעם פּראָצעס פון אַמעריקאַניזירן זיך.

שווער זיך צוגעוואוינען צו אַמעריקע

אַ דערוואַקסענעם מענטשן מיט באַשטימטע געוואוינהייטן און באַגריפן קומט עס אָן ניט גרינג זיך צוצופּאַסן צו אַ ניי לאַנד, בפרט נאָך ווען ער באַטראַכט זיך ניט פאַר קיין טוריסט, נאָר ער וויל זיך אידענטיפיצירן מיטן לאַנד, ווערן אַ טייל דערפון און אָנטייל נעמען אין דעם לעבן פון דעם לאַנד אין אַ גרעסערער מאָס, ווי אין די אייראָפּייאישע לענדער. אויף אָט־די באַדינגונגען בין איך געקומען קיין אַמעריקע און מיט דעם דאָזיגן ציל פאַר מיינע אויגן האָב איך געאַרבעט באַוואוסטזיניג פון דעם ערשטן טאָג אָן.

איך שטעל זיך פאָר, אַז די צופּאַסונג, וואָס באַשטייט אין פאַרזען די אומאַנגענעמע שטריכן און אין הנאה האָבן פון די אָנגענעמע שטריכן פון דעם לעבן אין אַ ניי לאַנד, קאָן פאָרקומען אפילו אָן דער באַוואוסטזיניגער באַמיאונג פון דעם מענטשן, וואָס מאַכט דורך דעם דאָזיגן פּראָצעס. יעדער איינער, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע זיך באַזעצן, האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צוצופּאַסן צום לאַנד אויף פאַרשיידענע אופנים. מעגלעך, אַז מיין וועג איז ניט געווען שווערער, און אפשר איז ער געווען גרינגער, ווי די וועגן פון אַנדערע. דאָך האָט דער פּראָצעס פון צופּאַסן זיך פאַרשלונגען אַ היבש ביסל פון מיינע ענערגיע, באַזונדער אין די ערשטע פאָר יאָר. אַ סך שטריכן פון ארומיגן לעבן זיינען מיר פאָרגעקומען אַזוי מאָדנע און אומ־אַנגענעם, אַז די אַנגענעמע און די מערקווירדיגע שטריכן פון דעם לעבן האָבן ניט געקאָנט פאַרגיטיגן די פאַרדריסלעכע איינדרוקן.

היינט קומט עס מיר פאָר מאָדנע, וואָס אַזוי פיל זאַכן האָבן מיר דאָ־קוטשעט אין מיינע ערשטע חדשים אין אַמעריקע. איך האָב שוין דערמאָנט

דעם טומל. דאָס איז געווען בלויז איינע פון אַ סך דערשיינונגען, וואָס האָבן אויף מיר געמאַכט אַן אומאַנגענעמען איינדרוק, ווייל זיי האָבן ניט געשטימט מיט דער פאָרשטעלונג, וואָס איך האָב זיך געשאַפן אין אייראָפּע וועגן אַמעריקע. מיין פּאַטעטישע אויפפאַסונג האָט ניט געשטימט מיט די פאַקטן, כ׳האָב זיך אָבער ניט געוואָלט שיידן מיט איר. כ׳האָב געגלויבט, אַז אַלע גרויסע געדאַנקען ווערן געבוירן אין דער שטיל. איך האָב געגלויבט, אַז גרויסע קונסט־ווערק זיינען דער רעזולטאַט פון שטילן טראַכטן און איינזאַמקייט. איך האָב געגלויבט, אַז פילאָזאָפישע סיסטעמען, וואָס כ׳האָב באַוואונדערט זייער מאַיעסטעטישקייט, זיינען דער פּראָדוקט פון מענטשן, וואָס טראַכטן טיף אין טיפער שטילקייט און שווייגן. איך בין געווען אַ באַוואונדערער פון געטע׳ן, וועלכער האָט געהאַלטן פון אָלימפּישער שטילקייט.

איך האָב ליב געהאַט דאָס דייטשע וואָרט „זיננען", וואָס דאָס מיינט — זיין פאַרטיפט אין געדאַנקען. איך האָב ליב געהאַט דאָס אָרט אין די גערטנער פון דעם וואונדערלעכן היידעלבערג־שלאָס, וואָס איז געווען באַשיצט דורך אַלטע ביימער, וואו ס׳איז געהאַנגען אַ טאָוול מיט דער אויפשריפט: „דאָ איז געזעסן געטע" אין אַזאַ און אַזאַ טאָג, „זיננענד און דענקענד".

אָבער דאָס האָט ניט צו טאָן מיטן ענין.

כ׳האָב צוערשט ניט געקאָנט פאַרליידן די קורצע, אָפּגעהאַקטע ענטפערס און די כמעט גראָבע אויפנאַם, וואָס איינער קריגט אין ניו יאָרק, ווען ער פרעגט זיך אָן וועגן עפּעס. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַן אויסדרוק פון ניט־פריינטלעכקייט. שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז דאָס איז בלויז די אָפּגעהאַקטע מאַניר פון מענטשן, וואָס האָבן קיין צייט ניט. דער פאַקט גופא, וואָס מענטשן האָבן דאָ קיין צייט ניט, איז מיר געווען דערווידער. וואָס איז די איילעניש ?—האָב איך געטראַכט. שפּעטער האָב איך געענדערט מיין מיינונג. עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז בעת די שטאָט ווי אַ גאַנצע לעבט מיט אַ שטאַרקן אימפּעט, איז דער איינצלנער מענטש ניט געאיילט. ער רעכנט אויס זיין צייט ביז צו דער מינוט, צו דער סעקונדע. ער וועט ניט אַרויס פון הויז מיט אַ מינוט פריער. אָבער ווען ער פאַרלאָזט דאָס הויז, מוז ער אַרויספאָרן און אָנקומען צו דער מינוט. פון דרויסן שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז אַלע איילן זיך ביז גאָר. אָבער יעדער איינער ווייסט ווי אַזוי איינצואָרדענען זיין צייט.

די מאָנאָטאָנקייט פון לעבן האָט מיך געדריקט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אומעטום איז אַלצדינג דאָס זעלבע. אַ רייכער רעסטאָראַן, אַן אָרעמער רעסטאָראַן, אין צענטער פון שטאָט אָדער אין די פאָרשטעט, זיינען די

גאַפּל־מעסער, דאָס געפּעס, דער אויסשטעל פון די טישן, די פּנים׳ער פון די וועיטערס, דער פאָרמאַט פון דער שפּייז־קאַרטע געוועזן ווי פון איין מוסטער. די פּרייזן זיינען געווען פאַרשיידענע, אָבער דער טעם פון די מאכלים, האָט זיך מיר געדאַכט, איז אומעטום דער זעלביגער. הייזער, אין די טויזנטער, זיינען געווען געמאַכט ווי פון איין פורעם. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק, וואָס ס׳האָט אויף מיר געמאַכט אַ גאַנצער בלאָק ברוין־שטיין הייזער אין יאָרקוויל. כ׳האָב אָנגעציילט פופצן הייזער מיט אַקוראַט די זעלביגע „סטופּס“, די זעלביגע קעלער־שטאָק, די זעלביגע פענצטער, די זעלביגע הויך, די זעלביגע קאָלירן. אַזוי ווי אימיצער האָט זיך געפליסט צו מאַכן פון יענעם בלאָק און פון די אַרומיגע בלאָקס אַ בילד פון מאָנאָטאָנקייט. און דאָך, האָב איך באַמערקט, וואוינען אין יענע הייזער פאַרמעגלעכע מענטשן. זעען זיי דען ניט ווי לעבערלעך דאָס איז? אין די איירראָפּייאישע שטעט, וואו איך בין געווען, האָט מען קוים געקאָנט טרעפן צוויי הייזער פון דעם זעלביגן אויסזען, סיידן אין די אָרעמסטע קוואַרטאַלן, וואו איין אונטערנעמער האָט אַוועקגעשטעלט גאַנצע רייען ביליגע שטיבער. איך האָב געקאָנט פאַרשטיין די מאָנאָטאָנקייט פון אַזוינע קוואַרטאַלן, אָבער פאַרוואָס האָבן פאַרמעגלעכע אַמעריקאַנער געבויט פאַר זיך אַליין אַזוינע הייזער פון דעם זעלביגן מוסטער, ווען זיי וואָלטן זיך געקאָנט פאַרגינען צו זיין אינדיווידועל?

כ׳האָב שטאַרק פיינט געקראָגן סיי די עלעוועיטעד־באַנען און סיי די סאָבוועיס, שוין אָפּגערעדט פון די טראַמוואַיען. איך האָב זיך געפילט באַ־לייַדיגט יעדן מאָל, ווען מיר איז אויסגעקומען אין זיי צו פאָרן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ניט די באַנען זיינען געמאַכט פאַר די פּאַסאַזשירן, נאָר פאַרקערט — די פּאַסאַזשירן זיינען געשאַפן געוואָרן פאַר די באַנען. די וואַגאָנען זיינען געווען מיאוס, אומבאַקוועם, ברודיג. ווען כ׳האָב געהערט, ווי אימיצער האָט געזאָגט, אַז אין פאַרגלייך מיט די ניו יאָרקער סאָבוועיס איז די בערלינער אונטערגרונד־באַן ווי אַ סאַניטאַריום, האָב איך מיט אים איינגעשטימט. אָט־די אומאַנגענעמע דערשיינונגען האָבן מיך געערגערט נאָך מער דערפאַר, וואָס איך האָב זיך אין איירראָפּע געהאַט פאַרגעשטעלט די אַמעריקאַנער ווי שטאָלצע, שעפערישע מענטשן, די בויער פון דעם גרעסטן און פאָרטגעשריטנסטן לאַנד אין דער וועלט.

היינט די אַדווערטאַיזמענטס. איך האָב אַ טבע, אַז מיינע אויגן שטעלן זיך אָפּ אויף יעדער קליינינקייט. איך קאָן ניט דורכלאָזן קיין אויפשריפט, קיין בילד, קיין שילד (דאָס מאַכט שווער און געפערלעך צו טרייבן אַן

אויטאָמאָביל). אויף מיינע לאַנגע רייזעס אין די סאָבוועים און עלעוועיטעדס האָב איך געלייענט די אַדווערטאַיזמענטס און זיך גע'חידוש'ט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען קינדיש, אַז זיי זיינען אויסגערעכנט אויף מענטשן אָן שכל. „יו קען טיטש עי פּערראָט טו סעי דזשאַסט עס גוד" (מען קאָן אויסלערנען אַ פּאָפּוגאַי צו זאָגן „פּונקט אַזוי גוט"), האָב איך געלייענט. צו וואָס דאַרף מען דאָס? אַזאַ איינפאַל איז אויסגערעכנט פאַר מינדער־זיניגע. „טשילדרען קראַי פאַר קאַסטאָריאַ" („קינדער וויינען מען זאָל זיי געבן קאַסטאָריאַ"). ווער וועט דאָס גלויבן? די סמיט־ברידער האָבן אָנגעבאָטן הוסט־צוקערקעס, וואָס האָבן געזאָלט זיין אי באַ'טעמ'ט, אי גוט פאַר אַ הוסט. ווען איך האָב פאַרזוכט אַזאַ צוקערקע האָב איך פאַרשאָלטן די סמיט־ברידער.

די צרה מיט מיר איז געווען, וואָס איך בין געקומען פון לענדער, וועלכע זיינען געווען אינדוסטריעל און קאָמערציעל ווייניגער אַנטוויקלט. אין דעם פאַר־מלחמה דייטשלאַנד און עסטרייך זיינען רעקלאַמעס געווען געוועגדט דערהויפּט צו די „בעסערע קלאַסן" און צו די, וואָס האָבן געהאַט אַ באַ־דייטנדיגע קויף־קראַפט. אַרטיקלען פון מאַסן־געברויך, חוץ טאַבאַק, זיינען זעלטן רעקלאַמירט געוואָרן. די רעקלאַמעס וועגן אַזוינע אַרטיקלען ווי שאַמ־פּאַניער, שאַרפע געטראַנקען, די בעסערע סאָרטן קליידער זיינען געוויינטלעך געווען געשריבן אין אַ טאָן פון וועלטלעכקייט און ראַפינירטן רייץ. אין אַמעריקע האָב איך באַמערקט די פלינקייט פון צייכענונג, פון דעם אויסשטעל פון די אַדווערטאַיזמענטס, אָבער זייער נוסח איז געווען אַ באַליידיגונג פאַר מיין פאַרשטאַנד. איצט קומט דאָס מיר פאָר ווי קליינינקייטן, אָבער אין דעם פּראָצעס פון מיין צופּאַסן זיך צו אַמעריקע האָבן אָט־די קליינינקייטן געשפּילט אַ ראָלע. מסתמא בין איך ניט דער איינציגער.

די צויבער־שטאָט ניו יאָרק

אין די ערשטע וואָכן נאָך מיין אָנקומען אַהער בין איך אַ סך מאָל איינגעלאַדן געוואָרן צו פּריינט אויף מאָלצייטן און אויך אויף פּאַראַדנע „דינערס". די מעניו איז שטענדיג געווען די זעלביגע. „גרעיפּ־פּרוט", זופּ, הון, געבעקס און קאַפּע. איך בין ניט איבערקלייבעריש בנוגע עסנס, אָבער כ'האָב זיך ניט איינמאָל געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס זאָלן זיי ניט האָבן קיין אייגנעם געשמאַק? פאַרוואָס זאָלן זיי ניט באַנוצן זייער אינדיווידועלע פאַנטאַזיע בנוגע זייערע מאָלצייטן?

מיט דער צייט זיינען אָט־די אומגינסטיגע איינדרוקן מער ווי פאַר־גיטיגט געוואָרן דורך די גינסטיגע. איך האָב שפּעטער פאַרשטאַנען, אַז די גינסטיגע איינדרוקן האָבן זיך גענומען דאָס רוב פון דעם העכערן לעבנס־סטאַנדאַרד אין אַמעריקע. אין דעם זעלביגן טאָג, ווען איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָב איך באַזוכט מיינעם אַ פריינט, אַן אינטעליגענט, וואָס האָט פאַרדינט זייער ווייניג. אויף מיר האָט געמאַכט אַ היבשן איינדרוק די אויסשטאַטונג פון זיין וואוינונג. איך האָב ניט פאַרשטאַנען פון וואַנען עס האָט זיך צו אים גענומען דער גוטער געשמאַק און די מאַטעריעלע מיטלען פאַר אַזאַ אויסשטאַטונג. די צימערן האָבן געהאַט ניט בלויז עלעקטרישע באַלייכטונג, נאָר אויך גאַז־לאָמפּן, וואָס האָבן געוואָרפן אַ מילדע ווייסע ליכט. אין דעם עס־צימער איז געשטאַנען אַן עלעגאַנטער רונדער טיש מיט זעקס פּראַכטפול־געפורעמטע שטולן, מיט אַ סאָפע און מיט בילדער אויף די ווענט. אַלץ איז געווען אַזוי באַקוועם און ציכטיג. דער אויפנאַם־צימער האָט געהאַט פלושענע מעבל, אַ פּיאַנאָ און אַ פיינעם טעפּיך. אויף די ווענט זיינען געהאַנגען בילדער און דער צימער איז געווען באַלויכטן פון שטייענ־דיגע לאָמפּן און פיינע עלעקטרישע איינריכטונגען. אויף וויפיל איך האָב געקאָנט שאַצן די ווערט פון די אַלע זאַכן, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אפילו פאַרמעגלעכע מענטשן אין ווין וואָלטן זיך ניט געקאָנט פאַרגינען אַזוינע טייערע אויסשטאַטונגען. ערשט שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז די אויסשטאַטונג אין יענער וואוינונג איז געווען אַלץ געווען סטאַנדאַרטנע, אַז די מעבל איז מסתמא געווען פון גרענד רעפּידס, די עלעקטרישע אויסשטאַטונגען זיינען געווען פון די גאַנגבאַרסטע מוסטערן און אַז אַלצדינג אין יענער דירה האָט מען געקאָנט געפינען אין מיליאָנען אַנדערע צימערן און אין דער זעלביגער אָרדענונג. דאָך איז מיר געפעלן געוואָרן דער פאַקט, וואָס אין די היימען פון אַמעריקאַנער אַרבעטער מיט אַ מער־ווייניגער אָנשטענדיגן לוין האָט מען ניט געקאָנט געפינען דעם מין צעפאָרענע טישן, צעדרומזשקעטע שטולן און קלאָגעדיגע אויסשטאַטונג, וואָס מען זעט כמעט אין יעדער אַרבעטער־היים אין אייראָפּע. דאָס זעלביגע מיט קליידער. אַלע, האָט זיך געדאַכט, גייען גוט אָנגעטאָן. אפילו די בעטלער, וואָס כ׳האָב פון צייט צו צייט געטראָפן אין גאַס, זיינען געווען נישקשה׳דיג געקליידט. אין אייראָפּע האָט מען געזען אַ סך צעריסענע קליידער און ניט־געפּוצטע שיך. די אַמעריקאַנער שיך האָבן, מער ווי אַלץ, עדות געזאָגט וועגן אַ הויכן לעבנס־סטאַנדאַרד.

נאָך אַ וויכטיגער עלעמענט האָט מיר געוויזן, אַז איך געפין זיך אין אַ לאַנד פון העכערער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. מענטשן האָבן גערעדט

מיט א גרינגן געמיט וועגן דזשאבס. אין מערסטע פאלן האבן זיי ניט מורא געהאט צו פארלירן דעם דזשאב. וועלן זיי פארלירן איינעם, וועלן זיי גרינג געפינען א צווייטן. איך האב ניט געפונען קיין סך מענטשן מיט דער צעפרעסנדיגער שרעק, וואס איז געווען אזוי פארשפרייט צווישן לוין־ארבעטער אין די אייראפייאישע לענדער און וואס איז אונז געווארן אזוי באקאנט דא אין לאנד זינט דעם אנהויב פון דעם קריזיס—די שרעק פון ארבעטלאזיגקייט.

אויך האט אויף מיר געמאכט אן איינדרוק דער פאקט, וואס דער לוין־ארבעטער האט דא געקאנט מאכן פלענער וועגן אן אייגענעם געשעפט, און ווען די געשעפטן זיינען געגאנגען שלעכט, האט ער געקאנט צוריקגיין צו זיין ארבעט. צווערשט איז עס מיר פארגעקומען מאדנע, וואס איז א לאנד מיט אזא קאנצענטראציע פון קאפיטאל איז געווען אזוי פיל פלאץ פאר קליינינקע געשעפטן. ערשט שפעטער האב איך אויסגעפונען, אז די סאמע אויסשפרייטונג פון קאפיטאליזם שאפט מעגלעכקייטן פאר קליינע געשעפטן.

אזוי צי אנדערש זיינען די מענטשן, ווי מיר האט זיך געדאכט, געווען גאנץ זיכער, אז זיי וועלן קאנען מאכן א לעבן. דער געשפענסט פון הונגער האט ניט פארפאלגט די מערהייט פון פאלק. דערמיט דערקלערט זיך אפשר דער פאקט, וואס די מענטשן ארום מיר האבן אזוי ווייניג געזארגט וועגן די ארבעטלאזע אין 1915 און 1916. מ'האט גערעכנט, אז די אומנארמאלע לאגע וועט באלד פארשווינדן.

איין זאך איז מיר באזונדער געפעלן געווארן פון סאמע אנהויב: די אלגעמיינע אויסערלעכע קוואליטעט. כ'האב פאר זיך געזען א דעמאקראטיע, וואו דער באנק־אנגעשטעלטער און דער באנק־פרעזידענט האבן געטראגן דעם זעלביגן שניט קליידער; וואו דער ארבעטער, דער אינזשענער, דער פארוואלטער פון א פאבריק, דער קאלעדזש־פראפעסאר, דער סטודענט און דער גאסן־ראמער האבן נאך דער ארבעט זיך ווייניג אונטערשיידט איינער פון אנדערן אין אויסערלעכן אויסזען. דעם קאנדוקטאר פון א טראמוואי, האב איך געטראכט, קאן מען אננעמען פאר יונגן אסיסטענט־פראפעסאר; די סטענאגראפיסטקע אויסער איר אפים האט אויסגעזען ווי א דאמע פון וועלכן ס'איז שיכט.

קורץ, כ'האב ניט באמערקט קיין קלאסן־אונטערשיידן אין קליידונג און מאנירן, אין די ערשטע עטלעכע חדשים, לכל הפחות. שפעטער, ווען מיין אויג איז געווען מער געניט, האב איך אנגעהויבן באמערקן אויסערלעכע אונטערשיידן צווישן פארשיידענע שיכטן פון דער באפעלקערונג, אבער צום אנהויב האט דער פאקט, וואס אלע האבן געטראגן קליידער פון דעם זעלביגן

שניט און וואָס גוטע מאַנירן זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גרויסער מאַסע פון פאָלק, געמאַכט אויף מיר זייער אַ גינסטיגן איינדרוק. דאָס איז געווען איינע פון די פילע זאַכן, צוליב וועלכע כ'האָב פון אָנהויב־אָן האָלד געקראָגן דאָס נייע לאַנד, וואָס כ'האָב פאַר זיך אויסגעקליבן.

מיט דער צייט האָב איך זיך געמוזט צופּאַסן צו אַ נייער באַציאונג צו געלט, דזשאַבס, שמועסן. אין אַמעריקע, האָב איך באַמערקט, ווערט געלט אויסגעגעבן אַ סך גרינגער ווי אין אייראָפּע. אַ צען־סענט שטיק האָט געהאַט דעם באַטרעף פון פינף־און־צוואַנציג פעניג, דער אַמעריקאַנער האָט אָבער אויסגעגעבן אַ דאַים אַ סך גרינגער, ווי אַ דייטש האָט אויסגעגעבן פינף־און־צוואַנציג פעניג. איין סענט אין אַמעריקע איז געווען כמעט גאָרנישט, אָבער פינף פעניג אין דייטשלאַנד איז געווען אַ וויכטיגע מטבע. אַן אַר־בעטער, וואָס האָט פאַרדינט הונדערט מאַרק אַ חודש, האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ גוט־באַצאָלטן אַרבעטער אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. אָבער די סומע האָט באַטראָפן ווייניגער ווי צען דאָלאַר אַ וואָך. אַ מאַן, וואָס האָט פאַרדינט צען דאָלאַר אַ וואָך, האָט זיך באַטראַכט ווי אַ קנאַפּ־באַצאָלטער אַרבעטער.

צוליב דעם העכערן לעבנס־סטאַנדאַרד, האָב איך באַלד אויסגעפונען, האָבן אַמעריקאַנער באַטראַכט אַ סך זאַכן ווי אַרטיקלען פון טאָג־טעגלעכן געברויך, בעת אין אייראָפּע זיינען דאָס געווען לוקסוס־זאַכן. צום ביישפּיל: באַנאַנעס, מאַראַנצן, פיסטאַשיאַס. עסן פלייש דריי מאָל אַ טאָג איז אין אַמעריקע ניט באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ לוקסוס. דער אייראָפּייער מיט אַ מיטעלער איינקונפט, שוין אָפּגערעדט פון דעם אַרבעטער, האָט זיך אַזוינס ניט געקאָנט פאַרגינען.

דער אויטאָמאָביל איז אין אייראָפּע געווען נאָר פאַר די רייכע. קיין איינער פון הונדערט לערער האָט זיך ניט געקאָנט פאַרגינען צו האָבן אַן אויטאָמאָביל אין אייראָפּע.

יעדע דערשיינונג האָט געהאַט איר ווירקונג, ווי קליין און ווי גרויס זי איז ניט געווען. געוואוינהייטן, מידות, געשמאַקן, סטאַנדאַרדס — אַלץ האָט געדאַרפט אויסגעפאָרשט און פאַרשטאַנען ווערן, אַלץ האָט געדאַרפט אָדער אָנגענומען, אָדער צוריקגעוויזן ווערן; אַלץ האָט געדאַרפט געשטעלט ווערן אין דער געהעריגער פּערספּעקטיוו. ס'איז געווען אַ שווערע אַרבעט, מילד גערעדט, און ס'האָט ניט געשאַפן קיין לייכטן געמיט־צושטאַנד.

אָבער דער סאַמע אַקט פון צופּאַסן זיך, וואָס כ'האָב אויפגעפאַסט ווי אַ פּראָצעס פון אַריינגעצויגן ווערן אין דעם לעבן פון לאַנד, האָט אויך

געהאט מאָמענטן פון דערהויבונג. געוויסע געגנטן און לאַנדשאַפטן פון שטאָט זיינען געווען שיין אָן א ברעג. כ'קאָן ניט פארגעסן דעם אָוונט, ווען איך בין געפאָרן פון אויבן אויף א „באָס" איבער פינפטער עוועניו. ס'האָט פריער געגרענט, און דער אספאַלט פון גאס איז נאָך געווען נאס. פון דער פיר־און־דרייסיגסטער סטריט אַרונטער־צו איבער דער פינפטער עוועניו האָב איך געזען מיליאָנען ליכט אָפּגעשפּיגלט אין דער נאסער גאס. די צוויי רייען גאס־לאַמפּן ביי די טראָטואַרן האָבן אויסגעזען ווי צוויי לאַנגע שנירלעך פּערל. ס'האָט אויסגעזען כמעט פאַנטאַסטיש. די שטאָט ניו יאָרק האָט באמת פאַרמאָגט א צויבער, וואָס אין אייראָפּע זעט מען אַזוינס ניט. איך האָב גיך אויסגעפונען די פונקטן פון וואַנען ניו יאָרק זעט אויס צום בעסטן. איין פונקט אַזאַ איז געווען אינמיטן מאַנהעטן ברידזש מיט די אַלטע טורעמס פון די דאַון־טאַונער הימל־קראַצער אויף איין זייט, מיט דעם טייך פון אונטן און מיט אַן ענדלאָזער שטרעקע פון לאָנג־איילאַנד איינגע־הילט אין א נעפּל, און מיט דעם וויברירן פון שטאָטישן לעבן, וואָס האָט, דאַכט זיך, געמאַכט צו ציטערן די שטאָלענע גלידער פון בריק. וואו נאָך האָט מען געקאָנט געפינען אַזאַ לעבנס־דראַנג, אַזאַ גרויסאַרטיגקייט, אַזאַ דערהויבונג פון מי? איך האָב געקאָנט אָפּשטיין שעה'ן־לאַנג אויפן בריק און קוקן, הערן, איינזאַפּן אין זיך ניו יאָרק.

איין מאָל אין א לויטערן אָקטאָבער־נאָכמיטאָג בין איך פאַרלאָרן גע־גאַנגען אין דער געגנט פון וואָל־סטריט, צווישן די הויכע געביידעס. איך האָב ניט געוואוסט ווי אַזוי צו געפינען מיין וועג, און ס'האָט מיר ניט געאַרט. די זון האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין. שאָטנס האָבן אָנגעפילט די שטרעקעס צווישן די געביידעס, בעת זייערע שפּיצן זיינען נאָך אַלץ געווען באַלויכטן פון דער זון. די גאַסן זיינען שוין געווען ליידיג. דער געשעפטס־טאָג איז געווען פאַרענדיגט. ס'איז אין דער געגנט ניט געווען כמעט קיין שום באַוועגונג. איך בין געגאַנגען צווישן אָט־די געביידעס־ריזן און האָב צום ערשטן מאָל געזאָגט צו זיך, אַז די גאַסן זעען אויס ווי טיפע טאָלן, ווי קעניאָנס, און די געביידעס — ווי הויכע פעלזן. דאָס איז געווען מיין אייגענער בילדלעכער פאַרגלייך, און שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז ס'איז אַן אַלגעמיין־אָנגענומענער פאַרגלייך. דער קאָנטראַסט צווישן דעם גערודער אויף יענע גאַסן אין משך פון טאָג און זייער שטילקייט אין אָוונט; צווישן דער האַלב־פינצטערניש אונטן און דעם טאָג־ליכט, וואָס האָט נאָך אַלץ געשפּילט אויבן; צווישן דער קליינקייט פון דעם איינצלנעם דורכגייער און דער ריזיגקייט פון יענע געביידעס — דאָס אַלץ האָט אויף מיר אָנגעיאָגט

א שטימונג, וואָס איז געוויינטלעך פאַרבונדן מיט אַלטע קאַטעדראַלן. ס'איז געווען א שטימונג פון אימה.

ווען איך בין שפּעטער אַרויס פון דעם לאַבירינט פון שטיין און קאָנ־קריט און בין צוגעקומען צום איסט־ריווער, איז דאָס געווען אַקוראַט ווי כ'וואָלט אַרויס פון א הייל אין אַן אָפענעם פּלאַץ. ביז צו היינטיגן טאָג באַטראַכט איך די געגנט אַרום בראָד און וואָל סטריט ווי איינער פון די צויבערדיגסטע פּונקטן אין ניו יאָרק.

די שטרעקעס גופא זיינען געווען א קוואַל פון מיטריסנדיגער דער־פאַרונג. מ'האָט געקאָנט פאָרן צוויי שעה נאָכאַנאַנד אין איין ריכטונג איבער די שטאָטישע באַנען און נאָך אַלץ זיין אין ניו יאָרק. און וואו איר זאָלט ניט אַראָפּשטייגן, האָט איר געקאָנט געפינען מענטשן באַשעפטיגט מיט בויען, מיט שאַפן. דער באַוואוסטזיין פון ריזיגע שטרעקעס, פון ריזיגע צאָלן, פון קאָלאָסאַלער גאַנצקייט האָט צוגעגעבן דער שטאָט ניו יאָרק א באַזונדערן צויבער.

איך בין געבוירן געוואָרן אין דאָרף אין רוסלאַנד און בין דערצויגן געוואָרן אין א וואַלד. לויט מיין נייגונג בין איך געווען א מענטש פון פעלדער, וועלדער און טייכן. איך האָב ליב צו זיין נאָענט צו דער ערד. נאָר אַזוי ווי ס'איז אויסגעפאַלן אויף מיין גורל צו וואוינען אין א שטאָט, האָט מיך געפרייט, וואָס איך וואוין אין דער גרעסטער שטאָט אויף דער וועלט, אין ניו יאָרק.

אַן אַ זייט פונעם לעבן

צווישן די זאַכן, וואָס זיינען מיר באַזונדערס געפעלן אין די ערשטע חדשים, איז געווען די שנעלקייט און פּינקטלעכקייט אין געשעפטלעכע ענינים, די אָרנטלעכקייט אין טאָג־טעגלעכע פּאַסירונגען, דאָס קאָנען פאַרלאָזן זיך אויף א צוזאָג, די טיכטיגקייט, די „עפישענסי" פון וועלכער מ'האָט גאָרניט געמאַכט קיין ווען.

די טעלעפאָנען אין אַמעריקע האָבן ניט אויסגעזען אַזוי דעקאָראַטיוו ווי אין אייראָפּע, דאָ אָבער האָט מען געקאָנט רופן א נומער און קריגן אַן ענטפער אין דעם משך פון סעקונדן. אין אייראָפּע האָט עס געדויערט א סך לענגער. דאָ האָט איר געקאָנט איבערלאָזן א „מעסעדזש" פאַר טעלעפאָן און זיין גאַנץ זיכער, אַז יענער וועט עס קריגן. אין אייראָפּע איז ניט געווען אַזאַ זיכערקייט אין פאַרהעלטענישן צווישן מענטשן — אפילו ניט אין

דייטשלאַנד, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר פּינקטלעכקייט. דאָ האָט איר געקענט באַשטעלן אַלצדינג דורך טעלעפאָן און די באַשטעלטע סחורה איז צוגעשטעלט געוואָרן גאָר שנעל. איר האָט געקאָנט טעלעפאָנירן אין טעאַטער, באַשטעלן בילעטן און ווירקלעך געפינען די בילעטן אָוועקגעלייגט אויף אייער נאָמען, ווען איר זייט אין אָוונט געקומען צו דער פאָרשטעלונג. איירָאָפּע האָט ניט געוואוסט פון אַזעלכע פּירונגען. די שטוינענדיגסטע זאַך פאַר מיר איז געווען דאָס, וואָס מ׳האָט דאָ געקאָנט באַשטעלן אַן אייזנבאַן־בילעט דורכן טעלעפאָן. אין איירָאָפּע וואָלט גאָר קיינעם ניט איינגעפאַלן צו רעזערווירן אַ פּלאַץ, סיידן דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך די רייכע האָטעלן. און אפילו דעמאָלט וואָלט דער האָטעל נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם רעזערווירטן בילעט. דאָ אין אַמעריקע האָט יעדער פּריוואַטער בירגער זיך געקענט באַנוצן מיט אַזאַ העפלעכקייט מצד דער אייזנבאַן־קאָמפּאַני.

היינט אינפאָרמאַציע. דאָ האָט איר געקאָנט טעלעפאָנירן און קריגן יעדן סאָרט אינפאָרמאַציע — ווי שפּעט עס איז, צי ווען עס גייט אָפּ אַ באַן צו וועלכן ס׳איז טייל פון לאַנד. איר האָט געקאָנט אָוועקנעמען וויפיל צייט איר האָט געוואָלט ביי דעם מענטשן אויף יענער זייט טעלעפאָן־ליניע, און יענער איז נישט געוואָרן בייז אָדער צעטומלט. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ נייעס.

געוויס האָט דייטשלאַנד און פראַנקרייך, און באַזונדער די שווייץ, אויך געהאַט אינפאָרמאַציע־ביוראָס, רייזע־ביוראָס פאַר טוריסטן, א. אז. וו. אָבער דאָס זיינען געווען ספּעציעלע קאָנטאָרן פאַר רייכע קליענטן. דאָס רוב אויסלענדער. און אפילו דאָרט, בין איך ניט אַזוי זיכער, אַז איר האָט געקאָנט קריגן אַלץ דורכן טעלעפאָן.

איך האָב געלייענט וועגן אַמעריקאַנער „טראָסטס". אין די אויגן פון סאָציאַליסטן זיינען דאָס געווען מאָנסטערס, וואָס האָבן פאַרצערט מענטשלעבע לעבנס און זיינען אויסגעוואַקסן צו גיגאַנטישע פּראָפּאָרציעס אויפן חשבון פון דער מי און עלנד פון מיליאָנען. איך האָב געקאָנט אויסרעכענען די טונקעלע זייטן פון טראָסטיפיצירטן קאַפּיטאַל; איך האָב געהאַט שטודירט עקאָנאָמיק אין דעם משך פון יאָרן, איידער איך בין געקומען קיין אַמעריקע און איך האָב געוואוסט, סיי דורך מאַרקסיסטישער עקאָנאָמיק און סיי דורך אָרטאָדאָקסישע פּראָפעסאָרן, וואָס קאַרטעלס און טראָסטס זיינען. איין זאַך אָבער האָב איך ניט געפונען אין די ביכער, און גראָד דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק, נאָכדעם ווי כ׳בין אָפּגעווען עטלעכע חדשים אין אַמעריקע: מ׳האָט זיך געקענט פאַרלאָזן אויף אַ פּראָדוקט פון

א קאַרפּאָרעישאָן, מ'איז ניט באַשווינדלט געוואָרן אויף אַ קליינלעכן אופן. דאָס איז געווען ריכטיג ניט בלויז בנוגע גרויסע זאַכן, נאָר אויך בנוגע אַרטיקלען פון טאָג־טעגלעכן געברויך. אַ קאָלנער אָדער אַ העמד פון אַ סטאַנדאַרדיזירטער מאַרקע איז ניט אויסגעריבן געוואָרן אין אַ קורצער צייט, ווי דאָס האָט אָפט פּאַסירט אין די אייראָפּייאישע לענדער. אַ שטיקל מעבל פון אַן אָנערקענטער פירמע איז געווען געמאַכט לויט באַשטימטע ספּעציפי־קאַציעס און איז ניט צעפאָרן געוואָרן אין אַ קורצער צייט. ווען אַ דעפּאַרט־מענט סטאָר האָט אייך געזאָגט, אַז אַ געוויסער אַרטיקל איז איינגאַנצן אַ וואָלענער, איז דאָס געווען איינגאַנצן אַ וואָלענער, וואָס דאָס איז ניט שטענדיג געווען דער פאַל אַפילו אין די גוטע גרויסע קראָמען, שוין אָפּגערעדט פון די קלענערע געשעפטן, אין פראַנקרייך, אין עסטרייך צי אין דייטשלאַנד. דאָס זעלביגע איז געווען אמת בנוגע שפּייזן, ניט געקוקט אויף אַלץ, וואָס איך האָב געלייענט אין אָפּטאָן סינקלער'ס „דזשאָנגל".

גראָד אין די ביליגערע פּלעצער האָב איך אַנטדעקט די העכערע לעבנס־סטאַנדאַרדס פון אַמעריקע, אין פאַרגלייך מיט אייראָפּע. דעם אָרימאַנ'ס רעסטאָראַן אין אייראָפּע איז געווען שמוציג און האָט סערווירט די ביליגסטע שפּייזן. אַ „לאָנטש־רום" אין אַמעריקע, וואו עס האָבן געגעסן מענטשן מיט אַ נידעריגער איינקונפט, איז געוויינלעך געווען ריין און האָט געהאַט אָנשטענדיגע עסנס. סאַלפּעטקעס, אַפילו אויב נאָר פּאַפּירענע, האָט מען גע־קאָנט געפינען אומעטום. אַ שטיקל געבעקס איז געווען אַ שטיקל געבעקס, און איר האָט נישט געדאַרפט מורא האָבן, אַז אינעווייניג וועט איר געפינען טויטע פליגן אָדער שטיינדלעך.

די שנעלקייט, מיט וועלכער אַמעריקאַנער האָבן אָנגענומען און אויס־געפירט באַשטעלונגען, די פלינקייט און וואַכזאַמקייט פון געשעפטסלייט און אָנגעשטעלטע, די קורצע באַמערקונגען און ווייניג רייד ביים דורכפירן אַ געשעפטלעכן ענין — דאָס איז פאַר מיר געווען אַ קוואַל פון אַנטציקונג. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַמעריקאַנער פאַרשטייען זיך כמעט אויפן וואונק. ערשט שפּעטער האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָס האָט די סטאַנדאַרדיזאַציע פון לעבן מעגלעך געמאַכט אַזוינע בליץ־שנעלע געשעפטן. איר האָט ניט געדאַרפט דערקלערן דורך לאַנגע רעדעס וואָס אַזוינס איר ווילט. איר האָט אויך ניט געדאַרפט געבן קיין לאַנגע דערקלערונגען צום פאַרקויפער אין אַ דעפּאַרטמענט סטאָר, ווען איר האָט פאַרלאַנגט אַ סטאַנדאַרטנעם אַרטיקל.

מיט דער צייט בין איך געוואוינט געוואָרן צו די אַלע זאַכן און האָב זיי אָנגענומען ווי זעלבסטפאַרשטענדלעכע שטייגער־שטריכן. איך אַליין

האָב זיך אויסגעלערנט צו באַנוצן קורצע פּראַזן ביי אַזוינע געלעגנהייטן. נאָר צום אָנהויב האָט אַלצדינג אויסגעזען ניי, און די דעטאַלן האָבן זיך אַרויסגעזען ווי כאַראַקטער־שטריכן פון דעם לאַנד.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם קאָנדוקטאָר פון אַ טראַמוואַי, מיט וועלכן איך בין געפאָרן פון ניו יאָרק ווייט אין וועסטשעסטער קאָונטי אַריין. ער האָט אויסגעזען ווי וועלכער ס'איז פון מיינע קאָלעגן סטודענטן אין דעם היידעלבערגער אוניווערזיטעט. ער האָט געהאַט אַ פיין־געשליפענעם פּנים, שיינע בלויע אויגן און אַן אויסדרוק, וואָס וועגן אים האָב איך ניט געקאָנט געפינען קיין אַנדער וואָרט ווי „נאָבל". טוט אָן אַזאַ מענטשן אין בעסערע קליידער, און ער וועט זיך פולשטענדיג אַריינפּאַסן אין אַן אוניווערזיטעט, אַ ביבליאָטעק אָדער אַ לאָיער'ס אָפיס. טרעפט אים אין אַ רייכן האָטעל אָדער קלוב, און איר וועט אים מעגן אָננעמען פאַר אַן אויסלענדישן דיפּלאָמאַט. דאָ אָבער איז ער געווען אַ קאָנדוקטאָר פון אַ טראַמוואַי, וואָס איז געפאָרן דורך אַ געגנט פון פעלדער און גערטנער, און איר האָט אים פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט אַריינפּאַסן אין דער קאַטעגאָריע פון די „נידעריגע קלאַסן". אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך און אין דער שווייץ, שוין אָפּגערעדט פון צאַרישן רוסלאַנד, האָט איר געקאָנט דערקענען אַן אַרבעטער ניט בלויז לויט זיינע קליידער, נאָר אויך לויט עפּעס אַ באַזונדערן אויסדרוק אויף זיין פּנים. אין אַמעריקע, האָב איך געטראַכט, איז דאָס ניט אַזוי.

איך גיב אָן די אַלע קליינינגקייטן בלויז אויף צו באַווייזן, וואָס פאַר אַ קאָמפּליצירטע דערפאַרונג אַ מענטש מאַכט דורך ביים צופּאַסן זיך צו אַ ניי לאַנד. טויזנט און איין קליינינגקייטן — פון דעם כאַראַקטער פון דער פּרעסע ביז דעם אויסזען פון שיך־בענדלעך, פון פּאָליטישע אינסטיטוציעס ביז דעם אויסדרוק פון איינצלנע פּנים'ער אויפן גאַס, פון דער אַרכיטעקטור פון לאַנד ביז צום פּאַקט, אַז אַ פענצטער ווערט אַרויפגערוקט און ניט צעעפנט — דאָס אַלץ האָט געשאַפן איין שטראָם איינדרוקן נאָכן צווייטן אויף דעם באַוואוסטזיין פון דעם אויסלענדער. דאָס אַלץ האָט געמאַכט זיין לעבן דאָ אין לאַנד סיי שווער און סיי מיטרייסנדיג.

מיט דער צייט האָב איך זיך צוגעוואוינט צו די קליינינקייטן, אָבער אַלץ גרעסערע און גרעסערע אייגנאַרטיגקייטן פון לאַנד האָבן זיך פאַר מיר פאַנאַנדערגעוויקלט און געפאָדערט, אַז איך זאָל זיי אַלע אַריינפּאַסן אין אַ סיסטעם. מען קאָן ניט זאָגן, אַז די גרעסערע זאַכן האָבן זיך שווערער געלאָזט באַנעמען, ווי די דעטאַלן פון טאָג־טעגלעכן לעבן.

דער רעזולטאַט פון די אַלע איינדרוקן אין די ערשטע עטלעכע חדשים

איז געווען, אַז איך האָב זיך געפילט איינזאַם. נישט וואָס איך האָב געבענקט נאָך עפּעס אָדער אימיצן; נישט וואָס מיין לעבן איז געווען ליידיג. פאַר־קערט, ס׳איז געווען אָנגעפּאַקט מיט דערגרייכונגען. איך האָב זיך אָבער געפילט אין דרויסן פון אַלצדינג. איך בין געווען אַ פרעמדער, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין פרעמדע פענצטער. איך האָב געפילט און פאַרשטאַנען, אַז איך בין ניט קיין טייל פון דעם לעבן, וואָס איך האָב שטודירט. איך בין געווען נייגעריג. צומאָל בין איך געווען באַצויבערט, מיטגעריסן. איך בין אָבער ניט געווען אינעווייניג. די זאַכן צו וועלכע איך האָב זיך גע־פּרואווט צופּאַסן — די דערשיינונגען, וואָס איך האָב געפּרואווט פאַרבינדן אין אַ לאָגישער סיסטעם, דאָס לאַנד מיט אַלץ וואָס האָט פּאַסירט אין דעם, איז געווען אָפּגעזונדערט פון מיר. אָט בין איך, און אָט איז דאָס ארומיגע לעבן. אָט איז דער צוזעער און אָט איז דער צוגעזעענער. דער צוזעער קאָן אויפגערודערט ווערן פון די ארומיגע זאַכן, אָבער עס איז דאָס זעלביגע ווי ווערן אויפגערודערט פון אַ שפּאַנענדיגן בוך. צוזאַמען מיט דער אויפ־רודערונג ווירקט דער באַוואוסטזיין, אַז דאָס באַשריבענע לעבן איז ניט קיין לעבן.

מיר איז שווער צו דערקלערן די „דרויסנדיגקייט", וואָס איך האָב געפילט אין די ערשטע פּאָר יאָר. איך בין בשום אופן ניט געווען גלייכגילטיג. איך האָב זיך געפרייט און געצאָרנט, איינגעשטימט און ניט איינגעשטימט, פאַרדאַמט און געליובט פאַרשיידענע דערשיינונגען אויף דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן געביט, אָבער אין אַ פּערזענלעכן אינטימען זין איז דאָס נישט געווען מיינס. ס׳האָט עקזיסטירט אַ מאָדנער חלל צווישן מיר און דעם לאַנד, און דער חלל איז געווען אָנגעפילט מיט קאַלטקייט. איך בין געווען ארומ־געריגגלט פון אַ נייעם לעבן, אָבער קיין טייל דערפון בין איך ניט געווען. און ס׳איז אַ גרונט־שטריך פון מיין כאַראַקטער, אַז ווען איך בין ניט קיין טייל פון דעם לעבן, אין וועלכן איך לעב, קאָן איך קיין רו ניט האָבן.

ערגעץ טיף אין מיר האָט מיך געגאָגט אַ געפיל, אַז אין דער אמת׳ן לעב איך ניט, נאָר איך מאַך זיך בלויז אַז איך לעב.

מיט דער צייט איז דאָס געפיל געוואָרן אַלץ שטאַרקער.

די ערשטע איינדרוקן פון היגן אידישן לעבן

ס׳איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין מיינע ערשטע חדשים אין אַמע־ריקע זאָל איך שענקען באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דעם אידישן לעבן

אין אַמעריקע. איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אַ אידישער פאַמיליע אין די וועלדער פון אוקראַינע. אין קאָנטראַסט מיט דער מערהייט אידן, וואָס האָבן געוואוינט אין שטעט און שטעטלעך, בין איך אויסגעוואַקסן אין אַ פאַמיליע, וואָס איז געווען נאָנט צו דער ערד. מיין פאָטער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין וואַלד, האַלב־וועכטער, האַלב־„שרייבער". אונזער לעבן איז געווען ענלעך צום לעבן פון די אַרומיגע פויערים. דאָך איז מיין פאָטער געווען אַ למדן, באַהאַוונט אין תנ"ך און תלמוד'ישער ליטעראַטור און אויך מער־ווייניגער באַקאַנט מיט דער מאָדערנער העברייאישער קולטור. ער האָט אויסגעשריבן אַ העברייאישע צייטונג און געלייענט אַ סך פון די וועלט־לעכע העברייאישע שרייבער פון זיין צייט. אַ געוויסע צייט האָט ער זיך אַפילו געלאָזט באַווירקן פון דער השכלה — אַ באַוועגונג, וואָס האָט געזוכט צו אייראָפּייאיזירן דעם לעבנס־שטייגער פון די אידן. ער האָט געלייענט די ראַדיקאַלסטע השכלה־ביכער, וואָס האָבן אויסגעלאַכט די אַלטע פירונגען אין אידישן לעבן און געמאַכט צו קליין־געלט די רעליגיעזע צערעמאָניעס און איינרעדענישן, מיט וועלכע דאָס טאָג־טעגלעכע אידישע לעבן איז געווען אַרומגעצאַמט ווי מיט אַ שטאַכעטן־וואַנט. זיין בונטאַרישקייט איז צומאָל דערגאַנגען ביז צו מילדער גאָט־לעסטערונג, און דאָס האָט מיין מאַמען פאַר־שאַפט אַ סך טיפן צער, ווייל זי איז בטבע געווען זייער אַ פרומע און האָט מורא געהאַט פאַרן סאַמע געדאַנק פון צווייפלען אין די יסודות פון אידישער רעליגיע און טראַדיציע. אפשר האָט טאַקע איר איינפלוס געווירקט אויף מיין פאָטער אין זיינע עלטערע יאָרן, אַז ער זאָל אָפּגעקילט ווערן בנוגע די מאָדערניסטישע השכלה־אידייען. אָבער אַ בונטאַר און ווידערשפּעניגער איז ער שטענדיג געבליבן. זיין בונטאַרישקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין צאָרן געגן די באַלעבאַטים, די וואַלד־אייגנטימער, ביי וועמען ער האָט געאַרבעט.

אַזוי אַרום איז אונזער פאַמיליע געווען אַ געמיש פון אָרטאָדאָקסישער און מאָדערנער אידישקייט און פון נאָענטער באַרירונג מיטן פויערשן לעבן. אונזערע שכנים זיינען אַלע געווען פויערים. אידן האָב געוואוינט אין שטעטל, אַ צענדליג וויאָרסט פון וואַלד, בעת די פויערים זיינען געווען נאָנטע שכנים. זיי פלעגן צו אונז אָפט קומען און מיר צו זיי. זיי זיינען געווען באַקאַנט מיט אונזערע פירונגען און מיר — מיט זייערע. אונזער שפּראַך איז געווען אידיש און אוקראַיניש, און ס'איז שווער צו באַשטימען, וועלכע פון די צוויי איז געווען ביי אונז די הויפּט־שפּראַך. צו אַכט יאָר האָב איך זיך אַליין אָנגעהויבן לערנען רוסיש, אָבער צו פינף יאָר האָט שוין דער

טאַטע מיט מיר געלערנט חומש. ער האָט ניט געקאָנט באַווייזן מיך צו שיקן אין חדר אַריין אָדער אָנצושטעלן אַ מלמד, ווי דאָס האָבן געטאָן די פאַרמעגלעכע אידישע דאָרפס-מענטשן. האָט ער דעריבער גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו לערנען מיט מיר אין זיין פרייער צייט. ווען איך בין אַלט געווען ניין יאָר האָב איך שוין געלייענט פריי העברייאיש. צו צען יאָר האָב איך שוין געקאָנט לייענען רוסישע ביכער. ניט ווייסנדיג, אַז דאָס איז עפּעס אויסערגעוויינטלעכס, האָב איך שוין אין מיינע אינגלשע יאָרן געקענט פיר שפּראַכן און געלייענט ביכער אויף דריי שפּראַכן. אוקראַאינישע ביכער זיינען מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט אַ סך שפּעטער.

איך בין געווען אַ איד, און ס'איז פאַר מיר געווען פּונקט אַזוי נאַטירלעך צו זיין אַ איד, ווי ס'איז געווען נאַטירלעך פאַר אַן אוקראַאינער צו זיין אַן אוקראַאינער אָדער פאַר אַ רוס צו זיין אַ רוס. ווען כ'האָב זיך שפּעטער געגרייט אַריינצוטרעטן אין אוניווערזיטעט און בין ענדלעך אַריבערגעשפּרונגען דעם הויכן באַריער, וואָס האָט פאַרצאַמט פאַר אַ זון פון אָרעמע אידישע עלטערן דעם וועג צו די הויכע לערן־אַנשטאַלטן, איז מיין אידישקייט מיר נאָך אַלץ פאָרגעקומען נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך. איך האָב געפּרואווט אין זיך איינזאַפּן די רוסישע קולטור, כ'האָב זיך געקאָנט פאַרגלייכן אין מיין באַקאַנטשאַפט מיט דער רוסישער געשיכטע, ליטעראַטור, פּאָעזיע, דראַמע, קונסט, פּאָליטיק און סאָציאַלע באַוועגונגען מיט וועלכן עס איז ניט־אידישן סטודענט, וואָס זיין מוטער־שפּראַך איז געווען רוסיש. צו דער זעלביגער צייט האָב איך אָבער אַ סך געלייענט אויף העברייאיש און אידיש, און האָב זיך נאַטירלעכערווייז אינטערעסירט מיט דעם לעבן און די קאַמפן פון די אידן. ווען כ'האָב אָנגעהויבן שרייבן — אין פאַרבינדונג מיט דער סטודענטן־באַוועגונג, אין וועלכער איך בין געווען טיף אַריינגעצויגן אין דעם קיעווער אוניווערזיטעט — אַזוי טיף, אַז די באַאַמטע פון אוניווערזיטעט האָבן מיך, צוזאַמען מיט נאָך צוויי הונדערט און זיבעצן סטודענטן, אַוועקגעשיקט אויף אַ יאָר אין דער צאַרישער אַרמיי, כדי מיר זאָלן דאָרט קריגן דרך־ארץ פאַר נאַטשאַלסטווע און זאָלן אונטער דער ווירקונג פון מיליטערישער דיסציפּלין זיך באַפרייען פון אונזערע רעוואָלוציאָנערע שטימונגען — ווען כ'האָב אין יענער צייט אָנגעהויבן שרייבן, האָב איך געשריבן רוסיש. איך קאָן זאָגן מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט, אַז מיין רוסיש איז פאַר קיין פאַל ניט געווען ערגער פון מיין אידיש. אפשר איז דאָס גאָר געווען פאַרקערט, ווייל רוסיש איז געווען אַ מער קולטורעלע שפּראַך ווי אידיש, ווען כ'האָב זיך אָנגעהויבן צו באַנוצן מיט אידיש.

ווען איך האָב זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע איז געווען אין דער אונטערערד, ווייל די צאַרישע רעגירונג האָט באַטראַכט דעם מינדעסטן פּאַרזוך צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער ווי אַ פאַר־ברעכן, וואָס איז באַשטראָפט געוואָרן מיט טורמע און פאַרשיקונג, האָב איך זיך נאַטירלעכערווייז געפונען צווישן אידישע אַרבעטער. אין דער אונטער־ערדישער אַרבעטער־פּרעסע האָב איך מיטגעאַרבעט סיי אויף רוסיש און סיי אויף אידיש. ווען ס'איז מעגלעך געוואָרן, אין דעם משך פון דער רעוואָ־לוציע פון 1905-1906, אַרויסצוגעבן אַן אָפענע אַרבעטער־צייטונג אויף אידיש, די „פאָלקס־צייטונג", בין איך געוואָרן איינער פון אירע רעדאַק־טאָרן. ווען איך בין שפּעטער געווען געצוואונגען צו עמיגרירן קיין דייטש־לאַנד און האָב — בכדי ניט צו „פאַרלירן קיין צייט" — פאָרטגעזעצט מיינע שטודיען אין די אוניווערזיטעטן פון פרייבורג, היידעלבערג, מינכען און ווין, האָב איך אָנגעהאַלטן מיין מיטאַרבעטערשאַפט אין דער אַרבעטער־פּרעסע אויף רוסיש און אידיש.

אין אַמעריקע בין איך געווען באַקאַנט צווישן אידן סיי דורך מיין שרייבן אויף רוסיש און סיי דורך מיינע קאָרעספּאָנדענצן און אַרטיקלען אין „פאָרווערטס".

איז עס געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז איך זאָל זיך אינטערעסירן מיט דעם לעבן פון די אידן אין אַמעריקע. אַזוי ווי כ'האָב מיטגעאַרבעט אין אַן איינ־פלוסרייכער צייטונג, זיינען פאַר מיר אַלע טירן געווען אָפן. אַ סך אָרגאַני־זאַציעס האָבן מיך גערן איינגעלאַדן צו האַלטן לעקציעס, און כ'האָב געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען פון דער נאָענט מיט די וויכטיגסטע געביטן פון אידישן לעבן. אָבער דער חלל, וואָס האָט מיך אָפּגעטיילט פון דעם אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד, האָט אויך עקזיסטירט בנוגע די אידן.

מיך האָט באַזונדער דערשטוינט די אָפּגעזונדערטקייט פון דעם אידישן לעבן, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ זעלבסטשטענדיגע אָפּגעשלאָסענע אָזערע און ניט קיין טייל פון דעם אַמעריקאַנער לעבן בכלל.

כ'האָב זיך באַקענט מיט די אידישע שרייבער. זיי זיינען געווען גרופּירט אין צוויי הויפּט־לאַגערן — דער אַלטער דור און די „יונגע". אין ביידע לאַגערן זיינען געווען שרייבער פון גרעסערן און קלענערן קאַליבער, און אַלע צוזאַמען האָבן זיי געשאַפן אַ ליטעראַטור, וואָס איז געווען אין פילע הינזיכטן אַנדערש ווי די אידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד און פּוילן. עס איז געווען אַ ליטעראַטור מיט אַן אַמעריקאַנער שטעמפּל. דער אַלטער דור איז דאָס רוב געווען סאָציאַל אין זיינע אָנשויאונגען, האָט סימפּאַטיזירט מיט דער

ארבעטער־באוועגונג און איז אפט געווען סאציאליסטיש געשטימט. די „יונגע" האבן אפגעווארפן יעדן מין „איזם". זיי זיינען געווען מער באַשעפטיגט מיט די דערפארונגען פון דעם יחיד, און א צאל שרייבער פון יענעם לאגער האבן ארויסגעוויזן נאציאנאליסטישע טענדענצן. אין די דערציילונגען און די לידער פון דער ערשטער גרופע האט מען געפונען דעם סוועט־שאפ, דאס טענעמענט־הויז, די ענגע גאסן פון דער איסט־סאיד, דאס לעבן פון דער אידישער געטא מיט אירע טראגעדיעס און קאמעדיעס און די ערשטע ארבעטער־קאמפן געגן די אומדערטרעגלעכע לעבנס־באדינגונגען. אין די ווערק פון דער צווייטער גרופע האט מען געפונען אידישע אינטעליגענטן, וואס האבן זיך געגריבלט אין פסיכאלאגישע איבערלעבונגען, זיך אינטערעסירט מיט קולטור־פראבלעמען און צומאל געטראכט וועגן אמעריקע אין פארבינדונג מיט די אימיגראנטן פון די שפעטערדיגע יארן. א באקאנטשאפט מיט זייערע שריפטן האט אבער באוויזן, אז די שרייבער, זייער ליטעראטור און זייערע לייענער זיינען געווען אויסער דעם שטראם פון אמעריקאנער לעבן. אזוי, צום ווינציגסטן, האט זיך מיר געדאכט. זיי האבן געלעבט אין אמעריקע. א סך פון זיי האבן באהערשט די ענגלישע שפראך. א סך פון זיי זיינען געווען באקאנט מיט דער אמעריקאנער ווירקלעכקייט, און דאך זיינען זיי אין עצם פארבליבן ווי אן אפגעזונדערטע גרופע. געוויס זיינען די טענעמענטס, וואס לעאן קאברין האט אזוי טרעפלעך געשילדערט, די סוועט־שעפער, וואס ז. ליבין האט אויפגעדעקט מיט זיין ווייטאגדיגער סאטירע, די פארמער, וואס מ'האט געפונען אין א. ראבאי'ס שריפטן, געווען אמעריקאנער דערשיינונגען. זיי זיינען פיזיש געווען א טייל פון אמעריקע. זיי זיינען דאס אבער ניט געווען אין דעם גייסטיגן זין.

ווי אזוי אידן האבן געקוקט אויף אמעריקע

פונקט ווי די אידישע ליטעראטור פון יענער צייט, אזוי איז דער אידישער טעאטער ניט געווען קיין טייל פון אמעריקאנער לעבן.

דער וויכטיגסטער אידישער דראמאטורג פון יענער עפאכע, יעקב גארדין, איז שוין געווען טויט. אבער דוד פינסקי האט פארנומען דעם אנגעזעענסטן פלאץ צווישן אידישע דראמאטורגן. פרץ הירשביין איז נאר וואס געקומען פון אייראפע. און עס זיינען געווען עטלעכע וויניגער אנגעזעענע שרייבער פאר דער בינע. זיכער איז געווען א גרויסע גרופע באקאנטע שוישפילער און טעאטער־אונטערנעמער, וואס צוזאמען האבן זיי געשאפן די

זייער פאַרביגע אידישע בינע. אָבער בעת די מער פּאָפּולערע פּיעסן האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער שווערער לאַגע פון דעם אימיגראַנט, מיט די טראַגישע און קאָמישע אינצידענטן אין דעם לעבן פון דעם אָפּגעשטאַנענעם קליין־שטעטלדיגן אידן, וואָס איז פּלוצים אַריבערגעפּלאַנצט געוואָרן אויף די גאַסן פון איינער פון די גרעסטע שטעט אין אַ פרעמדן לאַנד; בעת דאָ און דאָרט האָט מען אויף דער בינע געקאָנט זען אַן אָפּגלאַנץ פון דעם היגן אידישן לעבן, האָט זיך מיר דאָך געדאַכט, אַז דער אידישער טעאַטער באַטייליגט זיך ניט אין אַמעריקאַנער לעבן. איך האָב ניט געזען ווי אַזוי יענע אידישע פּיעסן האָבן זיך אַריינגעפּאַסט ווי אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם לעבן אין אַמעריקע — פון דעם ברייטן שטראָם פון אַמעריקאַנער לעבן.

אפשר וואָלט איך באַדאַרפט דערקלערן, וואָס איך מיין מיט דעם אויסדרוק, „דער ברייטער שטראָם פון אַמעריקאַנער לעבן". וואָס מער כ'האָב געלעבט אין אַמעריקע, אַלץ מער האָב איך געפילט, אַז עס ווירקן דאָ אַלערליי כחות, וואָס פורעמען דעם גורל און די צוקונפט פון דעם גרויסן לאַנד. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאָס זיינען כחות, וואָס שליידערן אָפּ דאָס אַלטע און שאַפן דאָס נייע; כחות, וואָס באַקעמפן רעאַקציאָנערע טענדענצן און פאַרטיידיגן פאָרטשריט; כחות, וואָס באַקעמפן פאַנאַטיזם און אומטאָלעראַנץ און עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג — און ברעכן דורך אַ וועג אין דער ריכטונג פון אַ העלער, מענטשלעכער און קולטורעלער צוקונפט אויף אַ הויכער גייסטיגער מדרגה. ס'איז שווער פאַר מיר דאָס צו פאָרמולירן גענוי. איך וועל אָבער זאָגן, אַז אין מיינע טעטיגקייטן אין רוסלאַנד, אין מיינע טעטיגקייטן צווישן די אידישע מאַסן אין רוסלאַנד, האָב איך קיינמאָל ניט געפילט, אַז ווער ס'ניט איז פון די אַרומיגע מענטשן איז געווען אויסערן ברייטן שטראָם. אַלע געזונטע כחות האָבן זיך געצויגן אין איין ריכטונג — אָראָפּצוואַרפן דעם צאַריזם. די כחות, וואָס זיינען געווען פאַרטאָן אין דעם קאַמף קעגן צאַריזם, האָבן נישט געשטימט צווישן זיך בנוגע דער צוקונפט. סאָציאַליסטן האָבן געהאַלטן, אַז נאָך דעם פאַלן פון דעם צאַריזם דאַרף איינגעפירט ווערן אַ דעמאָקראַטישע סיסטעם ווי אַ שריט אין דער ריכטונג פון דער נייער שטופע אין דעם סאָציאַלן קאַמף, סאָציאַליזם. די ליבעראַלן זיינען ניט געגאַנגען אַזוי ווייט. אָבער וואו און ווי אַזוי די פּראָגרעסיווע טעטיגקייטן האָבן זיך ניט אויסגעדריקט, האָבן זיי געהאַט די טענדענץ צו גיין אין איין ריכטונג און האָבן געשאַפן איין גרויסע סיסטעם — די באַפרייאונגס־באַוועגונג. צי אַ פּראָגרעסיווער בוך איז געווען געשריבן אויף רוסיש אָדער אוקראַיניש, אָדער גרוזיניש, אָדער אידיש; צי אַ

לעקציע איז געהאַלטן געוואָרן אין אַ גרויסער שטאָט, אין אַ פאַבריק, אין אַ שטעטל אָדער אַ דערפל; צי פּראָגרעסיווע פּעדאַגאָגן האָבן געגעבן קורסן אין אַן אוניווערזיטעט אָדער שלעכט־באַצאָלטע, אונטערדריקטע און טראַ־ריזירטע דאָרפס־לערער אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען האָבן געפּרואווט אויף אַן ארומיקן אופן מיטצוטיילן זייערע שילער אַ באַגער נאָך אַ בעסער לעבן און אַ שטרעבונג צו פרייהייט — האָט אַלץ געהאַט אַ באַשטימטן זין, אַ באַשטימטן פּלאַץ אין דער אַלגעמיינער לאַגע און איז געווען אַ טייל פון איין גרויסער גאַנצקייט.

איך האָב געזוכט אַזאַ גרויסע גאַנצקייט אין אַמעריקע. איך האָב דאָס אָנגענומען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז די סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג דאָ איז אַ טייל פון דער גרויסער גאַנצקייט, נאָר כ'האָב שנעל אויס־געפונען, אַז זי איז דאָס ניט. איך האָב שטודירט דאָס לעבן און די קולטור פון די אידן אין אַמעריקע און איך האָב אויסגעפונען, אַז אויך דאָס איז ניט קיין טייל פון דער גרויסער גאַנצקייט. אפשר איז דאָס געווען אַ טייל פון אַמעריקאַנער סביבה, אַ טייל פון אַ געוויסער לאַנדשאַפט, אַזוי צו זאָגן, אָבער ניט קיין טייל פון דעם גרויסן שטראָם. איך מוז צוגעבן, אַז כ'האָב אפילו געצווייפלט, אויב ס'איז בכלל פאַראַן אַזאַ גרויסער שטראָם. איך בין אָבער געווען געגנוג סאָציאָלאָג, געגנוג מאַרקסיסט אויף צו וויסן, אַז עס מוז זיין אַזאַ גרויסער שטראָם אין דעם לעבן פון אַ לאַנד. ס'איז בלויז געווען אַ פראַגע ווי אַזוי זיך צו דערשלאָגן אַ וועג צו אָט־דעם שטראָם. איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל ניט קאָנען רוען, ביז איך וועל ניט פילן, אַז איך געפין זיך אין מיטן פון דעם שטראָם און באַוועג זיך מיט אים צוזאַמען.

אַנדערע זייטן פון אידישן לעבן האָבן אַרויסגעוויזן די זעלביקע שטריכן. זיי זיינען געווען עטוואָס אַמעריקאַניש, אָבער ניט קיין טייל פון אַמעריקע, ווי אַ גרויסע פּראָגרעסיווע באַוועגונג פון דעם גאַנצן לאַנד.

וואָס מער כ'האָב נאָכגעפאָלגט דאָס אידישע לעבן, אַלץ מער האָב איך געזען דעם אָפּגעזונדערטן ווינקלדיקן כאַראַקטער דערפון. די אידישע צייטונגען האָבן זיך געזאָלט באַשעפטיקן מיטן אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכן לעבן. צומאָל האָבן זיי דאָס געטאָן. זיי האָבן דאָס אָבער באַהאַנדלט ווי עפּעס אַזוינס, וואָס זייערע לייענער דאַרפן דאָס וויסן אויס נייגיריקייט, און ניט ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַר זיי לעבנס־וויכטיג. אַמעריקאַנער פּאָליטיק האָט געפונען אַן אָרט אין דער אידישער פּרעסע, אָבער מער פּלאַץ און אויפמערקזאַמקייט איז געשענקט געוואָרן צו די נייעס פון די היים־לענדער, פון וואַנען די אידן זיינען געקומען. פּראָבלעמען, וואָס האָבן אָנ־

גערירט יענע לענדער, זיינען באהאנדלט געוואָרן מיט אַ סך מער אינטערעס און היציגקייט, ווי די פּראָבלעמען פון אַמעריקאַנער לעבן. די מענטשן, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט צו העלפן זייערע שטעטלעך אין רוסלאַנד, אָדער פּוילן, אָדער גאַליציע, צי די, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט צו שטיצן פינאַנציעל די אַרבעטער־באַוועגונג אין זייערע היים־לענדער, האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך מער איניציאַטיווע, זיינען געווען מער פּאַרטאָן אין זייער אַרבעט און האָבן אויך געקראָגן מער רעספּעקט, איידער די ריין־אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס. די לעצטע זיינען געווען דאָס רוב פון אַ פּראַטערנאַלן און קולטורעלן כאַראַקטער און זיינען געבליבן אַ פּראָדוקט פון דער געטאָ.

מ'האָט געקאָנט זאָגן מיט פולער זיכערקייט, אַז אַמעריקע ווי אַ פּראָבלעם, אַמעריקע ווי עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף איבערגעאַנדערשט ווערן, כדי צו ווערן מער פולקאָם — אַמעריקע ווי אַן אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר יעדן בירגער, האָט ניט עקזיסטירט פאַר דער גרויסער מערהייט אידן און זייערע אָרגאַניזאַציעס, ווי איך האָב זיי געטראָפן אין 1914-1915. עס איז אמת, אַז געוויסע אידישע פירער האָבן געפּריידיגט „אַמעריקאַניזאַציע". אָבער אָט־די אַמעריקאַניזאַציע איז ניט געגאַנגען ווייטער ווי זיך לערנען ענגליש, זיך קליידן און אויסזען ווי אַן אַמעריקאַנער און שטימען אין די וואַלן. ס'האָב עקזיסטירט געזעלשאַפטן צו העלפן אימיגראַנטן און נאַטוראַליזאַציע־ביוראָס, וואָס האָבן געזוכט צו באַאיינפלוסן אידן צו ווערן בירגער. דער הויפּט־ציל פון אָט־די אַלע פּריידיגער פון אַמעריקאַניזאַציע איז געווען צו שאַפן וואָס אַ גרעסערן „אידישן וואוט". אָבער דאָס רעכט צו שטימען איז ניט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מיטל צו באַאיינפלוסן דאָס אַמעריקאַנער פּאָליטישע און סאָציאַלע לעבן. דאָס איז ניט געווען קיין געזעלשאַפטלעכע פונקציע אין דעם הויפּט־שטראָם פון אַמעריקאַנער לעבן. אידישע שטימען זיינען באַטראַכט געוואָרן הויפּטזאַכלעך פון לאָקאַלן שטאַנדפּונקט. די סאָציאַליסטן האָבן, פאַרשטייט זיך, געוואָלט, אַז וואָס מער אידן זאָלן שטימען פאַר סאָציאַליזם. כ'האָב שוין אָבער אָנגעוויזן, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז ניט געווען אין דעם הויפּט־שטראָם פון אַמעריקאַנער לעבן. די אידן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט טאַמאַני־האַל אין ניו יאָרק, האָבן געזוכט צו קריגן וואָס מער אידישע שטימען פאַר די טאַמאַני־קאַנדידאַטן, כדי צו הויבן דעם פּרעסטיזש פון זייער אָרגאַניזאַציע. עס זיינען ניט געווען קיין סך רעפּובליקאַנער שטימען צווישן אידן, אָבער אויך יענע זיינען דורך די רעפּובליקאַנער פּאָליטישנס מאַניפּולירט געוואָרן הויפּטזאַכלעך פאַר לאָקאַלע צוועקן. די פירער האָבן ניט געגעבן צו פאַרשטיין די אידישע בירגער, אַז

זייערע שטימען האָבן עפּעס צו טאָן מיט דעם גורל פון דעם לאַנד בכלל. זיי האָבן ניט געמאַכט די אידישע בירגער באַוואוסטזיניג וועגן אַמעריקע.

דאָס הייסט ניט, אַז אידן האָבן ניט גערעדט און ניט געשריבן וועגן אַמעריקע בכלל. נאָר זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַמעריקע איז גוט פאַר אידן. ס'איז, הייסט עס, אַ לאַנד, וואו אידן קאָנען מאַכן אַ לעבן; אַ לאַנד, וואָס איז באַרימט מיט דער טאָלעראַנטער באַציאונג צו אימיגראַנטן; אַ לאַנד, וואָס ענדערט זיך ניט פּאָליטיש און סאָציאַל מיט די ענדערונגען פון דער אדמיניסטראַציע אין וואַשינגטאָן. די אידן האָבן דערוואַרט, אַז אַמעריקע וועט אַזוי בלייבן אין משך פון יאָרן און יאָרן. אָט־דאָס, האָט זיך מיר גע־דאַכט, איז דער עצם פון דעם באַוואוסטזיין פון די אידישע מאַסן אין אַמעריקע. אָט־דאָס איז ביי זיי דער עיקר. דאָס איבעריגע איז בלויז אַ קוריאָז, וואָס רירט ניט אָן זייער לעבן. די אידן האָבן ליב געהאַט אַמעריקע, זיי זיינען געווען שטאָלץ מיט אירע דערגרייכונגען. מיר, דעם „גרינעם", האָבן זיי דערציילט זייער אַ סך וועגן די וואונדער פון אַמעריקע. איך האָב געפילט, אַז אין אַ נויט וועלן זיי פאַרטיידיגן אַמעריקע, קעמפן פאַר איר און מקריב זיין זייער אַ סך פאַר זייער נייַ לאַנד. נאָר צו דער זעלביגער צייט, האָט זיך מיר געדאַכט, האַלטן זיי, אַז אַמעריקע קאָן אַליין באַשטיין איר שטעטל און אַז די אידן דאַרפן איר ניט אַרויסהעלפן. זיי זיינען געווען אין אַ מאָדנער לאַגע: אין אַמעריקע און דאָך אויסער אַמעריקע. זיי זיינען אַריינגעדרונגען אַלץ טיפער און טיפער אין אַמעריקע, ווייל זיי זיינען אַלץ מער און מער פאַרבונדן געוואָרן מיט דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן פון לאַנד און זייערע קינדער זיינען געבוירן געוואָרן אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן און דערצויגן געוואָרן אין אַמעריקאַנער סקולס. אָבער זייער באַוואוסט־זיין האָט ניט אַרומגעכאַפּט די ריזיגע פּראָבלעמען פון דער גרעסערער אַמעריקע, די פּראָבלעמען פון אַמעריקע'ס צוקונפט.

ס'האָט צווישן אידן געהערשט אַ זעלבסט־זיכערקייט בנוגע אַמעריקע, אַ נייגונג אָנצונעמען די לאַגע ווי זי איז און זי גוטהייסן. דאָ און דאָרט איז געמאַכט געוואָרן אַ פּאַרזוך צו ענדערן און אויסבעסערן לאָקאַלע באַ־דינגונגען, אָבער קיין ברענענדיגן אינטערעס צו באַאיינפלוסן און ענדערן דעם קורס פון דעם לאַנד בכלל האָב איך ניט באַמערקט.

לואיס מאַרשאַל, דזשעיקאָב שיף, נעיטן שטראַוס

וואָס מער איך האָב זיך צוגעקוקט צום פּאָליטישן לעבן פון אַמעריקע, אַלץ מער איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז די אָנפירער פון אַמעריקאַנער פּאָליטיק האָבן גאָרניט געוואָלט, אַז די אידן זאָלן אַריינגעצויגן ווערן אין דעם ברייטן פּאָליטישן שטראָם — אַניט וואָלטן זיי געוועזן געשענקט מער אויפמערקזאַמקייט צו די ספּעציעלע באַדערפעענישן, קולטורעלע און סאָציאַלע, פון די אידישע מאַסן.

כ׳האָב אַזאַ אויפמערקזאַמקייט מצד די גרויסע אַמעריקאַנער פּאָליטישנס ניט באַמערקט. די אידן האָבן געהאַט גלייכע רעכט, דאָס אַלץ. קיינער האָט ניט געטראַכט, אַז דאָס איז ניט גענוג. אַפילו די אידישע פירער האָבן געהאַלטן, אַז ס׳איז מער ווי גענוג פאַר דער אידישער באַפעלקערונג. אַזוי אַרום איז די פרייהייט, וואָס די אידן האָבן געהאַט אין אַמעריקע, געוועזן אַ ריין־נעגאַטיווע: עס זיינען, מיט קנאַפּע אויסנאַמען, ניט געוועזן קיין דיסקרימינאַציעס געגן אידן, קיין אַנטיסעמיטיזם אין דער פּרעסע און אין דעם עפנטלעכן לעבן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געוועזן גוט. דאָס האָט געגעבן די אידן אַ געפיל פון ליבע און דאַנקבאַרקייט צו אַמעריקע. דער פאַקט, וואָס עס זיינען ניט געווען קיין עפנטלעכע באַשרענקונגען, האָט מעגלעך געמאַכט פאַר די אידן צו באַנוצן זיך מיט זייער שפּראַך, מיט אידיש, ווען זיי האָבן נאָר געוואָלט. איך בין געוועזן איבערראַשט צו געפינען הונדערטער אידישע שילדן אין די אידישע געגנטן פון ניו יאָרק און אַנדערע שטעט. אידן אין אַמעריקע, האָב איך באַמערקט, זיינען געוועזן ווייניגער גענויגט צו פאַרלייקענען זייער אידישקייט אָדער צו ענדערן זייערע נעמען אויף אַמעריקאַנישע, ווי דאָס איז געוועזן דער פאַל אין די מערב־אייראָפּייאישע לענדער.

אידן האָבן דאָ אַרויסגעגעבן צייטונגען אויף אידיש און האָבן ליב געהאַט זייער קולטור און זייער שפּראַך, כאָטש זיי האָבן גלייכצייטיג זיך געלערנט ענגליש. אָבער גרויס־אַמעריקע האָט זיך ניט גערעכנט מיט אָט־די ספּעציפישע נאַציאָנאַלע שטריכן פון די אידן. פון אָפיציעלן שטאַנדפונקט האָט גאָר די אידישע שפּראַך ניט עקזיסטירט. די קולטורעלע אונטערשיידן צווישן די אידן און גרויס־אַמעריקע זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי אַ צייטווייליגע און פאַרבייגייענדיגע דערשיינונג. אַמעריקע, אין דער געשטאַלט פון

אירע פּאָליטישע פירער, האָט זיך ניט גערעכנט מיט די אידן ווי מיט א געמיינדע, א נאַציאָנאַלע גרופּע, וואָס קאָן עפּעס בייטראָגן צום אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד. פּאַרקערט, אַט־די פּאָליטישע פירער האָבן געקוקט קרום אויף די „אויסלענדישע" שטריכן אין דעם לעבן פון די אידן און אַנדערע אימי־גראַנטישע גרופּן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די אידן בכלל שטייען אויף א נידעריגער קולטורעלער שטופע. זיי זיינען דאָך ניט מער ווי „פּאָרעינערס", און וואָס נאָך קאָן מען פון זיי דערוואַרטן, חוץ שטימען פאַר די קאַנדידאַטן פון דער אָדער יענער פּאַרטיי?

איין עפּיזאָד איז מיר פאַרגעקומען באַזונדער כאַראַקטעריסטיש.

געוויס איז סעמיועל גאָמפּערס ניט געוועזן קיין פּאָליטישער פירער; ער איז אָבער זיכער געווען א טייל פון גרויס־אַמעריקע און האָט אָפּגעשפּיגלט די אַנשויאונגען פון די גרעסערע פירער. איינמאָל איז ער געקומען קיין ניו יאָרק וועגן עפּעס א טרעיד־יוניאָן ענין און איז איינגעלאַדן געוואָרן אויפ־צוטרעטן אויף א פאַרזאַמלונג אין „פאָרווערטס"־האַל. ער האָט שאַרף קריטיקירט די עקזיסטענץ פון די „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן". אַט־די פעדעראַציע פון א צאָל קלענערע יוניאָנס איז געשאַפן געוואָרן ניט בלויז פאַר דעם צוועק צו פאַרטיידיגן די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די שלעכט־באַצאָלטע אידישע אַרבעטער, נאָר אויך ווי א מיטל צו אָרגאַניזירן זייערע לעבנס אין דעם נייעם לאַנד ,צו זאָרגן וועגן זייערע קולטורעלע און אַנדערע באַדערפעניש ן. די מיטגלידערשאַפט איז געווען א אידישע. די שפּראַך — אידיש. די יוניאָן־באַאַמטע זיינען אַלע געווען אידן, און די אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו פאַרשיידענע דער־שיינונגען אין דעם לעבן פון א געוויסן טייל פון די אידישע מאַסן אין ניו יאָרק. זיי האָבן אויסגעקליבן דעם נאָמען „פאַראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטן", ווייל ס'האָט געקלונגען איינדרוקספול און אַנדערש. די אָרגאַני־זאַציע האָט ווייניג וואָס געהאַט צו טאָן מיט העברייאיש, אָבער דער נאָמען אויף ענגליש איז געווען „יונאַיטעד היבריו טרעידס", ווייל „היבריו" האָט געקלונגען מער „רעספּעקטאַבל".

גאָמפּערס האָט זיך אָפּגערופן אויף דעם נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע און אויף דעם עצם עקזיסטענץ פון אידיש־רעדנדיגע יוניאָנס. דער אַרבעטער־קלאַס, האָט ער געזאָגט, ווייסט ניט פון קיין אונטערשיידן פון ראַסן אָדער רעליגיע. אַלע מוזן זיין גלייך אין זייערע טרעיד־יוניאָן טעטיגקייטן. מען טאָר ניט דערלויבן, אַז עס זאָלן זיין אידישע יוניאָנס, קאַטוילישע יוניאָנס, פּראָטעסטאַנטישע אָדער בודיסטישע יוניאָנס.

גאָמפּערס האָט דערמיט בלויז באַוויזן, אַז ער האָט ניט פאַרשטאַנען די אייגנאַרטיגע פּראָבלעמען פון דער אידישער געמיינדע. מיך האָט באמת געוואונדערט ווי אַזוי אַ פירער קאָן זיין אַזוי אומוויסנדיג וועגן פּראָבלעמען וואָס ער דיסקוטירט אין דער עפנטלעכקייט.

מיר האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, אַז די מערסטע גדולים, וואָס האָבן געהאַט באַשטימטע מיינונגען וועגן די אידן אין אַמעריקע, האָבן ניט גערעדט צו דער זאַך. אַנדערע האָבן וועגן דעם גאָרניט געהאַט קיין מיינונגען. ס'האָט זיך, הייסט עס, ניט געלוינט צו „באַדערן" מיט יענע מענטשן אויף דער איסט־סאַיד אין ניו יאָרק און אין די סלאָם־געגנטן פון באָסטאָן און שיקאַגאָ.

האָבן די אידן אין אַמעריקע זיך דעמאָלט אינטערעסירט מיט פּאָליטיק? יאָ. זיי האָבן געדענקט טעאָדאָר רוזוועלט'ן. זיי האָבן געהאַט אַ גוטע מיינונג וועגן וואודראָו ווילסאָן. זיי האָבן מיר אַ סך דערציילט וועגן דער „בול־מוז" פּאַרטיי. אידן האָבן זיך אין דעם משך פון זייער גאַנצער געשיכטע שטענדיג אינטערעסירט מיט פּאָליטיק. אָבער בעת אין רוסלאַנד האָט עס די אידן שטאַרק געאַרט, וואָס אַזוינע מענטשן ווי פּלעווע אָדער וויטע אָדער סטאָליפּין זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פון דער רעגירונג, און זיי האָבן באמת זיך געפרייט אָדער געטרויערט מיט יעדער וועזנטלעכער ענדערונג אין דעם צאַר'ס מיניסטאָרן־קאַבינעט, האָב איך ניט באַמערקט ביי זיי קיין ענלעכע עמאָציעס בנוגע וואַשינגטאָן. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ סימן, אַז עפּעס איז דער מער, אַז עפּעס טויג דאָ ניט.

געווען אַן אַנדער גרופּע אידן, די אַזוי־גערופענע יאַהודים. זיי זיינען געווען אידן פון דייטשער אָפּשטאַמונג, וואָס זיינען אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע פריער פאַר די רוסישע, פּוילישע, גאַליציאַנער און רומענישע אידן און זיינען טיפער איינגעוואָרצלט געוואָרן אין אַמעריקאַנער לעבן. דער נאָמען „יאַהודים" איז אָנגעווענדט געוואָרן דאָס רוב אויף די פאַרמעגלעכע אידן פון דייטשער אָפּשטאַמונג. זיי זיינען געווען די באַנקירן, די גרויסע קרעמער, די פאַבריקאַנטן. די שיפס, שטראַוסעס, גוגענהיימס, וואַרבורגס, מאַרשאַלס זיינען געווען צווישן די אָנגעזעענסטע נעמען אין אָט־דעם טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג. זיי זיינען געווען אַזוי ווי דורך אַ וואַנט אָפּגעזונ־דערט פון די מזרח־אידן. זיי האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף יענע „ברידער" זייערע, ווענען זיי האָבן באַטראַכט ווי אידן פון אַ נידעריגער קאַטעגאָריע סיי אין דעם עקאָנאָמישן זין און סיי אין דעם זין פון אַמערי־קאַנער לעבנס־שטייגער. זיי אַליין זיינען געווען, ווי די אידן האָבן דאָס גערופן, „אַסימילירט". זייער שפּראַך איז געווען ענגליש, זייער שול איז גע־

ווען דער רעפארמירטער טעמפל, די „אידישע קירך", בעת די מערהייט מזרח־אידן איז געווען ארטאדאקסיש. זיי האבן אויפגעהאלטן אלערליי צדקה־אנשטאלטן פאר די ארעמע און אומגליקלעכע אידן, נאר זיי האבן זיך געפילט אן א מאס העכער פון יענעם טייל פון דער אידישער באפעלקערונג. זיי האבן געהאט פארבינדונגען מיט די עקאנאמישע, פאליטישע און קולטורעלע כחות פון לאנד, נאר זיי זיינען קוים געווען אן ארגאנישער טייל פון אידישן לעבן. אויך זיי האבן געקוקט אויף די אידישע מאסן ווי אויף א גרופע, וואס נויטיגט זיך אין טובות און קאן קארנישט ניט בייטראגן צו אמעריקע. זיי האבן געפירט א שארפע קאנקורענץ געגן די אידישע געשעפטסלייט פון דעם שפעטערדיגן אימיגראציע־שטראם; און יענע האבן — א דאנק דעם אויסדויער און איניציאטיוו, וואס זיי האבן דערוואָרבן אין די אנטי־סעמיטישע לענדער אין אייראפע — אפטמאל געוואונען אין די עקאנאמישע קאנפליקטן מיט די יאהודים. דאס האט די יאהודים געמאכט נאך מער קריגעריש בנוגע די מזרח־אידן, די „אסט־יודן".

פון דער אנדערער זייט האט זיך צווישן די אידיש־רעדנדיגע מאסן אנגעהויבן אנטוויקלען א געוויסע אפאזיציע צו דער פירערשאפט פון די יאהודים. און דאס האט יענע ווידער פארדראסן. זיי האבן געהאלטן, אז זיי זיינען די נאטירלעכע פארשטייער אוןווארט־פירער פון דעם אידישן פאלק. דאס האט געפירט צו א געוויסער ארגאנאנץ אין זייער באנעמונג. אויף א קאמיטע־זיצונג אין 1917, וואו עס זיינען געווען פארטרעטער סיי פון די אידיש־רעדנדיגע און סיי פון יאהודימשע ארגאניזאציעס, האב איך געהערט ווי לואיס מארשאל האט געמאכט א מאדנע דערקלערונג.

לואיס מארשאל איז געווען איינער פון די אנגעזעענסטע פערזענלעכ־קייטן צווישן די יאהודים. מער ווי אנדערע, מער אפילו ווי נײיטען שטראוס אדער דזשעיקאב שיף. האט ער געזאגט עפעס אזוינס, וואס פאר מיר איז דאס ווירקלעך געווען אן אנטפלעקונג. עס האט זיך געהאנדלט וועגן אויס־איבן אן איינפלוס אויף וואשינגטאן בנוגע געוויסע פראבלעמען פון די אידישע מלחמה־פליכטלינגען אין אייראפע.

פארטרעטער פון די אידיש־רעדנדיגע ארגאניזאציעס האבן ארייגעג־בראכט א ריי פארשלאגן, וואס האבן געצילט צו ווייזן דער רעגירונג, אז זייערע פאדערונגען האבן הינטער זיך די שטיצע פון די אידישע מאסן. די פארטרעטער פון די יאהודים זיינען געווען געגן ווען ס'איז מאסן־אקציע. מארשאל האט געזאגט:

„אידן דארפן ניט גיין צו קיין מיטינגען. אידן דארפן גיין אין שול.

איך וועל פאָרן קיין וואַשינגטאָן, זיך דורכרעדן מיטן סעקרעטערי אָוו סטעיט און אַלץ וועט זיין דערליידיגט.״

לואיס מארשאל האָט גערעדט ניט בלויז פאר זיך אליין און ניט בלויז בנוגע יענער פראגע. ער האָט גערעדט ווי דער אָנערקענטער פירער פון א גרופע. די יאהודים האָבן געהאַלטן, אז פאר אידן פּאַסט ניט צו גיין צו מיטינגען. די אידן דארפן זיך פארלאָזן אויף די מארשאלס און די שיפס.

אב. קאַהאַן און זיין „אַמעריקאַניזאַציע״

געוויסע אידישע פירער האָבן זיך באַרימט מיט זייער אַמעריקאַניזאַציע. דער אָנגעזעענסטער צווישן זיי איז געווען אב. קאַהאַן. ער האָט מיר דער־ציילט מיט גרויס אַפּעטיט, אז ער איז געווען א רעפּאָרטער פון דער „גלאָוב״, אז ער האָט זיך אויסגעלערנט אַלע זשורנאַליסטישע קונצן און טריקס און אז ער האָט איבערגעשטיגן די אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן אויף דעם געביט פון פּאָפּולערע „פּיטשורס״. ער האָט שטאָלצירט דערמיט, וואָס ער האָט פארוואַנדלט דעם „פאָרווערטס״ אין א פּאָפּולערער צייטונג, עטוואָס לויט דעם מוסטער פון די הוירסט־צייטונגען. ער האָט טאַקע באַוואונדערט הוירסט׳ן און בריסבעין׳ען. ער האָט זיך באַטראַכט פאר א וויכטיגער פיגור אין אַמעריקע. ווערט ער דען ניט דערמאָנט גאַנץ אָפט אין דער אַמערי־קאַנער פּרעסע? האָט ער דען ניט געשריבן קיין ביכער אויף ענגליש? קומען דען ניט רעפּאָרטערס פון אַנדערע צייטונגען גאַנץ אָפט א קוק צו טאָן אויף דעם „פאָרווערטס״, אויף דער צייטונג, וואָס „האָט געמאַכט גוט״, און שרייבן זיי דען ניט קיין „פּיטשור״־אַרטיקלען וועגן דעם אין די ענגלישע זונטאָג־צייטונגען און אין פּאָפּולערע זשורנאַלן?

דאָס אַלץ איז געווען אמת. כ׳האָב אָבער באַלד אויסגעפונען, אז דער אינטערעס פון דער „גרויסער״ אַמעריקאַנער פּרעסע צו קאַהאַנ׳ען, צו זיין צייטונג און זיין סביבה האָט געשטאַמט פון דער יאָנעניש נאָך קוריאָזן, נאָך דעם עקזאָטישן. אַזאַ מין אינטערעס איז אַרויסגעוויזן געוואָרן ניט נאָר צו איין צייטונג אָדער אָרגאַניזאַציע, נאָר צום גאַנצן אידישן לעבן אין אַמעריקע. די אַלגעמיינע פּרעסע האָט דאָס באַטראַכט ווי עפּעס א בייז־וואונדער. די אידישע סביבה האָט געשאַפן גוטן שטאָף פאר א „פּאַרביגער״ שילדערונג. א גוטער רעפּאָרטער האָט דערפון געקאָנט מאַכן א רייצנדיגע „פּיטשור״. אָבער דאָס אידישע לעבן און די אידישע סביבה האָט, אין די אויגן פון די

זעלביגע „פּיטשור"־שרייבער, ניט פאַרדינט קיין רעספּעקט און קיין ערנסטע פאַרשונג.

דאָס איז אויך געווען אמת בנוגע די דערציילונגען פון אידישן לעבן, וואָס פלעגן אָפט דערשיינען אויף ענגליש אין צייטונגען און זשורנאַלן. די שרייבער פון אַזוינע דערציילונגען זיינען צומאָל געווען אידן, צומאָל — ניט־אידן. אין מיינע אויגן האָבן די דערציילונגען אויסגעזען ווי א באַליידיגונג. זייער הויפּט־טעמע איז געווען די טעכנישע „אַמעריקאַניזאַציע" פון אַן אָרעמען מזרח־אייראָפּייאישן אידן. ער איז געקומען אהער צו באַזעצן זיך אין ניו יאָרק, צי אפשר אין דער וועסט. ער האָט געאַרבעט אין א סוועטשאָפּ אָדער געפּעדלט צווישן די פאַרמער אויף די גרויסע ברייטע שטרעקעס פון לאַנד. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער געהעריגער געלעגנהייט און עס איז אַוועק א גאַנג, ער האָט „געמאַכט גוט". מיט דער צייט איז ער געוואָרן א פיינער אַמעריקאַנער, וואָס האָט אַרויסגערופן באַוואונדערונג ביי די עכטע אַמעריקאַנער פון דער געמיינדע. דערמיט האָט ער געוויזן א ביישפּיל פאַר אַנדערע אידן.

אין אַזוינע דערציילונגען האָב איך געפונען א פאַלשע אויסטייטשונג פון אַלץ, וואָס איז אַמעריקאַניש, און א פולשטענדיגע אומאַכטונג פאַר די אויסגעצייכנטע אייגנשאַפטן פון דעם אידישן אימיגראַנט. ס'איז געווען איבלדיג.

אידישע סטודענטן

א שטיק צייט האָב איך ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס ס'איז דאָ אַזוי ווייניג געזעלשאַפטלעכער פאַרקער צווישן אידן און ניט־אידן. איך רעד ניט וועגן די יאהודים. ס'איז געווען באַוואוסט, אז זיי האָבן פאַרבינדונגען מיט דער ניט־אידישער וועלט (כאָטש שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז אויך זיי זיינען אין א גאַנץ גרויסער מאָס געווען אָפּגעזונדערט). איך רעד דאָ וועגן דעם ערשטן און דעם צווייטן דור אַמעריקאַנער.

איך האָב געוואוינט אין א הויז, וואו עס זיינען געווען קאָלעדזש־סטודענטקעס פון האַנטער און טיטשערס טרעינינג סקול און א שילערין פון היי־סקול. אַלע זיינען זיי געווען אַמעריקאַנער געבוירענע. ענגליש איז געווען זייער מוטער־שפּראַך. זייער אידיש איז געווען פאַרבלאָז און פאַרגרייזט. זיי זיינען געווען אַמעריקאַנער מיידלעך, ווי אַלע אַמעריקאַנער מיידלעך. זיי האָבן ניט געהאַט קיין פאָטער, און זייער מוטער, א דאַמע פון א יאָר פופציג, האָט

דעם גרעסטן טייל פון איר לעבן אפּגעלעבט אין אמעריקע. צו זיי אין הויז פלעגן קומען א סך פריינט, מענער און פרויען. אין געוויסע אוונטן האט דאס הויז ממש געזשומעט מיט יונגע מענטשן. אבער דעם גאנצן ווינטער האב איך ניט באמערקט קיין איין ניט־אידן צווישן די געסט.

ווי איז דאס מעגלעך? האב איך געפרעגט. אין רוסלאנד זיינען די אידן געווען גרויזאם פארפאלגט, און דאך איז עס געווען פשוט אוממעגלעך, אז די פריינט פון אידישע סטודענטן זאלן זיין בלויז אידן. כ'האב פיר יאר צייט געפירט א סטודענטן־לעבן אין קיעוו, כ'האב באלאנגט צו סטודענטישע ארגאניזאציעס. מיר האבן קיינמאל ניט געצויגן קיין נאציאנאלע ליניע צווישן סטודענטן, ספּעציעל אין אונזערע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן. ווי איז דאס מעגלעך, האב איך זיך געפרעגט, אז אידישע סטודענטן אין אמעריקע זאלן זיין אפּגעזונדערט? כ'האב קיין ענטפער ניט געפונען.

לויט מיין אפּשטאמונג, דערפארונגען און פארבינדונגען בין איך געווען א טייל פון דעם אידישן לעבן אין אמעריקע. איך בין געווען סענסיטיוו בונגע דעם אידישן לעבן. אזוי ווי איך בין געווען א מיטארבעטער אין אן אנגעזעענער אידישער צייטונג, זיינען אלע טירן פון אידישן לעבן געווען אפן פאר מיר. איך האב עס שטודירט מיט דארשט, און וואס מער כ'האב שטודירט דאס אידישע לעבן, אלץ מער האב איך זיך געפילט איינזאם. איך בין געווען איזאלירט פון אמעריקע. די וועלט, אין וועלכער כ'האב געלעבט, איז געווען איזאלירט פון אמעריקע. צווישן די רוסישע אידן האבן איך געלעבט אין רוסלאנד. צווישן די אמעריקאנער אידן האב איך געלעבט אין קיינעמס־לאנד.

אבער לעבן אין קיינעמס־לאנד, פּאליטיש און אידעאלאגיש, איז פאר מיר געווען אומדערטרעגלעך. איך האב ניט פארשטאנען פארוואס אידישע שרייבער פילן ניט זייער אפּגעזונדערטקייט. מיר האט זיך געדאכט, אז זיי פילן זיך גאנץ גליקלעך אין זייער באשרענקטער סביבה. ס'האט זיך זיי גארניט געוואלט א קוק צו טאן וואס עס טוט זיך פון יענער זייט. צומאל האב איך זיי מקנא געווען זייער זעלבסט־צופרידנקייט. אין מיין צווייטן יאר אין אמעריקע איז אט־דער געפיל פון זיין איזאלירט געווארן אזוי שטארק, אז איך האב געמוזט מאכן דראסטישע שריט, כדי צו ענדערן מיין לעבן.

פּאָליטישע איינדרוקן

די אַמעריקאַנער פּאָליטישע סיסטעם איז מיר פאָרגעקומען ווי אַ גרויסע רעטעניש. איך האָב זי געקאָנט פאַרגלייכן בלויז מיט דער צאַרישער רעגירונג און מיט די דעמאָקראַטיעס פון מערב־אייראָפּע, און זי איז געווען אַנדערש פון ביידן. צום אָנהויב האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די מלוכה איז גאָר ניטאָ, אַז מען זעט זי גאָר ניט. אַ מענטש קומט אַהער אין לאַנד, דינגט אַ דירה, עפנט אַ געשעפט, צי טרעט אַריין אין אַ פּראָפעסיע, און ער דאַרף זיך ניט רעגיסטרירן. ווי מאָדנע! אין אייראָפּע האָט מען זיך ניט געקאָנט אַ ריר טאָן, ניט געקאָנט זיך אַריבערקלייבן אין אַן אַנדער דירה סיידן מ׳האָט אויסגעמאַכט אַלערליי קאָמפּליצירטע פּאַפּירן. דערפאַר וואָס די רעגיסטראַציע איז דאָרט געווען אַזאַ שטרענגע, האָט מען אומעטום געקאָנט גרינג אויס־געפינען דעם אַדרעס פון וועלכן ס׳איז איינוואוינער אין די גרעסטע שטעט. אַלץ וואָס מ׳האָט געדאַרפט טאָן, איז זיך ווענדן אין דער צענטראַלער אינ־פאָרמאַציע־ביוראָ. אין אַן אַמעריקאַנער שטאָט האָט מען ניט געקאָנט אויס־געפינען קיין אַדרעס פון אַ באַקאַנטן, סיידן זיין נאָמען איז געווען פאַרצייכנט אין טעלעפאָן־בוך. דאָס איז פאַר מיר געווען אומדערוואַרט און ס׳איז מיר שטאַרק געפעלן.

די מלוכה האָט זיך אָנגעזען בלויז אין דעם געשטאַלט פון דער פּאָליציי, אָבער דאָ האָבן זיך די פּאָליסלייט ווייניגער געוואָרפן אין די אויגן און זיך ווייניגער געמישט אין אייער לעבן, ווי אין דייטשלאַנד, צום ביישפּיל. די אַנדערע באַאַמטע האָבן גאָרניט געטראָגן קיין מונדירן, מיט דער אויסנאַם פון מיליטערישע באַאַמטע דאָ און דאָרט. אָבער יענע האָט מען זעלטן געזען.

טראַנסאַקציעס אין רעגירונגס־אָפּיסעס זיינען געווען איינפאַך און פריי פון דער שטייפער ביוראָקראַטישער פּאָמפּע פון אַ רעגירונגס־ביוראָ אין דייטשלאַנד. מלוכה־אָנגעשטעלטע האָבן ניט געקוקט אויף דער ציווילער באַפעלקערונג ווי אויף מיסט. זיי זיינען געווען העפלעך, איינפאַך, טיכטיג. נאָך מער — מ׳האָט געקאָנט טעלעפאָנירן אין אַ רעגירונגס־אַנשטאַלט און קריגן די ריכטיגע אינפאָרמאַציע אויף אַ העפלעכן אופן — אַ זאַך, וואָס וואָלט פאָרגעקומען ווילד אין אַ מערב־אייראָפּייאיש לאַנד (מיט דער מעגלעכער אויסנאַם פון ענגלאַנד; נאָר איך האָב ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו שטודירן דאָס לעבן אין ענגלאַנד).

נאָך אַ זאַך האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. אַ רעגירונגס־באַאמטער איז זעלטן באַטראַכט געוואָרן ווי אַ הייליגער. ער איז ניט געווען מער באַשיצט דורכן געזעץ ווי אַנדערע בירגער. אויב איר האָט אים באַליידיגט, האָט מען אייך אָנגעקלאָגט פאַר „דיסאָרדערלי קאָנדאַקט", פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ פּריוואַטער בירגער. אויב ס'איז פאָרגעקומען אַ געשלעג צווישן אַ פּאָליסמאַן און אַ פּריוואַטן מענטשן, איז דער לעצטער אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר אָנגריף, אָבער דער פאַקט, וואָס דער צווייטער איז אַ רעגירונגס־אָנגעשטעלטער און אַ מיטגליד פון דער פּאָליציי, האָט ניט קיין סך שווערער געמאַכט יענעמס שולד. די אייראָפּייאישע דעמקראַטיעס האָבן אויסגעאַרבעט אַ סיסטעם, אונטער וועלכער אַן אָנגריף אויף אַ רעגירונגס־באַאמטן איז באַשטראָפט געוואָרן אַ סך שווערער, ווי אַן ענלעכער אָנגריף אויף אַ פּריוואַטער פּערזאָן.

צום אָנהויב, ווי געזאָגט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די מלוכה איז גאָר ניטאָ.

אַלערליי סאָרטן פרייהייט אין אַמעריקע

אַ באַזונדער־גינסטיגן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די פרייהייט פון פאַרזאַמלונג אין אַמעריקע. אַ מענטש שטעלט זיך אַוועק אויף אַ קאַסטן אין דרויסן און האַלט אַ רעדע וועגן וואָס ער וויל נאָר. ער דאַרף אין פאָראויס לאָזן וויסן דעם פּאָליס־דעפּאַרטמענט, אַז ער וועט רעדן דאָ און דאָ, אין אַזאַ און אַזאַ שעה, אָבער קיין געשריבענע דערלויבעניש איז ניט נויטיג. אין דער צייט פון אַ וואַל־קאַמפּאַניע זיינען די גאַסן אינגאַנצן פריי און מען דאַרף אַפילו ניט מעלדן דער פּאָליציי וועגן אַ קומענדיגן גאַסן־מיטינג. קיין פּאָליסמאַן אָדער וועלכער ס'איז רעגירונגס־באַאמטער איז ניטאָ ביים מיטינג און יעדער רעדנער איז פריי צו ווענדן זיך צום עולם מיט זיינע אידייען, זיין פּראָגראַם, זיין אַגיטאַציע. אַנאַרכיסטן, צום ביישפּיל, האָבן אָפּגעהאַלטן אָפענע מיטינגען אויף מעדיסאָן סקוועער, און קיינעם האָט דאָס, קאָנטיג, ניט געאַרט. קיינער האָט זיי ניט געשטערט. דאָס, האָב איך געטראַכט, איז אמת'ע פרייהייט.

מיר איז געפעלן די פרייהייט פון פּרעסע. יעדער איינער האָט געקאָנט אַרויסגעבן אַ צייטונג אָן אַ דערלויבעניש, אָן פאָרמאַליטעטן, אָן אָפּיציעלע מעלדונגען. דאָס איינציגע, וואָס דער אַרויסגעבער האָט געדאַרפט קריגן, איז אַ דערלויבעניש פון דעם פּאָסט־דעפּאַרטמענט צו שיקן די צייטונג מיט

„צווייטן קלאַס" פּאָסט, און געוויינלעך האָט דער פּאָסט־דעפּאַרטמענט געגעבן אַזאַ דערלויבעניש. אין אייראָפּע האָב איך אַזאַ מין פּרעסע־פרייהייט ניט געזען.

שילדן אויף די גאַסן פון ניו יאָרק האָבן געטראָגן אויפשריפטן אויף אַ סך שפּראַכן, און דאָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי גאַנץ נאַטירלעך. ס'איז אויך געווען נאַטירלעך, אַז גאַסן־מיטינגען זאָלן געהאַלטן ווערן אויף אַלערליי שפּראַכן. פּאַבליק סקולס און אַנדערע עפנטלעכע געביידעס זיינען געווען אָפן פאַר אַלערליי מיטינגען, און דאָס איז אין מיינע אויגן געווען אַ סימן פון אמת'ער פרייהייט. פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס זייער פּראָגראַם זאָל ניט זיין, האָבן געקאָנט פריי פונקציאָנירן. אויב זיי האָבן געוואָלט אַרויפשטעלן זייערע קאַנדידאַטן אויף דעם אָפיציעלן שטים־צעטל, האָבן זיי געדאַרפט קריגן אַ געוויסע צאָל אונטערשריפטן פון בירגער, און דאָס איז מיר פאָרגעקומען גאַנץ דעמאָקראַטיש.

אַלע זיינען פריי אין אַמעריקע — דאָס איז געווען מיין ערשטער איינדרוק. צוזאַמען מיט דער גלייכהייט פון אויסערלעכן אויסזען, וועגן וועלכער כ'האָב פריער גערעדט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָ הערשט פולשטענדיגע דעמאָקראַטיע.

נאָר אָט האָט זיך אָנגערוקט מאַסן־אַרבעטלאָזיגקייט, און די דעמאָקראַטיע האָט גאָרנישט ניט געטאָן. אויב די אַרבעטלאָזע האָבן געקראָגן אומזיסטע מאָלצייטן, איז דאָס געווען דורך פּריוואַטע פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן.

און דעמאָלט איז געקומען אַ טאָג, ווען איך בין איינגעלאַדן געוואָרן קיין נוארק, ניו דזשוירזי, צו האַלטן אַ רעדע ביי אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג.

אין נוארק איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ סטרייק, איינער פון די פילע קאָנפליקטן צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. די פירער פון סטרייק האָבן גערעכנט, אַז דער אַרויסטריט פון אַ רעדנער, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון אייראָפּע, וועט הויבן די שטימונג ביי די סטרייקער און אפשר העלפן זאַמלען מער געלט אויף אָנצופירן דעם סטרייק. ס'איז געווען שפּעט נאָכמיטאָג, ווען איך בין אָנגעקומען אין מיטינג־האָל. ווען איך בין אריין, האָב איך דערזען פריש בלוט אויפן דיל. עטלעכע מענטשן זיינען דאָרט געזעסן צעבלוטיגטע. איך בין דערשטוינט געוואָרן. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? האָבן דען די סטרייקער אין נוארק ניט געהאַט קיין רעכט צו סטרייקן? זיינען זיי דען ניט באַשיצט געוואָרן פון די אָנפאַלער? צי אפשר זיינען די

סטרייקער באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן? אפשר זיינען זיי באַפֿאַלן די פּאָליציי, וואָס האָט זיך געמוזט פֿאַרטיידיגן?

מיט אַזוינע פֿראַגן האָב איך זיך געווענדט צו מיין פֿריינט, וואָס האָט מיך געבראַכט צום מיטינג. יענער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ מינע פֿון רחמנות און באַדויער. נעבעך, הייסט עס, אַ גרינער, וואָס פֿאַרשטייט ניט די אַמעריקאַנער סיסטעם. ער האָט מיר דערקלערט, ווי מען דערקלערט אַ קינד אַן עלעמענטאַרע זאַך, אַז דאָס זיינען גענגסטער באַפֿאַלן די סטרייקער און אַז די באַלעבאַטים האָבן געדונגען די גענגסטער. ס'איז גאָר קיין נייעס ניט אין אַמעריקע, האָט ער מיט מיר געקנעלט, אַז מען זאָל שיסן אויף סטרייקער. דאָס איז אַ גאַנץ געוויינטלעכע דערשיינונג אין די קאַמפֿן צווישן אַרבעטער און באַלעבאַטים.

יענעם נאָכמיטאָג האָב איך געקראָגן די ערשטע פּראַקטישע לעקציע וועגן דערווירקלעכקייט פֿון אַמעריקאַנער פּאָליטיק. מ'האָט מיר דערקלערט די סיסטעם פֿון דעפּיוטי שעריפֿס; די סיסטעם פֿון קאָמפּאַני־פּאָליציי איז פֿאַר מיר אילוסטרירט געוואָרן דורך אַ צאָל לעבעדיגע ביישפּילן. די פֿאַרבינדונג צווישן די דעפּיוטי־שעריפֿס און די גרויסע פֿאַבריקאַנטן איז אויך אילוסטרירט געוואָרן דורך לעבעדיגע ביישפּילן. מ'האָט מיר דערקלערט, אַז די רעגירונג איז אייגנטלעך נישט אויף דער זייט פֿון די באַלעבאַטים, נאָר וואָדען — זי מישט זיך ניט אין דעם קאַמף פֿון די צוויי צדדים. דער אַרבעטגעבער, וואָס קאָן דינגען גענגסטער און זיי באַזאָרגן מיט געווער, איז אין אַ בעסערער לאַגע צו געווינען דעם קאַמף. די לאָקאַלע אַדמיניסטראַציעס שטעלן זיך אָפּט אויף דער זייט פֿון די באַלעבאַטים און די פּאָליציי — אויך.

איז, ווי אַזוי קאָנען די אַרבעטער געווינען אַ סטרייק אונטער אַזוינע אומשטענדן? האָב איך זיך געפֿרעגט. און הינטער דער דאָזיגער פֿראַגע איז אויפֿגעשטאַנען אַ צווייטע, אַ מער שרעקנדיגע: וואָס איז דאָס פֿאַר אַ דעמאָקראַטיע, ווען אַרבעטער ווערן דערשאָסן און קיינער מישט זיך ניט אריין? איך האָב געזען סטרייקס אין אַ סך אייראָפּייאישע לענדער. בלויז די צאַרישע רעגירונג האָט געוואָגט צו שיסן אויף סטרייקנדיגע אַרבעטער, נאָר אַפֿילו די צאַרישע רעגירונג האָט געוואַרט, אַז די אַרבעטער זאָלן אַרויס אין אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס דאָס האָט געגעבן די באַאַמטע אַן אויסרייד צו אַטאַקירן די סטרייקער, כדי, הייסט עס, צו פֿאַרמיידן אַן אויפֿשטאַנד. אין נואַרק אָבער איז ניט פֿאָרגעקומען קיין שום רעוואָלט, קיין שום גאַסן־דעמאָנסטראַציע. די סטרייקער האָבן געפּיקעט אויף אַ פֿרידלעכן אופֿן. לעבן האָל, וואו די שיסעריי איז פֿאָרגעקומען, זיינען אַפֿילו ניט געשטאַנען קיין

פיקעטס. א פּאָר יונגען האָבן זיך באַוויזן פון ערגעץ, האָבן פאַרפירט א קריגעריי און אָנגעהויבן שיסן. צוויי פון די קרבנות זיינען געווען אָנפירער פון דעם סטרייק.

פּערזענלעכע פרייהייט, האָב איך געטראַכט, פרייהייט פון רעדע, פרייהייט פון פּרעסע, פרייהייט פון פאַרזאַמלונג און — פרייהייט צו שיסן אויף סטרייקער — ווי איז דאָס מעגלעך?

מיט דער צייט האָב איך באַמערקט אַנדערע ווידערשפּרוכן. די רעגירונגס־סיסטעם איז אויסערלעך געווען אַ גרינגע און צוגענגלעכע. איך האָב צו־ערשט געקראָגן דעם איינדרוק, אַז די רעגירונגס־אַנשטאַלטן שאַפן ניט קיין באַריער צווישן זיך און דעם פאָלק. דער רעגירונגס־אָנגעשטעלטער האָט זיך, קאָנטיג, ניט באַטראַכט ווי אַ העכערער מענטש נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַ גליד אין דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט. מיט אַנטציקונג האָב איך אויסגעפונען, אַז אַ סך רעגירונגס־אָנגעשטעלטע זיינען אפילו ניט קיין בירגער פון די פאַראייניגטע שטאַטן. האָבנדיג איינגעזאַפּט די טעאָריעס וועגן דער מלוכה, וואָס די פאַרשיידענע טעאָרעטיקער האָבן אַרויסגערוקט אין די רוסישע און דייטשע אוניווערזיטעטן, באַזונדער דער רוסישער פּראָפעסאָר קאָרקונאָוו און דער דייטשער געלערנטער יעלינעק, האָב איך עס באַטראַכט ווי זעלבסט־פאַרשטאַנדלעך, אַז אַ מענטש, וואָס אַרבעט אין דעם אַפּאַראַט פון אַ מלוכה און טראָגט ממילא אַ געוויסע מאָס אויטאָריטעט, מוז זיין אַ בירגער פון יענער מלוכה. איך האָב געוואוסט, אַז עס ווערן אָנגעווענדט אַ סך אומגעזעצלעכע קונצן אין פאַרבינדונג מיט בירגער פון איין מלוכה, וואָס דינען אין דעם אַפּאַראַט פון אַ צווייטער. אָבער אין אַמעריקע איז דאָס געווען אַ געוויינטלעכע דערשיינונג. אמת, צווישן די הויכע באַאַמטע זיינען געווען גאָר ווייניג ניט־בירגער, אָבער צווישן די שטאַט־אָנגעשטעלטע, אַריינ־גערעכנט לערער, האָב איך אָפט געטראָפן מענטשן, וואָס זיינען ניט געווען קיין אַמעריקאַנער בירגער. צי זיי האָבן בלויז פאַרנאַכלעסיגט אַרויסצוקריגן זייערע בירגער־פּאַפּירן, אָדער זיי האָבן זיי ניט געקאָנט קריגן, האָט מיט דעם ענין ניט געהאַט צו טאָן. וויכטיג פאַר מיר איז געווען דאָס, וואָס אין דעם אַפּאַראַט פון דער שטאַט־רעגירונג איז ניט געווען אָט־די שטייפקייט, אָט־די שטרענגקייט און חוצפה, וואָס אומעטום איז דאָס געווען אַן אומפאַרמיידלעכע איינגעשאַפט פון מלוכה־מאַכט.

אויף מיר האָט אויך געמאַכט אַ גוואַלדיגן איינדרוק דער פאַקט, וואָס אַן אויסלענדער האָט דאָ געקענט קריגן פּאַקטישע בירגער־רעכט בלויז דורך דער פאָרמאַליטעט פון דעקלאַרירן זיין אַבזיכט צו ווערן אַ בירגער — אויס־

פילן אַ געוויסן פראַגע־בויגן און אונטערשרייבן זיין נאָמען. דורך אָט־דער איינפאַכער פאָרמאַליטעט איז ער געוואָרן, פאַר אַ סך פּראַקטישע צוועקן, אַ בירגער פון לאַנד און האָט געקראָגן אין אַמעריקע און אין אויסלאַנד די זעלביגע שוץ, ווי אַמעריקאַנער בירגער. איך האָב זיך, נאַטירלעך, באַנוצט מיט אָט־דער פּריווילעגיע באַלד ווי איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע, און פאַר מיר איז דאָס געווען אַ באַווייז, אַז די אַמעריקאַנער פּאָליטישע סיסטעם איז די ליבעראַלסטע אין דער וועלט. די אימיגראַנטן פון רוסלאַנד און אַנדערע פריינט, מיט וועמען איך האָב גערעדט וועגן דעם, האָבן זיך גאָר ניט געקאָנט אָפּלויבן פון אָט־די ליבעראַלע שטריכן פון דער אַמעריקאַנער מלוכה. מ'האָט מיר דערציילט פון אַ סך פאַלן, ווען פאַרטרעטער פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג אין אויסלאַנד האָבן גענומען אונטער זייער שוץ אַזוינע דעקלאַראַנטן מיט די „ערשטע פּאַפּירן". אַמעריקאַנער קאָנסולן, האָט מען מיר דערציילט, לייגן אָן וועג אויף אַרויסצוהעלפן ניט־בירגער, וואָס האָבן אַ שטיק צייט געלעבט אין אַמעריקע און זיך געווענדט צו די אַמעריקאַנער פאַרטרעטער אין אויסלאַנד נאָך הילף. דאָס, האָב איך געטראַכט, איז זייער גרויסמוטיג און הומאַניטאַריש. פאַר איינעם, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט דער פאַרפרוירענער שטייפקייט און ביוראָקראַטיזם אין אַנדערע מלוכה־אַפּאַראַטן, איז דאָס פאָרגעקומען ווי אַ פּאָליטישער גן־עדן.

האָט אַמעריקע געהאַט אַ שפּיאָנאַזש־סיסטעם? איך האָב אויסגעפונען, אַז אַזאַ סיסטעם האָט דאָ קוים עקזיסטירט און אַז אין ערגסטן פאַל האָט זי זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט נאָכשפּירן קרימינעלע פאַרברעכער. אַ לאַנד אָן אַ פּאָליציי, אַ לאַנד אָן אַן אַפּאַראַט צו כאַפּן און באַשטראָפן די שונאים פון דער פּאָליטישער סיסטעם, אַ לאַנד וואו די רעגירונג קימערט זיך גאָר ניט וועגן די פּאָליטישע אָנשויאונגען פון דער באַפעלקערונג — ס'איז מיר פאָרגעקומען ווי די פאַרווירקלעכונג פון אַן אידעאַל.

אָבער אין אָט־דעם אידילישן בילד האָבן זיך באַלד אַרויסגעוויזן שטריכן, וואָס האָבן אין מיר אַרויסגערופן אַ טיפע אַנטוישונג.

די קאָרופּציע אין אַמעריקאַנער פּאָליטיק מאַכט אויף מיר אַ פּיינלעכן איינדרוק

איין שטריך פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטישער סיסטעם האָט מיך באַזונדער אינטערעסירט און מיר געהאָלפן באַנעמען געוויסע אייגנאַרטיגקייטן פון דער אַמעריקאַנישער דעמאָקראַטיע. דאָס איז די צעטיילונג פון

מאכט צווישן דער פעדעראַלער רעגירונג און די רעגירונגען פון די סטעיטס און שטעט. דאָס דייטשע רייך פון יענער צייט איז, פאַרשטייט זיך, אויך געווען אַ פעדערירטע מלוכה; זי איז אָבער געווען גאָר אַנדערש, ווי די אַמעריקאַנער פאַראייניגטע שטאַטן. דאָ איז די מאַכט געווען סיי מער קאָנ־צענטרירט און סיי מער צעדריבלט. די מאַכט אונטער דער יורידיקציע פון דער פעדעראַלער רעגירונג איז געווען פון אַ ברייטערן פאַרנעם, ווי די מאַכט פון דער דייטשער רעגירונג פאַר דער מלחמה. צו דער זעלביגער צייט האָבן די סטעיטס, ווי איך האָב באַמערקט פון אָנהויב־אָן, געהאַט אַ סך אויטאָ־נאָמע מאַכט אין זייערע אייגענע גרענעצן. איך האָב צוגעשריבן אַ סך פון דער ברייטער אַמעריקאַנער פרייהייט צום פאַקט, וואָס יעדער סטעיט האָט געהאַט אַן אייגענע יוסטיץ און וואָס די פּאָליציי איז אומעטום געשטאַנען אונטער דעם קאָנטראָל פון דער לאָקאַלער רעגירונג.

צום ערשטן מאָל האָב איך אויסגעפונען אין אַמעריקע — ניט פון ביכער, נאָר פון טאָג־טעגלעכן לעבן — אַז די אַרבעט פון אַ פּאָליסמאַן איז צו באַשיצן דעם פרידן פון די בירגער.

נאָר אין אָט־דעם אידילישן באַגריף וועגן דער אַמעריקאַנער מלוכה, אָדער פעדעראַציע פון מלוכות, האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַריינ־גנב׳ענען איין אַנטוישונג נאָך דער צווייטער. אַ שטייגער, טעמעני־האָל. ס׳האָט געדויערט ניט לאַנג ביז כ׳האָב אויסגעפונען — דורך מיינע פריינט, דורך די צייטונגען, דורך פערזענלעכע דערפאַרונגען — אַז די שטאָט ניו יאָרק געפינט זיך אין די הענט פון דער טעמעני־מאַשין און אַז די פירונגען פון דער טעמעני־מאַשין זיינען קאָרופּט ביזן ביין. געשעפטסלייט און פּראָ־פעסיאָנאַלן האָבן מיר איבערגעגעבן אַן אַ שיר פאַקטן פון זייער אייגענער דערפאַרונג אויף צו באַווייזן, אַז טעמעני־טובות, טעמעני־גערעכטיגקייט און טעמעני־שוץ קאָן געקויפט ווערן פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל מזומן געלט. אָט, אַ שטייגער, האָט אַ באַקאַנטער געעפנט אַ דראָג־סטאָר אין אַ געוויסער געגנט, און עטלעכע נעכט נאָכאַנאַנד זיינען די שויפענצטער צעשמעטערט געוואָרן. ער האָט געדונגען אַ וועכטער, נאָר ס׳האָט ניט געהאָלפן. ער האָט זיך באַקלאָגט פאַרן פּאָליסמאַן אויפן בלאָק און פאַר העכער פּאָליציי־באַאַמטע, און ס׳האָט ווידער ניט געהאָלפן. ער האָט אויסגעפונען, אַז זיין קאָנקורענט געגנאיבער דער גאַס האָט דאָס אָרגאַניזירט די איבערפאַלן אויף זיין קראָם, און אַז יענער האָט אַ שטאַרקן צד אין דער פּאָליציי. דער דראָגיסט האָט פּראָטעסטירט, געדונערט און געסטראַשעט, אָבער ווי נאָר ער האָט אַריינגעשטעלט נייע שויפענצטער, זיינען זיי אויף מאָרגן געווען צע־

שמעטערט. ענדלעך איז אַ דעטעקטיוו אַריינגעקומען צו אים זיך דורכצורעדן וועגן דעם ענין. דער דעטעקטיוו האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פאַר אַ געוויסער סומע קאָן ער קריגן די וואַכזאַמקייט פון געזעץ. ער האָט באַצאָלט די סומע. מער זיינען די פענצטער ניט צעשמעטערט געוואָרן.

אַ צווייטער געשעפטסמאַן, אַ קאָנטראַקטאָר, האָט זיך אָנגעבאָטן פאַר אַ שטאַטישן קאָנטראַקט, און דעם קאָנטראַקט ניט געקאָנט קריגן. איז ער אַוועק צום געהעריגן באַאַמטן, האָט אים אָפּגעשטעקט אַ סומע כאַבאַר און — געקראָגן דעם קאָנטראַקט.

דאָס אַלץ איז געווען אַ קוואַל פון שטוינונג פאַר אַ ניי־געקומענעם אייראָפּייער, וואָס האָט געפּרואווט דערלערנען די פּאָליטישע סיסטעם פון לאַנד. טעמעני, האָב איך אויסגעפונען, איז געווען ניט בלויז אַ לאָקאַלע גרופּע. זי האָט אין אַ היפּשער מאָס קאָנטראָלירט די פּאָליטישע מאַשין פון דעם גאַנצן סטעיט, און ניו יאָרק סטעיט, האָב איך געוואוסט, איז אין פּרט פון באַפעלקערונג און עקאָנאָמישן באַטרעף דער וויכטיגסטער סטעיט פון לאַנד. טעמעני האָט געהאַט אַ היפּשע דעה אין דעם קאָנגרעס פון די פאַראייניגטע שטאַטן. אין אַ באַדייטנדיגער מאָס האָט, הייסט עס, טעמעני באַאיינפלוסט די פּאָליטיק פון גאַנצן לאַנד.

ווי איז דאָס מעגלעך? — האָב איך געטראַכט. פאַרוואָס דולדן די בירגער פון ניו יאָרק אַזאַ אומגעזונטע לאַגע, אַזאַ אָפענעם סקאַנדאַל? האָבן זיי דען ניט קיין שטים־רעכט? קאָנען זיי דען ניט באַנוצן זייער שטים־רעכט ווי אַ בעזים אויף אויסצוראָטן די גאַנצע קאָרופּציע? איך האָב זיך קיין ענטפער אויף די פראַגן ניט געקאָנט געבן.

איך האָב געוואוסט וועגן דער דורכגעפוילטקייט פון דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט אין צאַרישן רוסלאַנד. נאָר כ'האָב אויך געוואוסט, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם מאַנגל אין פּאָליטישער פרייהייט. אין רוסלאַנד האָט מען געקאָנט קויפן יעדן רעגירונגס־באַאַמטן, פון אויבן ביז אַרונטער, ווייל דאָס פאָלק האָט ניט געהאַט קיין קאָנטראָל איבער דער רעגירונג. די באַאַמטע זיינען באַשטימט געוואָרן פון אויבן, און דער, וואָס איז געווען אונטער־טעניג און זיך גע'חנפ'עט צו דער העכערער „נאַטשאַלסטווע"; דער, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ גרעסערע מאָס פייאיגקייט אין אונטערדריקן די פאָלקס־מאַסן, האָט געקראָגן די געהעריגע רעגירונגס־שטעלע. אין רוסלאַנד איז דאָס באַטראַכט געוואָרן פאַר נאַטירלעך, אַז דער העכערער באַאַמטער זאָל קוקן דורך די פינגער אויף די אונטערשטע באַאַמטע, וואָס נעמען כאַבאַר. כאַבאַר איז, אין אַ געוויסן זין, געווען די מאַגנאַ קאַרטאַ, דער „ביל אָוו ראַיטס"

פון דעם רוסישן בירגער (גערופן האָט מען אים ניט „בירגער", נאָר „אונטער־טאַן"), ווייל דורך כאַבאַר האָט דער איינוואוינער געקאָנט זיך אויסקויפן פון די גרויזאַמע געזעצן און פאַראָרדענונגען.

אָבער אין אַמעריקע זיינען די מערסטע באַאַמטע דערווײלט געוואָרן דורכן פאָלק. וואַל־קאַמפּאַניעס זיינען געפירט געוואָרן אָפן און ברייט. פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע איז דאָ באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נאַטירלעכע זאַך. פּאָליטישע קאָרופּציע איז אָפטמאָל אויפגעדעקט געוואָרן אין דער פּרעסע. די בירגער האָבן געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו באַקענען זיך מיטן אמת. און דאָך האָבן זיי געהאַלטן אין דערווײלן די פּאַרטרעטער פון אַ קאָרופּטער פּאָליטישער מאַשין!

לייענענדיג די לאָקאַלע פּרעסע פון אַנדערע געגנטן אין אַמעריקע, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז ניו יאָרק איז אין דעם פּרט ניט געווען קיין אויסנאַם. שיקאַגאָ איז געווען „באַרימט" מיט איר קאָרופּטער אַדמיניסטראַציע. אַ קאָרופּטע פּאָליטישע מאַשין האָט אויך באַלעבאַטעוועט אין פילאַדעלפיע, אין קענזאַס סיטי, סאַן־פראַנציסקאָ און אין אַ צאָל אַנדערע שטעט. מיט דאָרשטיגן אינטערעס האָב איך געלייענט די באַשרייבונגען פון די קאָרופּציע־סקאַנדאַלן אין פאַרשיידענע שטעט און געגנטן. איז עס מעגלעך, האָב איך זיך געפרעגט, אַז די בירגער פון יענע ערטער ווייסן ניט, אַז זיי ווערן פאַר־קויפט און פאַרראַטן אויף יעדן שריט? פאַרוואָס לייענען זיי ניט די צייטונגען? פאַרוואָס קומען ניט אַרויס די אָפּאָזיציע־פּאַרטייען מיטן אמת? איך האָב ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך.

„אַמעריקע", האָט מען מיר געזאָגט, „איז אַ רוי לאַנד. אַמעריקע האַלט נאָך אין ווערן. מען קאָן ניט דערוואַרטן קיין סך רעספּעקט פאַר געזעץ און אָרדענונג אין אַ לאַנד, וואָס האָט נאָך ניט אויסגעלעבט זיינע פּיאָנערן־טראַדיציעס."

אַזוינע באַמערקונגען איז מיר אָפט אויסגעקומען צו הערן פון מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר קענער פון דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט. איך האָב די דאָזיגע מיינונגען פאַרגליכן מיט געוויסע דערציילונגען פון דזשעק לאָנדאָן, ספּעציעל מיט זיינע דערציילונגען וועגן דעם גאָלד־געלאָף אין קאַליפאָרניע און וועגן דעם לעבן אין אַלאַסקאַ. איך האָב געלייענט די אַמעריקאַנער פאַרצייכענונג פון קנוט האַמסון, אין וועלכער ס'איז אַרויס־געבראַכט געוואָרן די רויקייט פון דעם לאַנד, בעת די פּיאָנערן האָבן דאָס געפּרואווט באַהערשן. מיר האָט זיך געדאַכט אויף אַ ווייל, אַז כ'האָב אַנט־דעקט שפּורן פון אָט־דער רויקייט אַפילו אין אַזאַ גרויס־שטאָט ווי ניו יאָרק.

די גרייטקייט פון יעדן בירגער אַרויסצורופן זיין געגנער אויף אַ קולאַקן־געשלעג איז מיר פאָרגעקומען ווי אַ ירושה פון די צייטן, ווען די איבער־וואַנדערער האָבן זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף זייער אייגענעם פיזישן כח, כדי צו פאַרטיידיגן זייער האָב און גוטס און זייער סאַמע לעבן, און צו באַ־הערשן די נאַטור. דער פאַקט, וואָס דער דורכשניטלעכער בירגער פאַרלאָזט זיך אויף זיך אַליין און זיינע פיאיגקייטן אין אַ קריזיס־מאָמענט פון זיין לעבן, איז מיר אויך פאָרגעקומען ווי אַן אויסדרוק פון אַמאָליגן פיאָנערישן גייסט. אַז אַמעריקע איז נאָך ניט געווען אַזוי איינגעפונדעוועט ווי, צום ביישפיל, פראַנקרייך אָדער די שווייץ, איז פאַר מיר אויך געווען קלאָר פון סאַמע אָנהויב. ביז אַ געוויסער שטופע געפינט זיך יעדעס לאַנד אין דעם פּראָצעס פון ווערן. ווייל דאָס לעבן שטייט קיינמאָל ניט אויף איין אָרט. אָבער אַמעריקע איז דאָס געווען אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס ווי אייראָפּע.

ווי אַזוי צו פאַרבינדן די יונגקייט פון אַמעריקע, דעם נאָך אַלץ רויען כאַראַקטער פון אירע אינסטיטוציעס מיט אַזוי פיל איינגעפונדעוועטער קאָרופּציע, איז פאַר מיר געווען אַ רעטעניש, וואָס כ'האָב זי ניט געקאָנט לייזן.

איך האָב געפּרואווט זיך דערגרונטעווען צום תוך. צום אָנהויב איז דאָס מיר אָנגעקומען שווער. אויך די צענטראַלע רעגירונג אין וואַשינגטאָן האָט פאַר מיר אַרויסגעוויזן אַ צאָל שטריכן, וואָס כ'האָב זיי ניט געקאָנט פאַרשטיין. דער דעמאָלטדיגער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן, וואודראָו ווילסאָן, איז געווען אַ ליבעראַלער מענטש. געטריי צו דער גוטער דייטשער טראַדיציע, האָב איך געפונען פאַר נויטיג דורכצולייענען די וויכ־טיגסטע ווערק פון דעם פּרעזידענט פון מיין נייעם היים־לאַנד. איך האָב פלייסיג דורכגעלייענט זיינע עטלעכע בענדער וועגן דער געשיכטע פון אַמע־ריקע, און בין געקומען צום שלום, אַז דאָס זיינען מיטלמעסיגע שריפטן, אָן אַן אויסגעהאַלטענער וועלט־אָנשויאונג און אָן אַ פאַרזוך צו פאַרגאַנצן די פאַקטן פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע אין איין באַשטימטער סיסטעם, וואו איין דערשיינונג און געשעעניש זאָל זיין אַ פּועל־יוצא פון אַ צווייטער. אַזאַ מין געשיכטע האָט מיך ווייט ניט צופרידנגעשטעלט. צו יענער צייט האָב איך געהאַט איבערגעלייענט אַ קליין ביכל מיטן נאָמען „סאָציאַלע כחות אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע", וואָס איז — מיט אַלע זיינע קנאַפּקייטן, דאָך געווען אַ פאַרזוך צו דערקלערן די אַמעריקאַנער געשיכטע אויף אַן אויס־געהאַלטענעם אופן. וואודראָו ווילסאָנ'ס „ניו פרידאָם" („נייע פרייהייט") איז אויך ניט געווען קיין נייעס פאַר איינעם, וואָס האָט געהאַט אין זין אַ בילד פון אַ סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע. דאָך האָט יענער בוך געוויזן, אַז דער פּראָפעסאָר איז אויף אַן אמת'ן צוגעבונדן צום אידעאַל פון דעמאָ־

קראַטיע, וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, געדאַרפט אויסגעברייטערט ווערן אויף יעדן איינוואוינער. אָט־די נייע פריהייט, וואָס ווילסאָן פּריידיגט, האָב איך צו זיך געזאָגט, איז אַ פריהייט פאַר אַ בורזשואזער דעמאָקראַטיע. ס'איז אָבער אויך אַ פּראָגראַם פון אַ מענטשן, וואָס איז אַן אמת'ער פריינט פון פּרייהייט.

ווען איך האָב אָבער אָנגעהויבן נאָכפאָלגן די פירונגען פון דער פעדע־ראַלער רעגירונג, איז פאַר מיר אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז וואודראָו ווילסאָן פירט זיך אויף גאָר ניט לויט די פּרינציפּן, וואָס ער האָט פאַרצייכנט אין זיין ווערק. ער האָט ניט געמאַכט קיין שום וועזנטלעכע שריט אויף אויס־צוראָטן די איבלען פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, אויף וועלכע ער האָט פריער אָנגעוויזן. ווילסאָן האָט ניט אויסגענוצט זיין אויטאָריטעט אויף צו צוימען די טראַסטס, וואָס האָבן עקספּלואַטירט די פאָלקס־מאַסן. און וואָס מער איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער פּראַקטיק פון דער ווילסאָן־אדמיניסטראַציע, אַלץ גרעסער איז מיר פאָרגעקומען דער ווידערשפּרוך צווישן זיינע דעקלאַראַציעס און זיינע מעשים.

מיינע ערשטע אַנטוישונגען אין דער אַמעריקאַנער רעגירונג־סיסטעם

אין מיטן זומער פון יאָר 1915 האָב איך אָנגעהויבן לייענען די רע־קאָרדס פון דער „קאָמיטע וועגן אינדוסטריעלן אומרו" מיט פרענק פּ. וואַלש אַן דער שפּיץ. קיין זאַך האָט אין די ערשטע צוויי יאָר אין אַמעריקע אויף מיר נישט געמאַכט אַזאַ רושם, ווי די אַרבעט פון יענער קאָמיטע. אָט ווערט אַ פּריוואַטער בירגער באַפולמעכטיגט פון דעם פּרעזידענט צו מאַכן אַן אויספאָרשונג וועגן דער סאָציאַלער לאַגע אין אַמעריקע. ער קריגט די פול־מאַכט צו רופן בירגער, באַרימטע פּערזענלעכקייטן און אומבאַקאַנטע, הויכ־געשטעלטע און פּשוטע פאָלקס־מענטשן, אַז זיי זאָלן קומען צו דער קאָמיטע און אונטער אַ שבועה ענטפערן אויף די פראַגן, וואָס די אויספאָרשער וועלן זיי שטעלן. דער אָנפירער פון דער אויספאָרשונג האָט אונטער זיין רשות אַ סטעף אונטערזוכער, אַ גרופּע לאָיערס, ספּעציאַליסטן אויף פאַרשיידענע געביטן. ער פּאַסט־אויף זיין אויפגאַבע אויף דעם ברייטסטן אופן און פירט־אָן אָפענע פאַרהערן, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל וועגן דעם וויסן.

אין מיינע אויגן איז דאָס פאָרגעקומען ווי דער מערקווירדיגסטער אויסדרוק פון אַ דעמאָקראַטישער מלוכה אונטער אַ ליבעראַלן פּרעזידענט

און ווי אן ענקלאגע געגן דער קאפיטאליסטישער סיסטעם. דאס וואס אזא אונטערזוכונג איז בכלל געמאכט געווארן, איז געווען א כבוד פארן פרעזידענט'ס ליבעראליזם, האב איך געטראכט. אבער דאס בילד, וואס איז אויפגעדעקט געווארן דורך דער אויספארשונג, איז געווען אזוי שאקירנדיג, אז ס'האט זיך באקומען אן איבעריגער באווייז, אז אפילו אונטער א דעמאקראטישער סיסטעם שאפט דער קאפיטאליזם קייטן פארן פאלק.

פאר דער וואלש־קאמיטע זיינען איינער נאכן אנדערן אויפגעטראטן די גרויסע פערזענלעכקייטן פון דער אמעריקאנער אינדוסטריעלער און פינאנץ־וועלט. עס זיינען געקומען גאלד־באראנען, קוילן־באראנען, שטאל־מאגנאטן, פינאנץ־מאגנאטן, אייזנבאן־מאגנאטן — און אלע זיינען זיי אויסגעפרעגט געווארן וועגן זייערע פראפיטן און געהאלטן, וועגן דעם קאפיטאל, וואס זיי קאנטראלירן, וועגן די ווערדזשעס, וואס זיי צאלן זייערע ארבעטער. זיי האב געענטפערט מיט קנאפן חשק: זיי האבן געפרואווט זיך ארויסדרייען פון אומבאקוועמע פראגן, אבער וואלש — אליין א לאיער — און זיינע אסיסטענטן האבן זיי געצוואונגען צו ענטפערן און אנצוגעבן די געהעריגע פאקטן. דורך נאכפאלגן די פארהערן פון דער קאמיטע האב איך זיך צום ערשטן מאל באקענט מיט די פארשטייער פון אמעריקאנער גרויס־קאפיטאל.

דאס שטוינענדיגסטע אין מיינע אויגן איז געווען דער פאקט, וואס פארטרעטער פון טרעיד־יוניאנס, פון פרייע פראפעסיעס און אפילו פון דער סאציאליסטישער פארטיי זיינען גערופן געווארן צו דער קאמיטע. מענטשן האבן געהאט די פולסטע מעגלעכקייט אויסצודריקן די קריוודעס פון די עקספלואטירטע מאסן און צו פאדערן גערעכטיגקייט. מארים הילקוויט, טעארעטיקער פון דער סאציאליסטישער פארטיי, האט פארגעלייגט א גאנצע פראגראם. זיין פארטראג איז אפגעדרוקט געווארן אן שום דיסקרימינאציעס אין די צייטונגען, צוזאמען מיט אנדערע מאטעריאלן פון דער קאמיטע, און דאס אליין איז פאר מיר געווען אן אויסדרוק פון דעמאקראטיע און יושר, וואס מיר האט זיך געדאכט, אז אין אמעריקע געפינט מען דאס אין א גרעסערער מאס, ווי אין אנדערע לענדער.

מיין ענטוזיאזם איבער דער וואלש־קאמיטע איז געווען אזוי גרויס, אז איך האב זיך אנגענומען מיט מוט אנצושרייבן אן אפשאצונג וועגן איר אין דער צייטונג, וואו איך האב מיטגעארבעט. ס'איז געווען מיין ערשטער ארטיקל וועגן אמעריקאנער פאליטישן לעבן, וואס איך האב געוואגט צו שרייבן.

נאר אפילו ווען איך האב דורכגעמאכט אט־דעם האניג־חודש מיט דער

„קאַמיטע וועגן אינדוסטריעלן אומרו", האָט אַ סקעפּטישע שטים אַנגעפילט מיין באַוואוסטזיין מיט צווייפל: האָט דען די וואָלש־קאַמיטע וועלכע ס'איז מאַכט צו ענדערן די לאַגע? קאָן ער פאַרשלאָגן וועלכע ס'איז וועזנטלעכע געזעצגעבונג? וואָס וועט זיך אויסלאָזן פון דער גאַנצער אויספאָרשונג? וועט זי האָבן וועלכע עס איז ממשות'דיגע ווירקונג?

אַמעריקע האָט צו יענער צייט ניט געהאַט קיין סאָציאַלע געזעצגעבונג. אפילו רוסלאַנד האָט אין 1913 איינגעפירט פאַרזיכערונג געגן קראַנקהייט. אַמעריקע האָט נישט געהאַט קיין שום געזעצן פאַר סאָציאַלער זיכערונג — נישט קיין פאַרזיכערונג געגן אַרבעטסלאָזיגקייט, נישט קיין פעדעראַלע עלטער־פּענסיע. ס'איז ניט געווען קיין געזעצלעכער מאַקסימום פאַר אַרבעט־שעה'ן און קיין מינימום־לוין. די אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר האָט שטאָלץ דערקלערט, אַז די אַמעריקאַנער אַרבעטער קאָנען באַשיצן זייערע אייגענע לעבנס־סטאַנדאַרדס דורך זייער אייגענער מאַכט, גאָמפּערס איז געווען זייער אויסגעשפּראָכן אין זיינע דערקלערונגען, אַז די אָרגאַניזירטע אַרבעטער דאַרפן ניט לויפן צום קאָנגרעס נאָך שוץ.

דאָס האָט געקלונגען זייער שיין. אָבער די לאַגע, וואָס איז אַזוי דייטלעך אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך דער וואָלש־קאַמיטע, האָט באַוויזן ווי נויטיג עס איז איינצופירן אַ ריי שוץ־געזעצן פאַר אַרבעטער — אָפּשאַפן קינדער־אַרבעט, פאַרקלענערן דעם אַרבעטס־טאָג, פאַרבעסערן די אַרבעט־באַדינגונגען, העכערן דעם לוין כאָטש פון די נידעריגסטע־באַצאָלטע אַרבעטער, שאַפן אַ מאָס שוץ פאַר די אַרבעטלאָזע, די קראַנקע, די אַלטע לייט. האָט ווילסאָן געהאַט בדעה דורכצופירן אַזאַ מין געזעצגעבונג, וואָס די נויטיגקייט דער־פון איז אַזוי קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך דער קאָמיטע, וואָס ער האָט געשאַפן? קיין וואָרט וועגן דעם איז ניט געקומען פון ווייסן הויז. קיין פּיפּס פון קאָנגרעס. די קאָמיטע האָט אונטערזוכט, דער עולם האָט געלייענט די באַריכטן, די צייטונגען האָבן געדרוקט לייט־אַרטיקלען, די בירגער האָבן איינגעשטימט אָדער ניט איינגעשטימט — און וואָס ווייטער?

דער וואָרעם פון צווייפל, ווי רוסן זאָגן, האָט מיך אָנגעהויבן נאָגן. חוץ דעם צווייפל בנוגע דעם פּראַקטישן ווערט פון דער וואָלש־קאַמיטע האָב איך אויך אָנגעהויבן צווייפלען וועגן אַנדערע שטריכן פון דער רעגירונגס־סיסטעם. איך האָב, פאַרשטייט זיך, געלייענט אַ היבש ביסל וועגן דער אַמעריקאַנער רעגירונגס־סיסטעם און האָב אויסגעפונען, אַז די אַזוי־גערופענע „טשעקס ענד באַלאַנסעס", דער געגנזייטיגער קאָנטראָל און באַלאַנס פון מאַכט צווישן די פאַרשיידענע צווייגן פון דער מלוכה, שטעלן מיט זיך

פאַר איינעם פון די גרונד־שטריכן פון דער רעגירונגס־סיסטעם. איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין צו וואָס מען דאַרף האָבן אָט־די „טשעקס ענד באַלאַנסעס"; און איך פאַרשטיי דאָס נאָך אַלץ ניט. דאָס פאָלק דערווײלט זיינע פאַרטרעטער צום קאָנגרעס. די פאַרטרעטער פון פאָלק דריקן אויס — אָדער זיי דאַרפן אויסדריקן — די וואונטשן, די אינטערעסן, די שטרעבונגען פון פאָלק. צו וואָס שאַפן אַ צאַם און אַ באַלאַנס געגן דעם ווילן פון פאָלק און דעם אורטייל פון זיינע פאַרטרעטער? אָנגענומען, אַז דאָס פאָלק האָט געהאַט אַ טעות. פאַרוואָס זאָל דאָס פאָלק נישט האָבן דאָס רעכט צו האָבן אַ טעות? פאַרוואָס זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אַ העכערע אויטאָריטעט איבערן פאָלק, כדי צו „צוימען" און פאַרריכטן די טעות'ן פון פאָלקס־ווילן? און ווער קאָן דען באַשליסן, אַז איין מענטש — מעג דאָס זיין דער פּרעזידענט — וואָס איז דערווײלט פון פאָלק, פאַרמאָגט מער שכל, ווי פיר הונדערט מענטשן, וואָס זיינען דערווײלט פון דעם זעלביגן פאָלק? פון וואַנען איז עס געדרונגען, אַז אַ ריכטער צי אַ גרופּע ריכטער, דערווײלט פון פאָלק אָדער באַשטימט פון פּרעזידענט, פאַרמאָגן אַ העכערן פאַרשטאַנד, ווי די מענטשן, וואָס זיינען דירעקט דערווײלט געוואָרן פון פאָלק צו די געזעצגעבנדיגע הייזער?

אין אונזערע קאַמפן געגן דער רוסישער זעלבסט־הערשאַפט און אין אונזער שטרעבונג צו אויפקלערן די מאַסן בנוגע דער נויטיגקייט איינצופירן אַ רעגירונג פון פאָלקס־פאַרטרעטער, האָבן מיר, רוסישע רעוואָלוציאָנערן, שטודירט די פאַרשיידענע סיסטעמען פון רעגירונג. אַ סך פון אונז זיינען געוואָרן אמת'ע קענער אויף דעם דאָזיגן געביט. מיר זיינען געווען געגן אַ פּאַרלאַמענטאַרישער סיסטעם פון צוויי פּאַלאַטן (אָדער „הייזער"), ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז די אויבערשטע פּאַלאַטע, וואָס האָט געווײנטלעך מער פּריווילעגיעס, דינט ווי אַ צוים אויף דעם ווילן פון פאָלק, ווי ער איז אויסגעדריקט דורך דער מערהייט פון דער אונטערשטער פּאַלאַטע. מיר האָבן אויסגעזעצט געגן דעם געזעץ, וואָס גיט אַ זעלבסטשטענדיגע מאַכט צום הויפּט פון דער רעגירונג, צום פּרעזידענט. אונז איז אַפילו ניט איינגעפאַלן, אַז די ריכטער און דער יוסטיץ־צווייג בכלל זאָל האָבן אַ זעלבסטשטענדיגע מאַכט, ווייל מיר האָבן זיך אַזאַ לאַגע גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלן. מיר האָבן געגלויבט, נאָך מער, אַז דער הויפּט פון דער רעגירונג דאַרף האַנדלען אין איינקלאַנג מיט דער מערהייט פון פּאַרלאַמענט.

דאָ אין אַמעריקע האָב איך אָבער געפונען דריי זעלבסטשטענדיגע רעגירונגס־אָגענטורן, וואָס אָפט האָבן זיי געהאַנדלט איינע דער היפּוך פון דער

צווייטער. אַ געזעץ, וואָס ווערט דורכגעפירט פון די פאַרטרעטער פון פאָלק, איז נישט קיין געזעץ, האָב איך אויסגעפונען, ביז דער פּרעזידענט גיט ניט זיין גוטהייסונג. און אַפילו ווען דער פּרעזידענט שרייבט שוין אונטער דעם געזעץ, קאָן ער געמאַכט ווערן צו־נישט דורך אַ דעקרעט פון פינף פון די ניין ריכטער פון סופּרים קאָורט. אַ געזעץ, וואָס ווערט דורכגעפירט אין אַ באַזונדערן סטעיט, קאָן אַנולירט ווערן אויף אַן ענלעכן אופן דורך די פאַראייניגטע אַגענטורן פון דער סטעיט־רעגירונג און אויך פון פעדעראַלן סופּרים קאָורט. דאָס אַלץ איז מיר פאָרגעקומען זייער קאָמפּליצירט, אומגעלומפּערט און ווייט פון דעמאָקראַטיש.

פאַרוואָס אינטערעסירט זיך ניט דער עולם מיט פּאָליטישע פראַגן?

די דאָפּלטע סיסטעם פון סטעיט־רעכט און פעדעראַלע רעכט, וואָס האָט פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי אַ הילף פאַר ברייטערער פרייהייט, האָט אָבער ביי מיר אַרויסגערופן אַ סך פראַגן. איך האָב געזען ווי די יורידיקציע פון דעם סטעיט און פון דער פעדעראַלער רעגירונג דרינגען אַריין איינע אין דער אַנדערער. איך האָב געזען, ווי עס ווערן געפירט שטרייטן און געריכט־פּראָצעסן וועגן אָט־דעם מין יורידיקציע. איך האָב געזען אַ פאַרשיידנאַרטיגקייט פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע אין אַ לאַנד, וואָס איז פאַראייניגט דורך אַ ריזיגן עקאָנאָמישן ציל. איך האָב געהאַט אַ הויכע מיינונג וועגן דעם פּראַקטישן שכל פון די אַמעריקאַנער. צו וואָס דערלויבן זיי אַזאַ פּלאָנטער אין זייער רעגירונגס־סיסטעם? פאַרוואָס באַזייטיגן זיי ניט אָט־דעם פּלאָנטער אין די אינטערעסן פון דעם גרויסן ציל?

„ס'איז גאָר קיין חידוש ניט" — האָבן מיר מיינע פריינט דערקלערט, — „דער דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער אינטערעסירט זיך גאָרניט מיט דער רעגירונג־סיסטעם. ער איז פאַראינטערעסירט אין מאַכן אַ לעבן. דאָס וואָס קומט פאָר אין אָלבאַני אָדער אין וואַשינגטאָן, ציט־צו זיין אויפמערקזאַמקייט בלויז דעמאָלט, ווען דאָרט קומט פאָר אַ סקאַנדאַל. דאָס רוב ווייסט ער אַפילו ניט וואָס פאַר געזעצן עס ווערן דורכגעפירט אין קאָנגרעס און אין די לעדזשיסלעיטשורס."

איך האָב געמוזט צוגעבן, אַז אָט־די בייסיגע באַמערקונגען שטימען מיט דער ווירקלעכקייט. בדרך כלל זיינען די איינוואוינער ניט געווען פאַר־

אינטערעסירט אין די דעבאטן אין קאנגרעס. בעת אין ענגלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך און אפילו אין רוסלאנד, נאכדעם ווי ס'איז איינגעפירט געווארן די דומא אין 1906, האבן די ציימונגען רעגולער באריכטעט וועגן די פאסירונגען אין די פארלאמענטן, זיינען אין אמעריקע פארבייגעגאנגען עטלעכע טעג נאכאנאנד אן א געגויעם באריכט אין דער פרעסע וועגן די גע־שעענישן אין קאנגרעס. כדי זיך צו דערשלאגן צו א פלאץ אין די ציימונגען האבן קאנגרעסלייט אדער סענאטארן געמוזט ארויסקומען מיט עפעס א סענסאציאנעלער רעדע.

מיינע פריינט, צווישן וועלכע עס זיינען געווען — איך מוז דאס צוגעבן — א סך אנטוישטע אימיגראנטן, האבן דאס אויסגעטייטשט שוין צו איינ־פאך. דעם דורכשניטלעכן אמעריקאנער, האבן זיי געזאגט, ארט עס ניט, וואס דער קאנגרעס טוט אדער פארפעלט צו טאן. ער איז גאנץ זיכער, אז זיינע געשעפטן וועלן זיך דערפון ניט ענדערן, זיינע פונדאמענטאלע רעכט וועלן ניט אנגערירט ווערן. דאס איבעריגע ארט אים ניט. עס איז הויך־פאליטיק. און פארוואס זאל א בירגער זיך אינטערעסירן מיט הויך־פאליטיק, אויב דאס רירט אים ניט אן פערזענלעך? אינטעלעקטועלע נייגיריגקייט איז אפשר א גוטע זאך, נאר דאס איז אן ענין פאר אינטעליגענטן. די פאלקס־מאסע אין אמעריקע איז פאליטיש נישט־אנטוויקלט.

איך האב זיך צוגעהערט צו אזוינע מיינונגען און זיך געוואונדערט. זיינען טאקע די אמעריקאנער נישט־אנטוויקלט פאליטיש? איז עס מעגלעך, אז מיט אלגעמיינער סקול־בילדונג, מיט א פארצווייגטער פרעסע, מיט אזוי פיל פאליטישער אגיטאציע פארשטייט נאך דאס פאלק אלץ ניט די פונדא־מענטאלע שטריכן פון דער פאליטישער סיסטעם — אויף אזוי ווייט, אז די פאלקס־מאסן זיינען גלייכגילטיג צו דער טעטיגקייט פון דער פאליטישער סיסטעם? איז עס דען ניט קלאר, אז די געזעצן, וואס דער קאנגרעס נעמט־אן, זיינען לעבנס־וויכטיג פאר דעם דורכשניטלעכן בירגער? הענגט דען ניט אפ דער מאטעריעלער וואוילזיין פון דעם בירגער אין א גרויסער מאס פון די געזעצן, וואס ווערן דורכגעפירט אין וואשינגטאן צי אין דער הויפט־שטאט פון סטעיט? איך האב אנגעגעבן ווי א ביישפיל די פראגע פון טאריף. א הויכער טאריף מיינט העכערע פרייזן אויף לעבנס־מיטלען. אמעריקאנער פאבריקאנטן זיינען באשטימט פאראינטערעסירט צו „באשיצן" זיך געגן אויסלענדישער קאנקורענץ. דער געברויכער, פון דער אנדערער זייט, איז פאראינטערעסירט צו צאלן וואס ביליגער פאר די סחורות, וואס ער דארף האבן. דער ווילן פון די פאבריקאנטן ווערט דורכגעפירט אין קאנגרעס,

אָבער די מאַסע געברויכער, זאָגט מען, איז גלייכגילטיג צו די האַנדלונגען פון דעם קאָנגרעס. ווי ליגט זיך דאָס אויפן שכל?

די צאָל אַזוינע פראַגן איז געוואָרן אַלץ גרעסער. איז עס מעגלעך, האָב איך געטראַכט, אַז די איינגנטימער פון גרויסע רייכטימער האָבן ניט בלויז דעם פאָרצוג פון עקאָנאָמישער מאַכט, נאָר זיי באַזיצן אויך אַ דאָמינירנדיגע פּאָליטישע מאַכט? פאַרוואָס פּאַסירט עס גראָד אַזוי, אַז די וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין געזעצגעבונג לטובת דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס קאָנען באַאיינפלוסן דעם קאָנגרעס, בעת די וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין געזעצגעבונג לטובת דעם פאָלק קאָנען דעם קאָנגרעס ניט באַאיינפלוסן? וואָס איז דער אונטערשייד צווישן דער דעמאָקראַטישער און דער רעפּוב־ליקאַנער פּאַרטיי חוץ דעם, וואָס די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי וויל נאָך אַ העכערן טאַריף, ווי דער, וואָס די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי שלאָגט פאָר? פאַר־וואָס קומט ניט אַרויס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין קאָנגרעס מיט געזעץ־פּראָיעקטן אין די אינטערעסן פון פאָלק? קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן, אַ סאָציאַליסט, האָט דעמאָלט פאַרטראָטן זיין פּאַרטיי אין וואַשינגטאָן און איז דאָרט געווען אַ נעבעכדיגע פיגור. מיין איינדרוק איז געווען, אַז זיין הויפּט־אויפגאַבע איז צו געפעלן זיינע קאָלעגן פון די אַנדערע פּאַרטייען. ער האָט מסתמא געליטן פון אַ שטאַרקן אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט גענומען קיין זעלבסטשטענדיגע שטעלונג און האָט קיינ־מאָל ניט געלאָזט הערן זיין שטים אויף אַן אויטאָריטעטן אופן. איך האָב גאָרנישט ניט געקאָנט האָבן צו די בירגער, וואָס האָבן אים געשענקט קנאַפּע אויפמערקזאַמקייט, נאָר איך האָב זיך געפרעגט: פאַרוואָס קאָנטראָלירט ניט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איר פאַרטרעטער? פאַרוואָס רעדט זי ניט צום לאַנד דורך אים?

אין איירָאָפּע איז אָנגעגאַנגען אַ מורא׳דיגע מלחמה. איך האָב גע־פּרואווט ציען אַ ליניע צווישן רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטן אין דער דאָזיגער ברענענדיגער פראַגע פון מלחמה, נאָר כ׳האָב קיין אונטערשייד צווישן זיי ניט געפונען. איך האָב געפּרואווט פעסטשטעלן די פּאָזיציע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דער דאָזיגער פראַגע און כ׳האָב גאָרנישט ניט פעסטגעשטעלט. דער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן האָט גע־רעדט וועגן פרידן. ער האָט שפּעטער געשאַפן די פראַזע, אַז „אַמעריקע איז צו שטאָלץ צו שלאָגן זיך”. דאָך האָט זיך אַמעריקע געהאַלטן אין „צוגרייטן”. דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט איז געווען דער פאַרפאַסער פון דעם בוך „די נייע פרייהייט”. דאָך האָט ער שפּעטער געשיקט סאָלדאַטן קיין מעקסיקאַ,

וואָס דאָס איז געווען אַ קלאָרע פאַרלעצונג פון די סואווערענע רעכט פון יענער שכנה'שער מלוכה. פאַרוואָס?

איך האָב זיך ניט געקאָנט צוגעוואוינען צו דער צוויי־פּאַרטיי סיסטעם און צום פאַקט, אַז דער פּרעזידענט איז געווען אַ פאַרטרעטער פון זיין פּאַרטיי. איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין די פּאָליטישע סיסטעם, אין וועלכער צוויי פּאַרטייען זיינען ענלעך איינע צו דער צווייטער אין אַלע וועזנטלעכע שטריכן און אין וועלכער ס'איז אַ מין ירושה־זאַך פאַר מיליאָנען בירגער צו שטימען פאַר דער פּאַרטיי צי פאַר יענער. כאָטש איך בין נאָך ניט געווען איבערצייגט אין דעם, האָב איך אָבער אָנגעהויבן צווייפלען צי דער קאָנגרעס פאַרטרעט טאַקע דעם ווילן פון פאָלק.

געווען איז דאָס, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אין דעם ווינטער פון 1915־1916, ווען פּרעזידענט ווילסאָן האָט פאַרעפנטלעכט אַ סטעיטמענט צו דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, ווי איר טיטולערער פירער. מר. ווילסאָן איז באַשטאַנען דערויף, אַז זיין פּאַרטיי זאָל דורכפירן אַ געוויסע פּאָליסי. איך בין בוכשטעבלעך דערשטוינט געוואָרן: איך האָב געמיינט, אַז דער הויפּט פון דער רעגירונג טאָר ניט זיין פּאַרטייאיש. ווי קאָן ווילסאָן, האָב איך געטראַכט, מאַכן אַן אָנשטעל פון פאַרטרעטן מיך און אַנדערע מענטשן, וואָס זיינען ניט קיין מיטגלידער פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אויב ער רעדט אָפן ווי דער פאַרשטייער פון איין פּאַרטיי, כאָטש ער זיצט אין ווייסן הויז ווי דער פּרעזידענט פון דעם גאַנצן פאָלק? ער איז דאָך — האָב איך געטראַכט — פאַרפליכטעט דורכצופירן דעם ווילן פון פאָלק; ער איז דאָך אונטער אַלע אומשטענדן פאַרפליכטעט צו האַנדלען ווי די פאַר־קערפּערונג פון דעם פאָלקס־ווילן. ער קאָן זיך דאָך ניט צעטיילן און איין טאָג זיין דער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן און אַ צווייטן — דער הויפּט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי!

עפּעס טויג דאָ ניט, האָב איך געטראַכט.

איך ווער פאַרשלונגען פון דעם לעבנס־שטראָם

איך האָב געלייענט ביכער וועגן דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע און וועגן דער טעאָריע און פּראַקטיק פון אַמעריקאַנער פּאָליטיק. אין די דאָזיגע ביכער האָב איך געפונען אַ סך ווערטפולע אָנווייזונגען, באַזונדער אין דר. טשאַרלז בירד'ס „קאָנסטיטיושאָן אָוו דהי יונאַיטעד סטעיטס". אָבער די טעאָרעטישע און היסטאָרישע דערקלערונגען האָבן מיר ניט געהאָלפן צו באַ־

נעמען די ווידערשפּרוכן פון דער פּאָליטישערווירקלעכקייט אין אַמעריקע.

דאָס פאַרדריסלעכסטע פאַר מיר איז געווען מיין אייגענע ניט־צוגע־פּאַסטקייט צום אַלגעמיינעם פּאָליטישן בילד אין אַמעריקע. וואָס, האָב איך זיך געפרעגט, קאָן איך און דאַרף טאָן אויף צו פאַרבעסערן די פּאָליטישע סיסטעם? איידער איך האָב זיך געקאָנט געבן אַן ענטפער אויף אָט־דער סוביעקטיווער פראַגע, האָב איך, פאַרשטייט זיך, געדאַרפט פאַרענטפערן די ברייטערע פראַגע: וואָס דאַרף אויסגעבעסערט ווערן אין דער אַמעריקאַנער סיסטעם? מיט וואָס טויג זי ניט? וואו איז דער קוואַל פון די אַלע ווידער־שפּרוכן?

איך האָב קיין קלאָרן ענטפער ניט געקאָנט געפינען און כ׳האָב זיך גע־פילט פאַרלאָרן. מסתמא זיינען די מערסטע מענטשן אַזוי געבויט, אַז אומ־זיכערקייט פאַלט ווי אַ לאַסט אויף זייער געמיט. איך ווייס, אַז איך לייד דערפון. איך מוז וויסן, וואו איך געפין זיך, וואָסער פּאָזיציע איך פאַרנעם. איך מוז האָבן אַ באַשטימטן וועג פאַר זיך. איך מוז וויסן, וואו איך דאַרף אָנווענדן מיינע כחות, מיין טעטיגקייט. איך פיל באמת אומגליקלעך, ווען איך געפין זיך אין אַ צושטאַנד פון אומזיכערקייט.

אין די ערשטע צוויי יאָר פון מיינע וואַנדערונגען דורך דעם פּלאָנטער פון אַמעריקאַנער פּאָליטיק און סאָציאַלן לעבן האָב איך וואָס אַ מאָל געפילט אַלץ שטאַרקער די לאַסט פון ניט זיין צוגעפּאַסט. כ׳האָב באַלד פון אָנהויב אָפּגעוואָרפן די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי ווי אַן אַגענטור, וואָס זאָל קאָנען פאַרענטפערן מיינע פראַגן און ספקות. איך בין געבליבן אַ סאָציאַליסט אין האַרצן. כ׳האָב אָנגעהאַלטן מיין מיטגלידערשאַפט אין דער פּאַרטיי, אָבער מיט יעדן חודש בין איך אין איר אַלץ מער אַנטוישט געוואָרן. איך האָב געוואָלט זיין אַ בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, כאָטש כ׳האָב געדאַרפט וואַרטן דריי אָדער פיר יאָר, ביז כ׳וועל קאָנען קריגן בירגער־פּאַפּירן. כ׳האָב געוואָלט זיין אַ בירגער אין מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיג־קייט, אין מיין נוצלעכער ארבעט פון מיינע נייעם לאַנד. אָבער ווי אַזוי האָב איך דאָס געקאָנט טאָן? דורך וועלכן סאָרט טעטיגקייט?

אויף אָט־דער פראַגע האָב איך קיין ענטפער ניט געקאָנט געפינען.

דערווייל איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען אין אַ פאַרביגער און אָפּטמאָל צויבערדיגער פּראָצעסיע. מיט באַפרידיגונג האָב איך באַמערקט, אַז איך פיל זיך אַלץ מער און מער אין דער היים אין דעם געפּילדער און דער צע־טומלעניש פון דער גרויסער שטאָט. די גאַסן האָבן אויסגעזען באַקאַנט, און דאָס איז געווען אַן אמת׳ע באַפרידיגונג. כ׳האָב געקאָנט לייענען און פאַר־

שטיין אַלע שילדן — און אויך דאָס איז געווען אַ טריסט. די מענטשלעכע טיפּן פון דער גרויס־שטאָט האָבן זיך געלאָזט אַלץ גרינגער דערקענען מיט איין בליק, און דאָס האָט מיר געהאָלפן זיך אָריענטירן. אין דעם געפילדער האָבן זיך געלאָזט אַנטדעקן געוויסע עלעמענטן פון האַרמאָניע — די אומ־געהויערע מוזיק פון אַ וועלט־שטאָט, און דאָס איז געווען צויבערדיג. דער געפילדער גופא האָט מיך שוין מער ניט פריטשמעליעט אַזוי ווי פריער. די מענטשן זיינען מיר פאַרגעקומען מער פריינטלעך און צוגענגלעך. זיי האָבן פאַרשטאַנען מיינע פראַגן, וואָס כ'האָב זיי געשטעלט אויף ענגליש, און איך האָב פאַרשטאַנען זייערע ענטפערס.

די לאַנדשאַפט פון די דאָרפישע געגנטן אויסערן שטאָט האָט שוין מער ניט אויסגעזען ווי אַן איבעררייס צווישן איין גרופּע פאַבריקן און אַ צווייטער, ווי אַ סטעזשקע דורך ברוקירטע, אַספאַלטענע גאַסן און אייזערנע צאַמען. ס'איז מיר געוואָרן גרינג און היימלעך אויפן לאַנד — אַ פּלאַץ צום רוען און פאַרברענגען. כ'האָב געפונען ערטער אויף דער דזשוירזי־זייט פון האָדסאָן, וואו דיביימער זיינען געווען געדיכט און שאָטנדיג, וואו דאָס גראָז איז געווען אָנציענדיג, דער גערויש פון אויטאָמאָבילן — איבערגעריסן. ס'האָטווירקלעך אויסגעזען ווי אויפן לאַנד, אויף אַ דאַטשע.

דאָס לעבן האָט אָנגעוואוירן אַ סך פון די קליינינקע, פאַרדריסלעכע ערגערנישן און האַרטע פונקטן, אָן וועלכע כ'האָב זיך פון אָנהויב אָנגע־שטויסן. איך האָב זיך אָנגעהויבן איינלעבן אין דעם לאַנד, אַקלימאַטיזירן.

מיין ערשטע וואַקאַציע ביים ים איז פאַר מיר געווען אַן אויפרודערנדיגע געשעעניש. איך האָב זיך באַזעצט אין אַ באַנגעלע אין שכנות מיט אַ פאַמיליע. דאָס שטיבל — אַ הילצערנע, ניט־ממשות'דיגע געביידע — איז געשטאַנען ביים סאַמע ברעג. שורות נאָך שורות אַזוינע באַנגעלעך האָבן באַדעקט דעם „ביטש". איך בין אַהין אָנגעקומען מיט אַ טאָג צוויי פריער, איידער די פאַמיליע האָט זיך אַריינגעקליבן, און האָב געהאַט דאָס גאַנצע „הויז" פאַר זיך. איך בין געווען איבערראַשט צו געפינען אין אַזאַ שטיבל פיל באַקוועמלעכקייטן פון אַ מאָדערנער שטאָט. דאָס באַנגעלע האָט געהאַט גאַז און עלעקטרישע באַלייכטונג, און די וואַסער־פּאָמפּע איז געווען עטלעכע שפּאַן פון הויז. לופט איז געווען איבערגענוג, זונליכט — וויפיל דאָס האַרץ גלוסט, און דעם ים איז געווען אַ דערקוויקעניש.

מיר איז קיינמאָל פריער ניט אויסגעקומען צו וואוינען אַזאַ לאַנגע צייט נאָנט צום ים. און דאָ בין איך געווען דער גאַנצער באַלעבאָס איבער אַ הויז, וואָס האָט געהאַט דעם גאַנצן אָקעאַן פאַר זיך, אַזוי צו זאָגן. שעה'ן־לאַנג

האָב איך זיך צוגעקוקט ווי די כוואַליעס שווענקען צום ברעג־צו. כ'האָב געקוקט אויף דער אָפּשפּיגלונג פון דער ליכט אין אָט־דער באַוועגלעכער, בליסטשענדיגער פליסיגקייט, נאָכגעפאָלגט דעם שוים, וואָס די כוואַליעס האָבן איבערגעלאָזט אויפן זאַמד, געמאָסטן דעם צופלוס דורך אַריינשטעקן שטיקלעך האָלץ אין זאַמד און נאָכקוקן ווי די וואַסערן רוקן זיך אַלץ נענטער און פאַרשלינגען די אַריינגעשטעקטע העלצלעך. כ'האָב זיך געבאָדן שעה'ן נאָכאַנאַנד, און ס'איז געווען אַן אמת'ע פרייד אויסצושטעלן דעם קערפּער צו דער זון.

כ'האָב באַזוכט די דערבייאיגע באָד־פּלעצער, באַזונדער—קאָני־איילענד, וואָס האָט נאָך דעמאָלט ניט געהאַט קיין „באָרדוואָק". הונדערטער טויזנטער מענטשן האָבן אין זיך איינגעזאַפּט די זון אויף די זאַמדיגע ברעגן, האָבן זיך געבאָדן אין די געזאַלצענע וואַסערן און אין דער מונטערער לופט. געשרייען, פּייפעררייען, געזאַנג, געלעכטער. אַזוי פיל יונגע מענטשן. אַזוינע פרעכטיגע קערפּערס.

דעמאָלט, ביים ים, האָב איך צום ערשטן מאָל פאַרשטאַנען פאַרוואָס אַמעריקאַנער יונגע מענטשן זיינען אַזוי גוט געבויט, האַלטן זיך אַזוי גראַציעז, זיינען אַזוי באַוועגלעך. אַלע האָבן זיי געקאָנט שווימען, און האָבן יעדן זומער פאַרבראַכט ביים ים אַזוי אָפט און אַזוי לאַנג, ווי ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. זיי האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די שטאָטישע בגדים און פריי־געלאָזט זייערע גלידער. זיי האָבן איינגעזאַפּט זונליכט, האָבן געטאַנצט, געמאַכט איבונגען, געשפּילט באַל און אַרויסגעיאָגט פון זייערע קערפּערס דעם שטאָטישן גליווער.

איינמאָל אויף אַ שפּאַציר איבער בראַיטאָן ביטש האָט מיינער אַ פריינט, אַ אידישער מאָלער, צו מיר באַמערקט:

„דאָס אידישע פאָלק האָט אין אַמעריקע דורכגעמאַכט אַ פיזישן ווידער־געבורט. גיט אַ קוק אויף אונזער יונגן דור."

מיין פריינט איז געווען גערעכט. צווישן די מאַסן, וואָס האָבן זיך געלאָזט וואויל־גיין ביים ים, זיינען געווען אַ סך אידישע מענער און פרויען. די איינגערע פון זיי זיינען זיכער געווען אַנדערש, ווי די אידישע יונגעלייט און מיידלעך אין רוסלאַנד, פּוילן און גאַליציע. זיי האָבן אויסגעזען ווייניגער פאַר'דאגה'ט. זייערע באַוועגונגען זיינען געווען פריי. זייערע קערפּערס זיינען געווען אַטלעטיש־אַנטוויקלט. זיי האָבן געשטיפט, זיך געבאָדן און געשפּילט געימס מיט זאָרגלאָזער פרייד. אַמעריקע איז אַ גוט לאַנד פאַר זיי, האָב איך געטראַכט.

כ׳האָב, פאַרשטייט זיך, געוואוסט, אַז ס׳איז פאַראַן אויך אַ צווייטע זייט פון דעם בילד. כ׳האָב אויסגעפונען, אַז דאָס רוב פון אָט־די טויזנטער יונגע אַמעריקאַנער אידן האָבן געקוקט מיט אַ מין פאַראַכטונג אויף דעם עלטערן דור אידן דערפאַר, וואָס יענע האָבן ניט גערעדט קיין ענגליש אָדער גערעדט מיט אַן אַקצענט און גרייזן, און האָבן זיך ניט באַפרייט פון זייערע היימישע „גרינע" מאַנירן און פירונגען. דאָך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז טיילווייז די שולד פון די עלטערן, וואָס זיינען אַזוי פריטשמעליעט געוואָרן דורך די נייע פירונגען און שווערינקייטן אין אַמעריקע, אַז זיי האָבן ניט באַוויזן מיטצוטיילן זייערע קינדער די שיינע מידות און קולטור־ווערטן, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון יענער זייט ים.

אָבער דאָ ביים ברעג ים, פּנים צו פּנים מיטן אָקעאַן און דער העלער זון, האָבן אַלע מיינע ספקות און אַנטוישונגען אַנגעוואוירן זייער שאַרף. איך האָב פאַר זיך געזען אַמעריקע אויף וואַקאַציע, אַ פרייע, גליקלעכע, לעבנס־פריידיגע מאַסע, וואָס רייסט זיך צו שפּיל און געזונטע פאַרגעניגנס, און לאָזט זיך וואוילגיין.

איך דערזע דעם גיהנום ביי פאָרד׳ן

ביים ברעג ים, ניט ווייט פון מיין באָנגעלע, איז איינמאָל אין אַן אָוונט איינגעאָרדנט געוואָרן אַ „מאַרשמעלאָו ראָוסט", אַ מין קעמפּ־פייער, וואו מ׳האָט געבראָטן „מאַרשמעלאָוס" און פאַרבראַכט געמיטלעך. געקומען זיינען עטלעכע צענדליג מענטשן. צווישן זיי זיינען געווען סקול־לערער, סטודענטן, אַ פּאָר אינזשענערן, אַ קאָלעדזש־פּראָפעסאָר, עטלעכע אַרבעטער, עטלעכע צייטונגס־לייט. ס׳איז געווען זייער אַ לייכטער און געמיטלעכער „איינפאָל". מ׳האָט צעלייגט אַ פייער, און כדי אָנצוהאַלטן דעם פייער, האָבן זיך די מענער אַרויסגעלאָזט איבערן זאַמד זוכן האָלץ. אַנדערע זיינען אַפילו אַרויס־געשוואומען צו כאַפּן ליידיגע פעסלעך און קלעצער אין דעם געשווענק פון ים. אַלע האָבן, נאַטירלעך, געטראָגן באָד־אָנצוגן. אין דער מאָס ווי דער פייער איז געוואָרן העלער, איז געשטיגן די לוסטיגע שטימונג פון די אַרומיגע. ס׳איז געווען אַ מונטערע גרופּע מענטשן, מונטער מיט איר יוגנט, מיט לעבנס־לוסט, מיט אויסטאָן זיך פון די טאָג־טעגלעכע דאגות און רוטין. ס׳האָט זיי פּשוט הנאה געטאָן, וואָס זיי לעבן אויף דער וועלט. זיי האָבן געזונגען און זיך געוויצלט און דערציילט אַנעקדאָטן און אָרגאַניזירט פּאָלק־טענץ. צו־לעצט, ווען מ׳האָט געבראַכט די „מאַרשמעלאָוס", האָט יעדער

גאַסט געקראָגן אַ שטעקן, אַרויפגעשטאָכן די ווייסע, ווייכע מאַסע און זי געבראָטן אין פייער. דערביי האָט איינער ביים אַנדערן געזוכט אַוועקצורייסן זיין חלק. דאָס איז געווען דער הויפּט־פּונקט פון דעם לוסטיגן אָוונט ביים **ברעג ים.**

ס'איז מאָדנע, ווי אָט־דער אומוויכטיגער עפּיזאָד האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז ניט גלאַט אַזוי אַ צוזאַמענקונפט פון עטלעכע מענטשן ביים ברעג ים, נאָר אַז ס'איז אַ כאַראַקטעריסטישע און סימבאָלישע דערשיינונג. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט דאָס ריזיגע לאַנד באַוואַשן פון צוויי אָקעאַנען. פּונקט ווי די גרינלעכע כוואַליעס האָבן געשווענקט דעם ברעג לעבן מיין באָנגעלע, אַזוי שווענקען זיי די ברעגן אויף טויזנטער מיילן די לענג, די ברעגן פון אַטלאַנטיק און פון פּאַסיפיק. מיליאָנען אַמעריקאַנער פאַרלאָזן די שטעט אין די זעלביגע טעג און שעה'ן און קומען אַרויס צו באַגריסן זייערע אָקעאַנען, קומען אַנטקעגן זייער זון. אַ גאַנץ פאָלק אַרומגענומען פון די וואַסערן פון זייערע אָקעאַנען!

אין האַרבסט און ווינטער פון 1915־1916 בין איך אַרויסגעפאָרן אויף אַ לעקציע־טור איבער די וויכטיגסטע שטעט אויף דער מזרח־זייט פון שיקאַגאָ. נאָך ניו יאָרק איז פאַר מיר קיין זאַך ניט געווען קיין איבעראַשונג. בלייבנדיג צוויי אָדער דריי טעג אין אַ שטאָט, האָב איך ניט געקאָנט פעסטשטעלן איר אינדיווידועלע פיזיאָגנאָמיע אָדער באַשרייבן איר אייגנטימלעכע שיינקייט. באָסטאָן איז געווען אַנדערש ווי ניו יאָרק, אָבער פילאַדעלפיע איז מיר פאָרגעקומען שטאַרק ענלעך אויף ברוקלין, בעת דעטראָיט האָט, דאַכט זיך, גאָרניט געהאַט קיין אייגענעם פּנים. פּיטסבורג האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיגע סלאַם־געגנט, און שיקאַגאָ איז געווען פאַראומערט און אומבאַהאָלפן. ערשט נאָך דעם, ווי איך האָב עטלעכע מאָל באַזוכט יענע שטעט, האָב איך אָנגעהויבן אָפּשאַצן זייער אייגנאַרטיגקייט אין פּרט פון אַרכיטעקטור און דעם גייסט און קאָלאָריט פון גאַסן־לעבן.

אויף די אַלע רייזעס האָט איין שטריך דאָמינירט איבער אַלע אַנדערע: די באַקוועמלעכקייט פון אַמעריקאַנער לעבן און די זעלביגקייט פון דעם לעבנס־שטייגער. איינס איז געווען צונויפגעשמאָלצן מיטן צווייטן. דער אַמעריקאַנער האָטעל איז מיר פאָרגעקומען ווי אַ זעלטענע אינסטיטוציע. אין אייראָפּע האָב איך ניט געזען אַזוינע האָטעלן, וואו די געסט און די צופעליגע אַריינגייער האָבן זיך אין אַ גלייכער מאָס געפילט ווי אין דער היים, וואו אַלע באַקוועמלעכקייטן זיינען געווען צוגענגלעך פאַר אַלעמען און וואו קאָמפאָרט איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. אין אייראָפּע האָט

אַ פּרעמדער מענטש ניט געקאָנט אַריינגיין אין אַ לאָבי פון האָטעל, זיך אַוועקזעצן ביי אַ באַקוועמען שרייב־טיש, באַנוצן דאָס פּאַפּיר און שרייב־געצייג פון האָטעל און זיך שאַפן מיט דעם שיק־אינגל, גלייך ווי יענער וואָלט געווען זיין פּערזענלעכער דינער; בלויז אין די רייכסטע האָטעלן אין אייראָפּע האָט מען געפונען וואַנעס און שפּריץ־בעדער אין יעדן צימער און די אַנדערע באַקוועמלעכקייטן, וואָס פאַר אַן אַמעריקאַנער האָטעל זיינען זיי געווען אַ וואָכעדיגער גאַנג.

די זעלביגקייט פון לעבנס־שטייגער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם פאַקט, וואָס יעדער האָטעל האָט געהאַט אומגעפער די זעלביגע באַקוועמלעכקייט, די זעלביגע מעבל, די זעלביגע טעפּיכער, דעם זעלביגן מין בעט־צייג, דעם זעלבליגן סטיל פון פאַרבעטן די בעט. דער אונטערשייד צווישן דעם טייערן און בילינן האָטעל איז געווען אַן אונטערשייד אין דער קוואַליטעט פון דער אויסשטאַטונג און אין דער גרויס פון די צימערן.

ווי אַ לעקטאָר, בין איך איינגעלאַדן געוואָרן אין אַ סך פּריוואַטע הייזער. כ'האָב יעדן אָוונט אין יעדער שטאָט פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון אינטעליגענטן און אַרבעטער. איך האָב געזען, אַז זייערע וואוינונגען זיינען אומגעפער פון דעם זעלביגן שניט, און אויך זייער מעבל, זייער געשיר און אפילו זייערע מאכלים.

אויף יענע רייזעס האָב איך געקראָגן אַ בליק איבער דער אינדוסטריעלער אַמעריקע. מיינע איינדרוקן אויף דעם דאָזיגן געביט זיינען געווען גאָרניט קיין יום־טוב'דיגע. אין דעטראָיט האָט מען מיך געפירט אָנקוקן פאָרד'ס מאָטאָר־פאַבריק אין האַילאַנד פּאַרק, און איך האָב געזען, ווי דער „בעלט" אַרבעט. אַ פאַבריק איז פאַר מיר ניט געווען קיין נייעס. איך האָב שטודירט פּאָליטישע עקאָנאָמיע אין דייטשלאַנד, און אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפעסאָר אַבערהאַרד גאָטהיים האָבן זיינע סטודענטן צוויי יאָר נאָכאַנאַנד פאַרבראַכט כמעט יעדן שבת אין איינער פון די אַרומיגע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. איך בין געווען אין שמעלצערייען, אין קאָוק־ברענערייען, אין מאַשין־בוי פאַבריקן, אין גרויסע מילן, אין זייף־פאַבריקן, אין דרוקערייען, אין עלעקטרישע און גאַז־סטאַנציעס, און האָב זיך אַזוי אַרום באַקענט מיט די אינדוסטריעלע פּראָצעסן דורך פּערזענלעכער באַאָבאַכטונג. דייטשלאַנד איז געווען באַקאַנט מיט איר פירנדיגער פּאָזיציע אויף דעם געביט פון אינדוסטריעלן פאָרטשריט, און דייטשלאַנד איז בשום אופן ניט געווען מילד צו אירע אינדוסטריעלע אַרבעטער.

אָבער דאָס, וואָס כ'האָב געזען ביי פאָרד'ן, איז מיר פאָרגעקומען מער ווי אַ גיהנום, איידער אַן אינדוסטריעלע אונטערנעמונג. זייט-ביי-זייט זיינען די אַרבעטער געשטאַנען אין אַ הייסער אַטמאָספערע, מיט שאַרפע נעאָן-לאָמפּן איבערן קאָפּ. די לאַנגע געביידע איז געווען אָנגעפילט מיט אַן אומ-דערטרעגלעכן גערויש. די לופט איז געווען שטיקנדיג. די אַרבעטער זיינען געשטאַנען עלנבויגן צו עלנבויגן, מערסטע פון זיי — אָן רעקלעך. צווישן ריי רייען אַרבעטער האָט זיך באַוועגט דער „בעלט" — ריטמיש, אָן אויפהער, אָן רחמנות. אַן אַרבעטער האָט געמוזט אַ כאַפּ טאָן עפּעס אַ גליד פון דעם מאָטאָר פון אַ דערבייאיגן הויפן און אים מיט בליץ-שנעלע באַוועגונגען צופעסטיגן צום „קערפּער" פון דעם מאָטאָר, וואָס האָט גערוט אויפן „בעלט". ער האָט געמוזט אַריינפּאַסן און צושרויפן דעם טייל צום מאָטאָר, אָדער דער „בעלט" האָט זיך אַוועקגערוקט צום צווייטן אַרבעטער. און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אויסצוגלייכן און אויפהויבן דעם קאָפּ, איז שוין לעבן אים געווען אַ צווייטער מאָטאָר. ווידער האָט ער געמוזט אַ כאַפּ טאָן דאָס געהעריגע שטיקל, דאָס איינפּאַסן, צושרויפן און פאַרפעסטיגן, בעת דער „בעלט" האָט געהאַלטן בוכשטעבלעך אין אַנטלויפן פון אים צום צווייטן אַרבעטער. דאָס גאַנצע בילד פון דעם „בעלט" און פון די אַרבעטער, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַזוינע משונה'דיגע, סטאַנדאַרדיזירטע קרימענישן און באַוועגונגען פון זייערע קערפּערס, איז געווען ווי עפּעס אַ מאַסן-פיבער אָדער אַ מורא'דיגער אומהיימלעכער טאַנץ.

ס'האָט אויסגעזען אוממענטשלעך. אפשר קאָן דאָס אַ מענטש אויס-האַלטן צען מינוט, אפשר אַ שעה, האָב איך געטראַכט. אָבער ווי איז עס מעגלעך אַזוי אָפּצושטיין אַכט שעה נאָכאַנאַנד? זעקס טעג אַ וואָך? ווי קאָן דאָס זיין?

אָט זיינען אייערע אַמעריקאַנער, האָב איך געטראַכט, די פריי-געבוירענע בירגער פון אַ גרויס לאַנד! מיר האָבן געלייענט וועגן שקלאַפעריי, וועגן אַרבעטן אונטער אַ בייטש. דאָ איז קיין בייטש ניט נויטיג. דער „בעלט" באַוועגט זיך מעטאָדיש, דער „בעלט" האָט זיינע אייגענע געזעצן, זיין אייגן לעבן. דער אַרבעטער איז בלויז אַ צוטשעפּעניש צום „בעלט". און אָן ווערטער, אָן אַ בייטש, זאָגט דער „בעלט": „אַרבעט, צום טייוול, אַרבעט, דו הערסט? מאַך דורך דיינע באַוועגונגען צו דער סעקונדע, בעת דער „בעלט" איז לעבן דיר. דו טאָרסט ניט פאַרשפּעטיגן. ווייל קוים פאַר-שפּעטיגסטו אויף אַ רגע, קוים פאַרפעלסטו צו טאָן דיין אַרבעט צום אויגנ-בליק, ווערט דער גאַנצער „בעלט" צערודערט, די גאַנצע אַרבעט צעשטערט,

און דער פאַבריקאַנט וועט דערפון האָבן פאַרלוסטן, וואָס דאָס טאָר ניט געשען."

מיינע פריינט אין דעטראָיט האָבן מיר ניט געדאַרפט דערקלערן, אַז פאָרד איז איינער פון די רייכסטע מענטשן אין לאַנד: ער איז ניט געווען קיין קאָרפּאָרעישאַן־מאַגנאַט, נאָר אַן אינדיווידועלער פאַבריקאַנט, און זיין פאַרמעגן איז געשאַצט געוואָרן אין אַ ביליאָן דאָלאַר. זיינע אַרבעטער האָט ער געצאָלט פינף דאָלאַר אַ טאָג, דרייסיג דאָלאַר אַ וואָך. מענטשן, וואָס זיינען געווען באַקאַנט מיט דער לאַגע אין דעטראָיט, האָבן מיר דערקלערט, אַז די אַרבעטער האַלטן זיך ניט לאַנג ביי פאָרד'ן, אַז מער ווי צוויי יאָר קאָן דאָרט אַן אַרבעטער ניט אויסהאַלטן.

איז דאָס דער אַמעריקאַנער אַרבעטער? — האָב איך זיך געפרעגט.
— איז דאָס דער אַרבעטער־קלאַס פון אַמעריקע? וואָס טוט די יוניאָן אויף צו פאַרטיידיגן זיינע אינטערעסן? דעם ענטפער האָב איך שנעל אויסגעפונען: ניטאָ קיין יוניאָן. כ'האָב ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. האָט מען מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ביי דעם „הויכן" לוין פון פינף דאָלאַר אַ טאָג איז אַ יוניאָן איבעריג, ווייל די יוניאָן קאָן ניט דערוואַרטן צו קריגן קיין העכערן לוין. אויף דעם געביט פון הויכן לוין, האָט מען מיר געגעבן צו פאַרשטיין, איז פאָרד אַ פּיאָנער.

כ'האָב זיך צוגעהערט און — ניט פאַרשטאַנען.

„ווי איז דאָס מעגלעך?"

כ'האָב געהאַט אַ געוואוינהייט צו אונטערנעמען זעלבסטשטענדיגע שפּאַצירן איבער די גאַסן פון אומבאַקאַנטע שטעט. איך פלעג זיך אַרויסלאָזן מיט אַ גאַס און באַטראַכטן די שטאָט און איינזאַפּן אַלערליי איינדרוקן. אין פּיטסבורג האָב איך אַזוי אַרום געוואַנדערט ביז איך בין אַרויף „אויפן באַרג", אויף יענער זייט באַן־דרעלסן. דעמאָלט, ווי איצט, איז דאָס געווען אַ נעגערישע געגנט. צום ערשטן מאָל האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאָטישער געגנט באַוואוינט פון נעגערס. כ'האָב געהאַט געזען אַ סך אָרעמקייט אין רוסלאַנד. כ'האָב געזען דחקות. אָבער אַזוינס ווי אין פּיטסבורג האָב איך קיינמאָל פריער ניט געזען. אין די דערפער און שטעטלעך פון רוסלאַנד האָט דער פרייער דרויסן צום ווינציגסטן אַריינגעדרונגען אין די אוממענטשלעכע וואוינונגען. ס'איז געווען וואו זיך אַ ריר צו טאָן. די שטיבלעך זיינען געווען נאָענט צו דער ערד, צו דער נאַטור. אין יענער

שוידערלעכער געגנט פון פיטסבורג זיינען אבער די גאסן געווען שמאלע, און די צעפארענע צוויי־ און דריי־שטאקיגע הייזער האבן אויסגעזען ווי פאסטקעס. ארעמקייט איז געקראכן פון יעדער טיר, פון יעדן חושכ'דיגן פענצטער. ארעמקייט איז גערונען איבער די ארייגאנג־טרעפ, האט זיך אויס־געשפרייט איבער די טראטוארן, האט ארויסגעקוקט פון די אויגן פון די הונגעריגע קינדער, האט געשוועבט איבער די אלטע מענער און פרויען, וואס זיינען געזעסן איינגעקארטשעט לעבן זייערע הייזער מיט פארצווייפלטער אומבאוועגלעכקייט. ארעמקייט האט אנגעפילט די קליינע קראמען מיט זייער פאטעטישן פארזוך ארויסצושטעלן אנציענדיגע סחורות. ארעמקייט האט אנגעפילט דעם סאלון אויפן ראג, וואו אויסגעדארטע מענער זיינען געשטאנען און געזעסן גרופעס־ווייז און, קאנטיג, ניט געקאנט זיך פארגינען צו קויפן א טרונק. דער סאמע ריח פון יענע גאסן איז געווען דער ריח פון ארעמקייט. און אזוי פיל גאסן און הייזער אזעלכע! אין ערגעץ האט זיך ניט ארויס־געזען קיין פיצל גארטן, קיין בוים, קיין שטיקל גראז.

וואס העכער און ווייטער איך בין געגאנגען, אלץ ברייטער האט זיך פאנאנדערגעשפרייט דאס מאיעסטעטישע בילד פון דעם אלעגעני־טייך מיט די ארומיגע פאבריקן און זאוואדן. אן אומפארגעסלעך בילד, א פאנאראמע, וואס האט צו זיך קיין גלייכן ניט!

איך האב געמאכט א טור איבערן טאל. איך בין געפארן צענדליגער מייל איבער דער געגנט און געזען שטאל־זאוואדן אויסגעשפרייט איבער צענדליגער אקער לאנד. מאינס און פאבריקן זיינען געקומען איינע נאך די אנדערע אין אן ענדלאזער פראצעסיע. געביידעס איבער געביידעס זיינען אויפגעשוואומען אויף די ארומיגע בערג. בריקן האבן זיך געצויגן פון איין הויכן בערג און א צווייטן און צווישן איין שפיץ בארג און דעם אנדערן. אומעטום זיינען געווען הורבעס קוילן, קופעס אייזן־ארץ, בערג מיט שטאלענע קלעצלעך, רערן, רעלסן, שטאנגען. און ווידער געביידעס, ווידער פאבריק־קוימענס, צו צוויי, צו פיר, אין לאנגע רייען — און אומעטום דער גערויש פון ארבעט, דאס שיפען פון ארויסגעלאזטן דאמף, דער גלי פון פייערן, דאס זשומען פון מאשינעריע, דאס פייפעריי פון באנען. דאס אינדוסטריעלע הארץ פון די פאראייניגטע שטאטן. דער גרעסטער צענטער פון קוילן, אייזן און שטאל אויף דער וועלט.

און איינגענורעט צווישן אט־די ריזן זיינען געלעגן די אינדוסטריעלע דערפלעך, די אינדוסטריעלע שטעטלעך. די גאסן זיינען דארט געווען שטארק ענלעך אויף דער נעגער־געגנט אין פיטסבורג. מיט סאזשע־באדעקטע הילצערנע

הייזקעס, אומבאקוועמע וואוינונגען, שלעכט־געקליידטע מענער און פרויען, ארימאנסקע קראמען. אלץ סימנים פון א נידעריגן לעבנס־סטאנדארד.

איך האב געוואוסט, אז די שטאל־ארבעטער, הונדערטער טויזנטער פון זיי אין יענער געגנט, האבן געארבעט צוועלף שעה א טאג. אז זייער לוין דערלויבט זיי ניט צו לעבן לויט אן אנשטענדיגן אמעריקאנער לעבנס־סטאנדארד, איז געווען קלאר, ווען מ׳האט נאר א קוק געטאן אויף יענע שטעטלעך. אז זיי איז פארבאטן געווען זיך צו ארגאניזירן, אז די שטעטלעך זיינען געווען אינגאנצן אונטער דער הערשאפט פון די קאמפאניס, האב איך אויסגעפונען מיט עטלעכע יאר שפעטער. צו יענער צייט האב איך בלויז געוואוסט, אז זיי האבן ניט קיין יוניאן, אז זיי זיינען אינגאנצן אויסגעשטעלט צום גנאד פון די שטאל־באראנען.

דאס איז געווען אין אמעריקע. דאס זיינען געווען די אמעריקאנער פראלעטאריער — אומארגאניזירט, שלעכט־באצאלט, לעבנדיג אין א צו־שטאנד פון ארעמקייט און דחקות. און דאך איז די אמעריקאנער שטאל־אינדוסטריע געווען די גרעסטע אין דער וועלט.

ווי אזוי איז דאס מעגלעך?

שיקאגא מיט איר בולוואר לענג־אויס דעם מאיעסטעטישן לעיק (אזערע), מיט איר הימל־קראצער אין דער דאון־טאון געגנט, מיט אירע ענגע גאסן און דעם אנשטעל פון ראמאנטישן לוקסוס אין די רייכע געגנטן האט אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק, ווי די שטאט וואלט אומיסטן געזוכט צו שאפן א גינסטיגן איינדרוק אויף א דרויסנדיגן מענטשן. ווי געוויינלעך, האב איך זיך אוועקגעלאזט מיט דער ערשטער גאס ביי מיין האטעל. שפעטער האב איך אויסגעפונען, אז איך בין געגאנגען אין דער דרום־ריכטונג. נאך א שעה שפאצירן בין איך צוגעקומען צו דער געגנט, וואס כ׳האב שפעטער אויסגעפונען, אז דאס איז סאוט שיקאגא. ווען איך האב פארלאזט מיין האטעל איז אין דרויסן געווען שיין און ליכטיג. אין סאוט שיקאגא איז דער טאג אויסגעלאשן געווארן, ווייל איבער דער געגנט איז געהאנגען א רויך. די גאסן זיינען געווען שמאלע, א סך פון זיי נישט ברוקירטע. די הייזער האבן אויסגעזען פאראומערט, די לופט אין געוויסע ערטער איז געווען פאר־סמ׳ט פון די גאזן, וואס זיינען געקומען פון דערבייאיגע פאבריקן. צום ערשטן מאל זינט איך בין געקומען קיין אמעריקע, האב איך זיך דער־שראקן. איך האב געפילט ווי ריזיגע מאנסטערס האבן זיך אויף מיר אנ־גערוקט פון אלע זייטן, מאנסטערס, וואס האבן געבראכן מיט רויך און פייער און סם. די ערד, האט זיך מיר געדאכט, האט געהאלטן ביים עקספלאדירן

מיט א העלישן פייער. דער הימל גופא האט געהאלטן אין איינפאלן איבער אט־די שמאלע גאסן און זיך אראפלאזן אויף זיי מיט א רעגן פון שטאלענע שטאנגען און קלעצער. אין יענע גאסן האבן איך געטראפן א צאל קינדער, וואס האבן זיך געשפילט אין דעם שטויב, וואס איז באשטאנען פון האלב סאזשע און האלב זאמד. זייערע פיגורן זיינען געווען שווארץ, זייערע פנימ'ער אויסגעשמירט מיט סאזשע, זייערע האר דורכגענומען מיט שטויב. זיי האבן געהאט לאנגע העלזער און אויסגעדארטע קערפערס. דאס זיינען דאך זיכער אמעריקאנער קינדער, הי־געבוירענע זין און טעכטער פון דעם גרויסן לאנד. ווי איז דאס מעגלעך?

א צווייטן מאל האב איך זיך אוועקגעלאזט אין דער מערב־ריכטונג. אין צען ביז פופצן מינוט גאנג האב איך הינטער זיך איבערגעלאזט די גאנצע גלאריע און לוקסוס פון דער בארימערישער גרויסער שטאט. די גאסן זיינען אויף ביידע זייטן געווען פארבויט מיט צוויי־ און דריי־שטאקיגע הייזער. וואס ווייטער וועסט איך בין געגאנגען, אלץ קלענער זיינען געווארן די הייזער און אלץ ארעמער האבן זיי אויסגעזען. די געגנט האט אויסגעזען קליין־שטעטלדיג — אפגעשטאנען, אפגעלאזט. די גרעסטע שטאט פון מיטל־וועסט, וואס אין א סך פרטים האט זי איבערגעשטיגן ניו יארק, האט זיך ניט געקאנט פארגינען צו באלייכטן אט־די הייזער מיט עלעקטריציטעט. א סך פון זיי האבן ניט געהאט קיין לויפנדיג וואסער. און אלטע פרוי, האב איך געזען, האט געטראגן וואסער פון א ברונעם עטלעכע בלאק פון איר וואוינונג. שיקאגא איז געווען א גרויסער אינדוסטריעלער צענטער פון די פאראייניגטע שטאטן. ווי אזוי איז דאס מעגלעך?

די אלע זאכן האבן צו מיר געשריען וועגן דער רייכקייט און דעם קאמפארט און דער חנ'עוודיגקייט פון די פארמעגלעכע געגנטן פון דער שטאט. בעת יענע געגנטן זיינען פאר מיר געווען זעלבסטפארשטענדלעך — ווי אנדערש קאן דען זיין דאס רייכסטע לאנד אין דער וועלט? — איז דאס לעבן פון דער מערהייט פון די ארבעטנדיגע מענטשן, ווי כ'האב דאס געזען אויף יענע שפאציר־גאנגען, מיר פארגעקומען גאר אומפארשטענדלעך. כ'קאן ניט זאגן, אז כ'האב ניט דערוואַרט עפּעס ענלעכס. כ'האב געהאט געלייענט וועגן די לעבנס־באדינגונגען פון דעם אמעריקאנער ארבעטער־קלאס. און אנ־הענגער פון מארקסיזם, האב איך געוואוסט, אז דאס איז דער געזעץ פון קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג אומעטום און אז אמעריקע איז אין דעם פרט ניט קיין אויסנאם.

אבער איין זאך איז לייענען וועגן די אלע איבלען, א צווייטע זאך —

דאָס צו זען מיט די אייגענע אויגן. ווען איך בין געקומען פּנים אל פּנים מיט אָט־די דערשיינונגען פון אַמעריקאַנער לעבן, האָב איך זיך דערפילט אומבאַקוועם און אומרואיג. די אַרבעטער פון די שלאַכט־הייזער אין שיקאַגאָ, פון די שטאָל־פאַבריקן אין פּיטסבורג, פון די אויטאָמאָביל־פאַבריקן אין דעטראָיט זיינען געווען מער־ווייניגער געבילדעטע אַמעריקאַנער. זיי האָבן געקאָנט לייענען און שרייבן, מערסטע פון זיי האָבן געהאַט שטימרעכט. מערסטע פון זיי זיינען געווען אַמעריקאַנער בירגער, הי־געבוירענע אָדער נאַטוראַליזירטע. אַלע האָבן זיי געשטרעבט צו אַן אַמעריקאַנער לעבנס־סטאַנדאַרד. זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט זיך צו אָרגאַניזירן. זיי האָבן גע־האַט דאָס רעכט צו גרינדן אַ יוניאָן, צו סטרייקן. פאַרוואָס־זשע האָבן זיי דערלאָזט צו אַזוינע שרעקלעכע באַדינגונגען?

פאַרוואָס איך בין אַריין אין קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט

אינמיטן זומער פון 1916 האָב איך געהאַלטן מיין ערשטע עפנטלעכע רעדע אויף ענגליש. דאָס איז געווען אַ וויכטיגער מאָמענט אין דער געשיכטע פון מיין אַמעריקאַניזאַציע. אָבער די באַדייטונג פון אָט־דעם עפּיזאָד איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן ערשט שפּעטער.

פּאַסירט האָט דאָס אַזוי. איך בין געקומען צו אַ קאָנפערענץ פון פאַר־טרעטער פון אידישע אָרגאַניזאַציעס אין האָטעל אַסטאָר. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויסאַרבעטן פּלענער צו העלפן אידישע מלחמה־געליטענע אין רוסלאַנד און אין פּוילן. די פאַרזאַמלונג איז געווען אַ וויכטיגע, און ס'האָבן זיך באַטייליגט אָנגעזעענע אידישע לאַיערס, געשעפטסלייט, ראַבאַיס און כלל־טוער. די צאָל דעלעגאַטן האָט באַטראָפן אַרום אַ טויזנט. די קאָנ־פערענץ איז אָנגעפירט געוואָרן אויף ענגליש.

איינער פון די רעדנער האָט געמאַכט אַן אומריכטיגע דערקלערונג מיט פאַלשע באַהויפּטונגען. איך האָב געוואַרט, אַז אַנדערע דעלעגאַטן זאָלן אים פאַרריכטן. איך האָב געהאַלטן, אַז די פּראָבלעם איז זייער אַ וויכטיגע. און אַזוי ווי איך בין געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם ענין און האָב געזען, אַז די צייט לויפט און קיינער האָט ניט פאַרריכט די טעות'ן פון יענעם רעדנער און ניט קלאָר געמאַכט די פראַגע, האָב איך אומגעדולדיג אויפגעהויבן די האַנט. דער פאָרזיצער האָט מיר באַלד געגעבן דאָס וואָרט. איך בין געווען אַזוי אויפגערודערט וועגן דעם ענין גופא, אַז כ'האָב גאָר ניט באַמערקט, אַז איך האַלט אַ רעדע אויף ענגליש. אין דעם משך פון

ארום א האלבער שעה האָב איך ווינציג ארגומענטירט אויף צו פאַרטיידיגן מיין שטאַנדפּונקט. ערשט נאָכדעם ווי כ'האָב זיך אוועקגעזעצט און מיין אויפרודערונג האָט זיך איינגעשטילט, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז כ'האָב געהאַלטן מיין ערשטע רעדע אויף ענגליש. נאָך אָט־דער רעדע האָב איך זיך ערשט אָנגעהויבן פילן שרעקעוודיג און שעמעוודיג, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן ארויסטרעטן אויף ענגליש. עס זיינען אוועק צוויי אָדער דריי יאָר, ביז איך האָב אָנגעוואוירן אָט־דעם „זעלבסט־באַוואוסטזיין" אין מיינע רעדעס און לעקציעס אויף ענגליש.

כ'האָב אָבער פאַרט באַהערשט די שפּראַך. ווי א פרעמד־געבוירענער אינטעליגענט, האָב איך, דאַכט זיך, אויפגעטאָן אַלץ, וואָס א מענטש קאָן באַווייזן אין אַזא קורצער צייט, אויף צו ווערן אַמעריקאַניזירט. מיינע פריינט האָבן מיר געזאָגט, אַז אַפילו מיין אויסזען האָט געקראָגן אַן אַמערי־קאַנער שאַטירונג. כ'האָב דערגרייכט, האָבן זיי געזאָגט, א סך מער ווי אַן אַמעריקאַנער־געבוירענער וואָלט דאָס באַוויזן אין אַזא קורצער צייט. איך בין געווען דערפאָלגרייך ווי א שרייבער אויף אידיש און אויף רוסיש, און איצט האָב איך אויך געקאָנט שרייבן אויף ענגליש. דאָס פעלד פון ענגלישן זשורנאַליזם איז, פאַרשטייט זיך, געווען ברייט.

איך האָב געלערנט א סך וועגן אַמעריקע. איך האָב זיך צוגעוואוינט צו דער אַמעריקאַנער סביבה. א סך שטריכן פון אַמעריקאַנער לעבן זיינען מיר שטאַרק געפעלן. וועגן א סך אַמעריקאַנער דערגרייכונגען בין איך גע־ווען באַגייסטערט. איך האָב איצט געקאָנט שפּאַנען אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן מיט מער זיכערקייט און מיט גרעסערע האָפענונגען, ווי צום אָנהויב. איך בין באַרייכערט געוואָרן אין דעם סאַמע פּראָצעס פון פּרוּוון איינזאַפּן און פאַראייגענען דאָס לעבן פון א ניי לאַנד.

דאָס אַלץ איז געווען זייער וואויל. כ'האָב זיך דערוואָרבן א סך פריינט. כ'האָב אָנגעהויבן אַנטוויקלען אינטימע פּערזענלעכע פאַרבינדונגען. דאָס אַלץ איז געווען אויסגעצייכנט. מיין לעבן איז געווען פאַרזיכערט. כ'האָב קיין מורא ניט געהאַט צו פאַרלירן מיין דזשאָב. מיין ארבעט איז ניט געווען קיין שווערע, און כאָטש כ'האָב ניט געקראָגן קיין גאָר גוטן לוין פאַר מיין ארבעט, האָב איך אָבער געקאָנט פירן א גאַנץ באַקוועם לעבן. כ'האָב זיך געקאָנט פאַרגינען צו קויפן ביכער און צו לייענען ביכער, און דאָס איז געווען צווישן מיינע גרעסטע פאַרגעניגנס אין לעבן. איך בין געווען פאַרליבט אין דער ביבליאָטעק־סיסטעם אין ניו יאָרק, און די צענטראַלע ביבליאָטעק אויף דער 42טער סטריט איז געווען מיין באַליבט פּלאַץ צו פאַרברענגען די

פרייע שעה׳ן. צום אָנהויב האָב איך געפילט א באַשטימטן ווידערווילן צו די שטרענגע מאַרמאָרנע קאָרידאָרן, וואָס האָבן אָנגעיאָגט א פּאַראַומערטע שטימונג, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען א סקלעפּ. אָבער מיט דער צייט האָב איך דאָס אויפגעהערט צו באַמערקן, בעת די רחבות פון די גרויסע לייען־זאַלן און די שיינקייט פון די ספּעציעלע אויסשטעלונגען האָט מיך אַלץ מער צוגעצויגן און אַנטציקט.

איך בין געווען אין די בליאונג־יאָרן פון מיין לעבן און האָב געפילט די ברויזעניש פון א מאַסע ענערגיע אין מיין וועזן. וואָס נאָך האָב איך געקאָנט ווינטשן? וואָס נאָך האָב איך געקאָנט דערוואַרטן?

און דאָך האָב איך געפילט עפּעס אַן אינערלעכע ליידיגקייט. כ׳האָב אין מיינע שפּעטערדיגע יאָרן אין אַמעריקע קיינמאָל ניט דורכגעמאַכט אָט־די איבערלעבונג, אָט־די שפּירונג פון אינערלעכער פּוסטקייט. כ׳האָב געהאַט א מאָדנע שפּירונג, גלייך ווי אימיצער אַנדערש אין מיר האָט דורכגעמאַכט די אַלע לעבנס־פונקציעס, בעת איך, דער אמת׳ער איך, האָב דאָס אַלץ באַטראַכט פון א זייט. דער מענטש אין מיר, וואָס האָט געטאָן די אַלע זאַכן, האָט זיך באַנומען אַזוי ווי ס׳באַדאַרף צו זיין; ער האָט געלערנט און איינגעזאַפּט דערפאַרונגען, האָט געאַרבעט און געשלאָסן פריינטשאַפט אָדער זיך דערוואָרבן שונאים, האָט באַוואונדערט און פאַרדאַמט, געשאַפן און קריטיקירט — צוזאַמען מיט ליידנשאַפט — דאָס אַרומיגע לעבן, איינזאַפּנדיג פון דער נייער סביבה אין דעם נייעם לאַנד אַזוי פיל, וויפיל זיינע פיאיגקייטן און זיין צייט האָבן אים געקלעקט.

אָבער אָט־דער מענטש, וואָס האָט די אַלע זאַכן געטאָן, איז געווען אימיצער אַנדערש, ניט איך. ער האָט זיך נאָר געמאַכט אַזוי, ווי ער וואָלט אויף אַן אמת׳ן געלעבט מיט א פולן לעבן. ס׳איז געווען א מין שווישפּיל. איך האָב געהאַט א מאָדנעם געפיל, אַז דאָס אַלץ, וואָס איך טו, איז ניט רעאַל, האָט ניט קיין ממשות, און אַז איך — דער אמת׳ער איך — בין דערביי גאָר נישטאָ.

וואו בין איך דאָס אויף דער וועלט? האָב איך זיך געפרעגט. איך, דער אמת׳ער איך, וואָס בין פולשטענדיג אויפריכטיג מיט זיך אַליין, האָב צו זיך געזאָגט, אַז דער מענטש אין מיר, וואָס פירט אַזאַ לעבן, איז אין דער אמת׳ן ניט אויפריכטיג, אַז ער צווינגט זיך בלויז דורכצומאַכן די אַלע פּראָצעסן, בעת ער אַליין איז גאָר אויסער דעם גאַנצן טומל.

עפּעס האָט דאָ ניט געטויגט. עפּעס האָט ניט געשטימט. קיינער פון מיינע פריינט האָט דאָס ניט פאַרדעכטיגט. מיינע פריינט האָבן געזען ניט

מיך, נאָר יענעם געקינצלטן מענטשן אין מיר, וואָס האָט אויסגעזען צופרידן און האָט פאר זיך געהאַט אַ לויטערן האָריזאָנט, אַן אַ ברעקל וואָלקן.

ווי אַזוי האָב איך זיי געקאָנט געבן צו פאַרשטיין מיין צעצווייטקייט? צומאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס'איז גאַנץ נאַטירלעך פאַר אַן אויסלענדער, וואָס פּרוּווט זיך פאַרשמעלצן מיט אַ ניי לאַנד, אַזוי צו פילן. אָבער פאַר מיר איז אָט־דער געמיט־צושטאַנד געוואָרן ממש אומדערטרעגלעך.

עפּעס מוז געטאָן ווערן. אָבער וואָס? איך מוז דראַסטיש ענדערן מיין סביבה, איך מוז מיט גוואַלט זיך אַרויסרייסן פון זיך אַליין, האָב איך געפילט.

דער אַלטער סטודענט האָט זיך אין מיר אויפגעכאַפּט און מיך באַ־הערשט. איך האָב צו זיך געזאָגט:

— דו ווילסט באַנעמען אַמעריקע. דו ווילסט ווערן אַן אַמעריקאַנער. דו האָסט אויפגעכאַפּט ברעקלעך און פּיצלעך אינפאָרמאַציע וועגן די פאַר־אייניגטע שטאַטן. פאַרוואָס ניט פאַרענדיגן דאָס בילד? פאַרוואָס ניט איינ־גראָבן זיך טיפער אין דעם אידעאָלאָגישן לעבן פון לאַנד? פאַרוואָס ניט טרינקען אין אַ פולער מאָס פון דעם ברייטן שטראָם, וואָס ווערט געשפּייזט פון די הויפּט־קוואַלן פון אַמעריקאַנער גייסטיגן לעבן? און וואו קאָן איך אַזוינס באַווייזן, אויב ניט אין אַ גרויסן אַמעריקאַנער אוניווערזיטעט?

אין סעפּטעמבער, 1916, האָב איך זיך פאַרשריבן אין קאָלאָמביאַ אוני־ווערזיטעט ווי אַ סטודענט אויף העכערע קורסן.

מיינע ערשטע טעג אין קאָלאָמביאַ

אין קאָלאָמביאַ האָב איך זיך דערפילט אין דער היים פון סאַמע אָנהויב. נאָך אַלעמען איז דאָס געווען בלויז אַ פאָרזעצונג פון אוניווערזיטעט־לעבן, וואָס איז מיר געווען אַזוי באַקאַנט און היימיש אין אייראָפּע. דערצו בין איך ממש אַנטציקט און באַצויבערט געוואָרן פון אַ סך נייע שטריכן, וואָס כ'האָב זיי ניט געפונען אין די אוניווערזיטעטן פון אייראָפּע.

דער סאַמע אויסדרוק „קעמפּוס" — די טעריטאָריע פון אוניווערזיטעט מיט אַלע אַנשטאַלטן און טעטיגקייטן פון אוניווערזיטעט־לעבן — איז מיר שטאַרק געפעלן. דאָס האָט אַריינגענומען די פּילזייטיגע סטודענטישע טעטיגקייטן, אין וועלכע ספּאָרט־שפּיל האָט פאַרנומען ווייט ניט דעם לעצטן אָרט. איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין פאַרקאַכטער ספּאָרט־אָנהענגער, קיין „פען", און זייענדיג עלטער און רייפער ווי די מערהייט סטודענטן אויף די

העכערע קורסן, האָב איך ניט געקאָנט זיין אַזוי ענטוזיאַסטיש וועגן די „טימס" פון אוניווערזיטעט. פונדעסטוועגן איז עס געווען אַנגענעם צו זען אַזוי פיל יונגע מענער און פרויען אַריינגעצויגן אין אַטלעטישע טעטיגקייטן. אין די אייראָפּיאישע אוניווערזיטעטן, ספּעציעל אין די דייטשע, מיט וועלכע איך בין געווען מער באַקאַנט, האָב איך ניט געפונען אַזאַ מאָס באַשעפטיגונג מיט ספּאָרטס. אין יענע אוניווערזיטעטן זיינען אייגנטלעך ניט געווען קיין אָפיציעלע ספּאָרטס-טעטיגקייטן. ס'איז דאָרט אַפילו קיין „קעמפּוס" ניט געווען.

די ברייטע שטיינערנע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו דער ביבליאָטעק פון אוניווערזיטעט, די שטילע הויפן צווישן די געביידעס, די רחבות פון די לעקציע-זאַלן, דער קאָמפּאָרט פון דעם צענטראַלן לייען-זאַל אין דער ביבליאָ-טעק, די ספּעציעלע אָפּגעקליבענע ביבליאָטעקן אין די סעמינאַרן פאַר סטודענטן, וואָס ספּעציאַליזירן זיך אין פאַרשיידענע געגנשטאַנדן — דאָס אַלץ האָט געאָטעמט מיט אַ גייסט פון באַקוועמלעכקייט און ווילקאָמען.

איך דאַרף זיך מודה זיין, אַז אין די צוויי יאָר, וואָס איך האָב פאַר-בראַכט אין קאָלאָמביאַ, האָב איך קיין איין מאָל זיך ניט אָנגעשטויסן אויף וועלכער ס'איז אומפריינטלעכקייט מצד די פּראָפעסאָרן אָדער סטודענטן — אויף קיין אַקט אָדער שטימונג, וואָס זאָל מיך מאַכן פילן זיך אומבאַקוועם. פאַרקערט, מ'האָט צו מיר אַרויסגעוויזן אַ סך פריינטשאַפט און איינזעעניש, און ווען איך קוק אויף צוריק צו יענע יאָרן, פיל איך אַן אמת'ע וואַרעמקייט.

איך האָב געהאַט צו דערליידיגן אַ צאָל פאָרמאַליטעטן. איך האָב מיט זיך ניט געבראַכט קיינע דאָקומענטן, וואָס זאָלן באַווייזן, אַז איך בין באַ-רעכטיגט צו פאַרשרייבן זיך אויף העכערע „פּאָסט-גראַדיועיט" קורסן. נאָר די אוניווערזיטעט-אַדמיניסטראַציע האָט זיך פאַרלאָזט אויף מיין וואָרט, מיט דער פאַרשטענדיגונג, אַז איך וועל שפּעטער צושטעלן אַזוינע דאָקומענטן. איך האָב אויסגעקליבן דעם געביט פון סאָציאַלע וויסנשאַפטן, מיט פּאָלי-טישער עקאָנאָמיע ווי דער הויפּט-געגנשטאַנד און פּאָליטיק און געשיכטע ווי די „מינדערע" געגנשטאַנדן. איך האָב געדאַרפט קריגן די גוטהייסונג פון די געהעריגע פּראָפעסאָרן פאַר מיין קורס, אָבער דאָס איז דערליידיגט געוואָרן זייער איינפאַך און אָן שום ביוראָקראַטישן טאַראַראַם. די געהעריגע פּראָפעסאָרן האָבן אָנגעצייכנט זייערע איניציאַלן אויף מיין רעגיסטראַציע-קאַרטל, און דערמיט איז די פאָרמאַליטעט געווען פאַרענדיגט. איך האָב געקוקט אויף אָט-די ערשטע אותיות פון די נעמען פון די פּראָפעסאָרן און זיך דערמאָנט אָן דער קאַנצעליאַרשטשינע אין די אייראָפּיאישע אוניווערזי-

טעטן. וויפיל בלאַנקען און פאַרמען מ'וואָלט דאָס געדאַרפט אויספילן אפילו אין אַזאַ ליבעראַלן אוניווערזיטעט ווי היידעלבערג!

פון די ערשטע טעג אָן האָב איך געמאַכט דעם סעמינאַר איבער עקאָ־נאָמיק פאַר מיין היים, און ס'איז פאַר מיר געווען אַן אמת'ע אַנטפּלעקונג צו געפינען צווישן די פאָרטרעטן אויף די ווענט אויך די בילדער פון מאַרקס, ענגעלס און לאַסאַל. דאָס איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס אין אַן אייראָ־פּייאישן אוניווערזיטעט האָט עס ניט געקאָנט געמאָלט זיין.

אַ ווייטערדיגע אַנטפּלעקונג איז פאַר מיר געווען דאָס, וואָס עטלעכע פון די יונגע פּראָפעסאָרן איבער עקאָנאָמיק זיינען געווען באַוואוסטע סאָציאַליסטן. זיי אַליין האָבן זיך ניט אָנגעגעבן פאַר סאָציאַליסטן. זיי האָבן גערעדט וועגן „עקאָנאָמישער דעמאָקראַטיע" אָדער וועגן „פּראָדוקציע פאַר געברויך און ניט פאַר פּראָפיט". אָבער אין דעם פּראַקטישן זין זיינען זיי געווען געגנער פון קאַפּיטאַליזם און אָנהענגער פון אַ סיסטעם פון געזעל־שאַפטלעכן באַזיץ פון די פּראָדוציר־מיטלען און פון פאַרטיילונג לויט אַ סאָציאַל־יושר'דיגער סיסטעם. געווים זיינען אָט־די יונגע פּראָפעסאָרן געווען אַן אויסנאַם. אָבער דער פאַקט גופא, וואָס זיי האָבן פאַרנומען פּראָפעסאָרן־אַמטן אין אוניווערזיטעט, איז געווען אַ באַווייז פון טאָלעראַנץ בנוגע נייע, ניט־אָנגענומענע אידייען.

ס'איז אַוועק אַ שטיק צייט איידער כ'האָב אויסגעפונען, אַז אָט־דער ליבעראַליזם איז געווען ווייט ניט קיין טיפער; אַז דער הויפּט־ציל פון דעם אוניווערזיטעט איז געווען צו אַנטוויקלען און באַרעכטיגן דעם טעאָרעטישן פונדאַמענט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם מיט אירע גרעסטע פעלערן און איר אַלגעמיינער טענדענץ, און אין דער זעלביגער צייט צו דערלויבן אַ געוויסע מאָס פרייהייט אין די פראַגן פון גוטהייסן אָדער צוריקווייזן די אָדער יענע שטריכן און דעטאַלן פון דער סיסטעם. איך האָב אויך אויסגעפונען מיט דער צייט, אַז אַן אויסערלעכער ליבעראַליזם ביים פאַרטיידיגן די יסודות פון קאַפּיטאַליזם איז געווען מער ווירקזאַם איידער אַ רעאַקציאָנערע שטייפ־קייט. דער פאַקט וואָס אַ סאָציאַליסט, ווי איך, האָט זיך געקאָנט פילן אין קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט אַ סך פרייער ווי אין אַן אייראָפּייאישן אוני־ווערזיטעט, איז בלויז אַ באַווייז, אַז ליבעראַליזם — ווי פלאַך און באַגרענעצט ער זאָל ניט זיין — איז אַ מעלה פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישן אוניווערזיטעט. קאָלאָמביאַ האָט צו יענער צייט געהאַלטן פון דער לערע פון אַקאַדעמישער פרייהייט סיי אין די דעקלאַראַציעס און סיי אין דער פּראַקטיק פון דעם אוניווערזיטעט.

דער ערשטער צוזאמענקונפט פון דער „אסעמבלי״ איבער עקאנאמיק וועט אויף שטענדיג פארבלייבן אין מיין זכרון. דאס איז געווען מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט אמעריקאנער פראפעסארן און אמעריקאנער סטודענטן. געקומען צו דער „אסעמבלי״ זיינען: דער הויפט פון דעם עקאנאמישן פאקולטעט, פראפעסאר עדווין ר. א. זעליגמאן, און פראפעסאר וולאדימיר סימכאוויטש. דער הויפט פון דעם פאקולטעט האט געהאלטן א קורצע רעדע, אין וועלכער ער האט אנגעצייכנט די צילן און די פאדערונגען פארן „פאסט־גרעדיועיט״ שטודיום און געבעטן די סטודענטן, אז זיי זאלן דערקלערן, ערשטנס — וואס האט זיי באוועגט צו שטודירן פאליטישע עקאנאמיע, צווייטנס — צוליב וועלכן ספעציפישן צוועק זיי זיינען אריין אין קאלאמביא, און דריטנס — וואס זיי האבן בדעה צו טאן נאכדעם ווי זיי וועלן באקומען זייער אקאדעמישן טיטול. איך האב זיך מיט געשפאנטער אויפמערקזאמקייט איינגעהערט אין די דערקלערונגען פון די פארזאמלטע יונגע מענער און פרויען און בין געווען אזוי פארשלונגען, אז כ׳האב גאר פארגעסן צו זיין נערוועז וועגן מיין אייגענער קורצער רעדע, וואס כ׳האב געזאלט האלטן צום ערשטן מאל אין אן אמעריקאנער לערן־אנשטאלט.

עס זיינען דארט געווען עטלעכע טוץ סטודענטן, דאס רוב די זין און טעכטער פון פארמעגלעכע אדער רייכע פאמיליעס. איך האב געמאכט דעם חשבון, אז ארום פינף און זיבעציג פראצענט פון זיי האבן געהאט בדעה צו זיין געשעפטסלייט און צו באנוצן זיך מיט זייער אנגעזאמלטן וויסן אויף צו פארבעסערן זייער אייגענע לאגע אין דעם אויסגעקליבענעם געשעפט־געביט! בעת די איבעריגע פינף און צוואנציג פראצענט זיינען באשטאנען פון סטודענטן, וואס האבן געזוכט אריינצוטרעטן אין פארשיידענע רעגירונגס־אנשטאלטן און צו ווערן לערער.

אין אזא סטודענטן־קערפערשאפט אין אייראפע וואלט מען מסתמא געפונען א סך מער קאנדידאטן פאר די פרייע פראפעסיעס און ווייניגער — פאר געשעפט־קאריערעס. דאס איז אמעריקע, האב איך צו זיך געזאגט. דאס איז א לאנד, וואו געשעפט איז די סאמע ערנהאפטע און רעספעקטירטע באשעפטיגונג.

מיין ערשטער ארויסטריט אין קאלאמביא

איין חשד איז אין מיר אויסגעוואקסן געווארן אין מיינע ערשטע טעג אין קאלאמביא. אין די אייראפייאישע אקאדעמישע קרייזן פלעגט מען

רעדן מיט שפּאָט און גרינגשאַצונג וועגן די אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן. דאָס האָט זיך גענומען טיילווייז דערפון, וואָס ס'איז דאָרט ניט געצויגן געוואָרן קיין ליניע צווישן דעם געווינטלעכן קאָלעדזש און דעם אַמעריקאַנער אוניווערזיטעט; אָבער דערהויפּט איז דאָס געווען אַן אויסדרוק פון גאווה, וואָס אייראָפּייער האָבן געפילט בנוגע אַמעריקאַנער וויסנשאַפט און קונסט. איין געביט, וואו אייראָפּייאישע אינטעליגענטן האָבן אָנערקענט די אַמעריקאַנער פירערשאַפט, איז געווען אינזשינירונג. אָבער אַפילו אויף אָט־דעם געביט האָבן אייראָפּייער געהאַלטן, אַז די אַמעריקאַנער האָבן אַנטנומען זייער טעכנישן פּראָגרעס פון אייראָפּע. צו די אַמעריקאַנער וויסנשאַפט־לעכע אַנשטאַלטן האָבן זיך די אייראָפּייער באַצויגן מיט אמת'ן שפּאָט און ביטול.

איך האָב זיך שנעל איבערצייגט, אַז אַזאַ שטעלונג איז געווען אומבאַרעכטיגט. אין קאָלאָמביאַ, און מסתמא אין אַנדערע גרויסע אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן, האָבן געפעלט געוויסע שטריכן פון די אוניווערזיטעטן אין דער אַלטער וועלט. צום ביישפּיל: אַמעריקאַנער סטודענטן האָבן ניט געדאַרפט זיין קיין קענער פון לאַטיין און גריכיש. אין אַמעריקע האָט מען געהאַלטן, אַז סטודענטן זיינען אויך מענטשן און אַז זייערע מוחות דאַרפן ניט באַלעסטיגט ווערן מיט צופיל באַגאַזש, וואָס ווענדט זיך הויפּטזאַכלעך אָן זכרון. איך קאָן ניט פאַרגעסן אַ געוויסע באַמערקונג, וואָס אַ פּראָפעסאָר אין היידעלבערגער אוניווערזיטעט האָט געמאַכט אין דעם משך פון זיינער אַ לעקציע. ער האָט באַצייכנט אַ בוך פון איינעם פון די באַרימטע עקאָנאָמיסטן מיטן אויסדרוק: „דאָס אונהיימליכע בוך פון אַדאָלף וואַגנער". אָבער אָט־דער בוך, וואָס האָטווירקלעך אַרויסגערופן אַ פּחד אויף די סטודענטן, איז געווען אַ מוז פאַר אַלעמען, און ווער ווייסט וויפיל שעה'ן פון שווערער האָרעוואַניע איך האָב אָוועקגעגעבן אין היידעלבערג און ווין אויף די קאַטאָרזשנע פופצן הונדערט זייטן פון יענעם ווערק.

אין קאָלאָמביאַ איז ניט געמאַכט געוואָרן קיין פאַרזוך איבערצולאָדן דעם מענטשלעכן זכרון מיט אַזאַ מין באַגאַזש. פון די סטודענטן האָבן די פּראָפעסאָרן דערוואַרט זיי זאָלן לייענען און טראַכטן וואָס מער און „זובּרעווען", פאַרגעדענקען, וואָס וויינציגער — להיפּוך די אוניווערזיטעטן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און רוסלאַנד. אַ סטודענט אין קאָלאָמביאַ האָט זיך געפילט פריי און איז געווען אָנגעוויזן אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו. אַ פּראָפעסאָר איז געווען נישט אַזוי אַ רבי, ווי אַ ראַט־געבער, אַ וועג־ווייזער, אַן אַרויסהעלפער אין דער פאָרשונג־אַרבעט פון דעם סטודענט. אין אייראָפּע

אָבער איז אַ פּראָפעסאָר געווען אַ מין צאַפּן, פון וועלכן די סטודענטן האָבן פּאַרטיגערהייט באַצויגן זייער וויסן.

אָט־דער מאַנגל אין שטייפקייט, אָט־די אָפּוועזנהייט פון מורא'דיג־שווערע אויפגאַבן אין די אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן איז דאָס מסתמא געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גרינגשאַצונג, וואָס איראָפּייער האָבן אַרויסגעוויזן צו אַמעריקאַנער וויסנשאַפט־און לערן־אַנשטאַלטן. אויף וויפיל איך וויים, איז אין קאָלאָמביאַ דורכגעפירט געוואָרן מער ערנסטער שטודיום, מער פאָרשונג, מער ערנסטע פאַרטיפונג אין אַלערליי פּראָבלעמען און בעסערע וויסנשאַפטלעכע פּראָדוקציע, איידער אין אַזוינע באַרימטע וויסנ־שאַפטלעכע אַנשטאַלטן ווי דער היידעלבערגער אוניווערזיטעט. אַ באַזונדערע איבערראַשונג איז פאַר מיר געווען דער גרויסער אינטערעס, וואָס סטודענטן אין קאָלאָמביאַ האָבן אַרויסגעוויזן צו פראַגן פון אַבסטראַקטער טעאָריע. די איראָפּייער האָבן זעלטן אָנערקענט, אַז די „פּראַקטישע" אַמעריקאַנער פאַרמאָגן בכלל אַזאַ פייאיגקייט.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון דעם עקאָ־נאָמישן סעמינאַר. ווען ס'איז געקומען מיין ריי צו דערקלערן צוליב וואָס איך האָב זיך פאַרשריבן אין קאָלאָמביאַ און וואָס איך האָב בדעה צו טאָן נאָכדעם, ווי איך וועל ענדיגן דעם קורס, האָב איך געזאָגט אומגעפער אָט־וואָס:

„מיין אינטערעס צו פּאָליטישער עקאָנאָמיע נעמט זיך פון דער סאַמע געשיכטע פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג אין רוסלאַנד. עס איז באַוואוסט, אַז די אַנטוויקלונג פון מאָדערנער אינדוסטריע, מאָדערנע מעטאָדן פון פּראָ־דוקציע אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב און אַ מאָדערנער טראַנספּאָרטאַציע, איז אַ גאַנץ נייע זאַך אין רוסלאַנד. די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע, מעג מען זאָגן, איז אין רוסלאַנד פאָרגעקומען ערשט אין דעם לעצטן יאָר־צענדליג פון נייינצעטן יאָרהונדערט. צוזאַמען דערמיט איז צושטאַנד געקומען אַ מאָדערנער קלאַס, דער פּראָלעטאַריאַט. ס'האָט אָבער עקזיסטירט אַ מעכטיגע אידייען־ריכטונג, וואָס האָט געלייקנט די מעגלעכקייט, אַז דער קאַפּיטאַליזם זאָל קאָנען שלאָגן וואָרצלען און זיך פאַנאַנדערבליען אין רוסלאַנד. אָט־די טעאָרעטיקער, באַקאַנט אונטערן נאָמען „נאַראָדניקי", האָבן געהאַלטן, אַז די פונדאַמענטאַלע פאָרם פון דער רוסישערווירטשאַפט איז די פּויערים־געמיינדע, וואָס באַזיצט געמיינשאַפטלעך דאָס לאַנד און אַנטהאַלט דעריבער די פּרימיטיווע פאָרמען פון נאַטירלעכן סאָציאַליזם. די נאַראָדניקעס האָבן זיך פאַרמאָסטן צו באַווייזן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע שטריכן, וואָס האָבן

זיך אַנטוויקלט אין רוסלאַנד, זיינען דורך דעם צאַריזם מעכאַניש אַרויפֿגעצוואונגען געוואָרן אויף דער נאַטירלעכער רוסישער ווירטשאַפֿט און אַז מיט דעם פֿאַלן פֿון דעם צאַריזם וועלן ממילא פֿאַלן די אַרויפֿגעצוואונגענע קאַפּיטאַליסטישע אינסטיטוציעס און די געבירטיגע סיסטעם פֿון פּראָדוקציע און פֿאַרטיילונג וועט ווערן די הערשנדיגע סיסטעם און וועט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלען צו דער מדרגה פֿון אַ נייער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג.

„געגן אָט־דער טעאָריע זיינען אַרויסגעטראָטן די מאַרקסיסטן, וואָס אין די לעצטע פֿופֿצן יאָר פֿון דעם נײַנצעטן יאָרהונדערט האָבן זיי דורך די ווערק פֿון אַזעלכע אויטאָריטעטן ווי פּלעכאַנאָוו און לענין געפּרואווט באַווייזן, אַז איינמאָל האָט דער קאַפּיטאַליזם געשלאָגן וואָרצלען אין לאַנד, וועט ער מוזן דורכמאַכן דעם גאַנצן פּראָצעס פֿון אָנזאַמלונג פֿון רייכטום און דאָס וועט ממילא פֿאַרענדערן די פּויערשע ווירטשאַפֿט לויט דעם מוסטער פֿון קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע מיט אַ הויכער שטופּע קאָנצענטראַציע פֿון רייכטום אויף איין זייט און אַ מאַסע לאַנדלאָזע פּויערים אויף דער אַנדערער זייט. די געזעלשאַפֿט איז איינגעטיילט אין קלאַסן, צווישן וועלכע עס קאָן ניט זיין קיין שלום. און אַזוי ווי די געשיכטע האָט באַוויזן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס אָרגאַניזירט זיך און קעמפֿט פֿאַר זיינע אינטערעסן, האָבן די מאַרקסיסטן דעריבער געזען די צוקונפֿט פֿון רוסלאַנד אין דעם קאַמף פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, זייט ביי זייט מיטן פּויערטום, סיי געגן די קאַפּיטאַליסטן און סיי געגן די פּריצים, מיט סאָציאַליזם אַלס פּערספּעקטיוו און ענד־ציל.

„אַזוי אַרום", האָב איך געזאָגט, „איז עס געוואָרן כמעט אַ מוז פֿאַר די רוסישע אינטעליגענטן צום סוף פֿון נײַנצעטן יאָרהונדערט צו שטודירן עקאָנאָמיק, אַלצאיינס וואָס זייער פּערזענלעכע לאַגע אָדער זייער פּראָפֿעסיע זאָל ניט זיין. מיר האָבן געדאַרפֿט פֿאַר זיך אַליין באַשליסן וועמער ס'איז גערעכט — די נאַראָדניקעס אָדער די מאַרקסיסטן. דער געזעלשאַפֿטלעכער אינטערעס צו עקאָנאָמישע פּראָבלעמען איז געוואָרן זייער ברייט פֿאַרשפּרייט. און קוים הויבט איינער אָן לייענען וועגן די דאָזיגע פּראָבלעמען, ווערט ער נאַטירלעכערוויז אַריינגעצויגן אַלץ טיפֿער און טיפֿער."

דערנאָך האָב איך אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן די פּראָפֿעסאָרן ביי וועמען כ'האָב שטודירט איידער איך בין געקומען אַמעריקע. איך האָב דערמאָנט דעם רעאַקציאָנערן צאַריסטישן רעדאַקטאָר פֿון דער אולטראַ־קאָנסערוואַטיווער צייטונג „קיעווליאַנין", פּראָפֿעסאָר פּיכנאָ, דעם ליבעראַלן פּראָפֿעסאָר זשעלעזנאָוו — ביידע פֿון קיעווער אוניווערזיטעט; די פּראָפֿעסאָרן

יאהאנעס פוכס און שולצע געווערניץ פון דעם פרייבורגער אוניווערזיטעט; די פראפעסארן עבערהארדט גאטהיים, מאקס וועבער און אדאלף וועבער פון דעם היידעלבערגער אוניווערזיטעט. איך האב זיך אויסגעפיינט און כ׳האב געוואוסט, אז איך טו דאס. איך האב געוואוסט, אז דערמיט, וואס איך דערמאן אזא צעטל באריםטע געלערנטע, וועל איך מאכן אן איינדרוק סיי אויף די סטודענטן און סיי אויף די פראפעסארן. נאר אזוי ווי איך האב פארט שטודירט ביי די אלע פראפעסארן און בין געווען באקאנט מיט זייערע וויכטיגסטע ווערק, האב איך ניט איינגעזען פארוואס איך זאל זיך דערמיט ניט באריםען. איך האב ניט געוואוסט, צי די סטודענטן אדער פראפעסארן פארשטייען צוליב וואס איך טו דאס. אט שטייט פאר זיי א מענטש, א פרעמדער פון ערגעץ, און רעדט וועגן באריםטע נעמען און וויכטיגע פראבלעמען, גלייך ווי דאס וואלט געווען א וואכעדיגער גאנג. מעגלעך, אז אט־דער ערשטער ארויסטריט מיינער אין קאלאמביא האט דאס פאר מיר געשאפן אט־די אטמאספערע פון באזונדערער אכטונג און אינטערעס סיי מצד די סטודענטן און סיי מצד די פראפעסארן.

אויף דער פראגע, צוליב וואס איך האב זיך פארשריבן אין קאלאמביא, האב איך געענטפערט מיט א געוויסער מאס מליצה. איך בין א זשורנאליסט, האב איך געזאגט, און א זשורנאליסט איז א מענטש, וואס דארף קאנען פארענטפערן אלערליי פראגן פון סאציאלן לעבן. ער האט קיין רעכט ניט צו זאגן: „איך ווייס ניט.״ דעריבער דארף א זשורנאליסט, מער ווי וועלכער ס׳איז אינטעליגענט, פארברענגען וויפיל צייט ער קאן נאר אין א וויסנ־שאפטלעכן אנשטאלט, וואו מען געפינט ניט קיין פארטיגע ענטפערס אויף אלע פראגן, נאר וואו מען דארף זיך אוועקזעצן פארשן און שטודירן. חוץ דעם, האב איך געזאגט, בין איך א פרעמדער אין א נייעם לאנד, און איך וויל זיך באקענען מיט דער געשיכטע, מיט דעם געדאנקען־גאנג, מיט די פראבלעמען, מיט דער עקאנאמישער סטרוקטור פון מיין נייער היים. איך קאן ניט געפינען קיין בעסערן פלאץ, ווי א גרויסן אוניווערזיטעט. איך דער־ווארט ניט אויסצונוצן מיינע שטודיען פאר וועלכן עס איז צוועק פון קאריערע, אויסער מיין פראפעסיע פון א זשורנאליסט.

דאס האט געקלונגען זייער פאעטיש און זייער ראמאנטיש. אויך וועגן דעם בין איך געווען באוואוסטזיניג. עס איז אבער א פאקט, אז כ׳האב אויף א מליצה׳דיגן און הויך־קלינגענדיגן אופן אויסגעדריקט גראד די מאטיוון, וואס האבן מיך באוועגט צו באנייען מיינע שטודיען.

דער טיטול פון „דאקטאר פילאזאפיע״, וואס כ׳האב געזאלט קריגן צום

שלום פון מיין קורס, האָט מיך ביז אַ געוויסער מאָס געדרייצט. נאָר איך מוז זאָגן, אַז בלויז צוליבן אַקאַדעמישן טיטול וואָלט איך זיכער ניט געווען אַריין אין קאָלאָמביאַ. אויב מיר האָט זיך יאָ געוואָלט האָבן אַזאַ טיטול, איז דאָס געווען נישט צוליב גאוה, נאָר ווי אַ סימן, אַז מיינע שטודיען זיינען צו עפּעס דערגאַנגען. ווען איינער גיט אָפּ אַזוי פיל יאָרן אויף אוניווערזיטעט־שטודיען און גייט אַרויס אַ „ניט־געענדיגטער", האָט ער דעם געפיל, אַז ער האָט ווירקלעך עפּעס ניט דערלערנט. איך האָב, פאַרשטייט זיך, גאַנץ גוט געוואוסט, אַז מען קאָן קיינמאָל ניט „ענדיגן" לערנען. און זיכער האָב איך געוואוסט, אַז דאָס שטיקל פּאַרמעט, וואָס כ'וועל קריגן פון קאָלאָמביאַ, וועט מיך ניט מאַכן פאַר קיין גרעסערן למדן. און דאָך האָט זיך מיר געוואָלט קריגן אַ דאָקטאָראַט־טיטול, ספּעציעל אַן אַמעריקאַנעם דאָקטאָראַט, אַן אַקאַדעמישן טיטול פון דעם לאַנד, וואָס כ'האָב אויסגעקליבן ווי מיין נייע היים.

נאָר דאָס איז פאָרט געווען אַ מינדערוויכטיגער מאָטיוו און וואָס מער איך בין אַריינגעצויגן געוואָרן אין די שטודיען, אַלץ ווייניגער איז מיר געלעגן אין זינען דער טיטול, וואָס וואַרט אויף מיר.

מיינע פּראָפעסאָרן אין קאָלאָמביאַ

מיינע שטודיען אין קאָלאָמביאַ זיינען געווען אינטערעסאַנט און סטימולירנדיג. צום ערשטן מאָל אין מיינע פילע אוניווערזיטעט־יאָרן האָב איך באַשלאָסן זיך קאָנצענטרירן אויף איין געביט. אין אייראָפּע פלעג איך זיך פאַרשרייבן אויף קורסן, וואָס זיינען געווען אויסער מיין הויפּט־געביט. דאָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט די טראַדיציעס פון אַקאַדעמישן שטודיום אין דייטשלאַנד. אַ סטודענט פון וועלכן ס'איז פאַקולטעט, וואָס האָט ניט דורכגעמאַכט כאָטש איין יאָר פילאָזאָפיע, איז דאָרט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ קנאָפּ־געבילדעטער מענטש. בעת איך האָב דאָרט שטודירט הויפּטזאַכלעך פּאָליטישע עקאָנאָמיע אין אַלע אירע צווייגן, האָב איך אָבער אויך באַזוכט קורסן איבער ליטעראַטור, קונסט, יוריספּרודענץ, טעאָריע פון מלוכה, געשיכטע, א. אַז. וו. דער רעזולטאַט איז ניט געווען קיין גאָר צופרידנשטעלנדיגער. אין קאָלאָמביאַ האָב איך פעסט באַשלאָסן זיך צו האַלטן אין די ראַמען פון מיינע אָנגעצייכנטע געגנשטאַנדן.

דאָס איז מיר ניט אָנגעקומען שווער. זייענדיג אין אַלגעמיין באַקאַנט מיט טעאָריע און מיט דער אייראָפּייאישער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט, האָב

איך זיך דאָ קאָנצענטרירט אויף פּאָליטישער עקאָנאָמיע, ווי זי איז פּאָרגעבראַכט געוואָרן דורך ענגלישע און אַמעריקאַנער טעאָרעטיקער, און אויף שטודירן דאָס אַמעריקאַנער עקאָנאָמישע לעבן. איך קאָן בלויז מיט דאַנקבאַרקייט זיך דערמאָנען אָן די צוויי אָנגעזעענסטע פּראָפעסאָרן, מיט וועמען כ׳האָב שטודירט אין קאָלאָמביאַ: עדווין ר. א. זעליגמאַן און וועסלי קלעיר מיטשעל.

פון סאַמע אָנהויב האָב איך אַנטוויקלט אַ הויכע אַכטונג און באַוואונדערונג פאַר פּראָפעסאָר מיטשעל. איך האָב אין אים געפונען דעם אידעאַלן געלערנטן. אַ יונגער מענטש (ער האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ מאַן אין די שפּעטע דרייסיגער), האָט ער זיך פאַרהאַלטן פריינטלעך צו די סטודענטן, האָט פון זיך ניט געבלאָזן, איז שטענדיג געווען פאַראינטערעסירט אין זייערע מיינונגען, האָט שטענדיג מיט טיפער ערנסטקייט באַטראַכט אָנשויאונגען, ווי אומריכטיג זיי זיינען ניט געווען פון זיין שטאַנדפּונקט, און האָט קיינמאָל נישט געמאַכט די סטודענטן צו פילן, אַז ער איז אַן אויטאָריטעט. און דאָך איז ער געווען איינער פון די גרעסטע, אויב ניט דער גרעסטער, אויטאָריטעט איבער ציקל־קריזיסן. ער האָט פאַרמאָגט אַ ריזיגן אוצר וויסן סיי בנוגע טעאָריע און סיי בנוגע איר אָנווענדונג אויף פּראַקטישע פּראָבלעמען. זיין גרויסער בוך וועגן עקאָנאָמישע קריזיסן איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ מאַסע פאָרשונג־אַרבעט און האָט אַרויסגעוויזן אַן אומגעוויינטלעכע שעפערישע פאַנטאַזיע. אויף דעם פּראָפעסאָר־שטול האָט ער בלויז געטיילט מיט די סטודענטן געוויסע פון זיינע אָנשויאונגען איבער עקאָנאָמישער טעאָריע. זיין קורס איז געווען וועגן מאָדערנע שטרעמונגען אין עקאָנאָמישער טעאָריע. זיינע לעקציעס זיינען געווען אַ הילף פאַר די זעלבסטשטענדיגע שטודיען, וואָס די סטודענטן האָבן געדאַרפט דורכמאַכן, און ס׳איז אונז אויסגעקומען זייער אַ סך צו לייענען אויף דעם דאָזיגן געביט. יעדע וואָך האָבן מיר געמוזט דורכלייענען און דורכאַרבעטן צום ווינציגסטן איין בוך פון אַ געוויסן עקאָנאָמיסט, און ביי דער לעקציע האָבן מיר דיסקוטירט די טעאָריע אָדער די טעאָרעטישע אייגנאַרטיגקייטן פון דעם עקאָנאָמיסט.

גראָד דאָס האָב איך געדאַרפט האָבן. אין דעם משך פון אַרום אַ יאָר צייט האָבן מיר דורכגעשטודירט וואָסערע צוואַנציג עקאָנאָמיסטן. אין אַ צאָל פאַלן האָבן מיר פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן אויף איין בוך אָדער איין טעאָרעטיקער — צום ביישפּיל, דעם דייטשן געלערנטן שומפּעטער, וועלכער איז געווען „די לעצטע מאָדע“, אָדער דעם ענגלענדער מאַרשאַל, וועלכער איז

אין קאָלאָמביאַ באַטראַכט געוואָרן ווי דאָס לעצטע וואָרט אין דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט.

אָבער די הויפּט־אַרבעט אונזערע איז געווען קאָנצענטרירט אויף אַמעריקאַנער עקאָנאָמיק. כ'האָב דעריבער געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דעם צושטאַנד פון עקאָנאָמישער טעאָריע, ווי זי האָט אויסגעזען אויפן אַמעריקאַנער באָדן.

צווישן די אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסטן, וואָס מיר האָבן גרינדלעך דיסקוטירט, איז געווען טאָרסטען וועבלען, ספּעציעל זיינע ווערק: „די טעאָריע פון געשעפט־אונטערנעמונג" און „די טעאָריע פון דעם ניט־פּאַרנומענעם קלאַס". דאָ האָב איך געפונען אַ צוגאַנג צו דער עקאָנאָמישער סיסטעם פון אַמעריקע, וואָס איז געווען אַן אמת'ע דערפרישונג. ס'איז געווען קלאָר, אַז וועבלען איז אַ געגנער פון קאַפּיטאַליזם. ער איז אָבער ניט געווען קיין סאָציאַליסט אין מאַרקסיסטישן זין פון וואָרט. זיינע קאָנסטרוקטיווע פאָרשלאָגן זיינען נישט געווען קלאָר און — פאַר מיר — גאָרנישט איבערצייגנדיק. זיין בוך וועגן דער ראָל פון דעם אינזשענער ווי דעם אָרגאַניזאַטאָר און פירער פון דער געזעלשאַפט איז נאָך דעמאָלט נישט געהאַט אַרויס, און כ'האָב ניט איינמאָל געפּרעגט זיך און דעם פּראָפעסאָר מיטשעל, וואוהין וועבלען צילט. אָבער זיין כאַראַקטעריזאַציע פון קאָרפּאָראַטיוון קאַפּיטאַל, פון דער פּסיכאָלאָגיע און די טעטיגקייטן פון די קאָרפּאָרעישאָן־אָנפירער; זיין באַשרייבונג פון דערווירקלעכער ראָל פון די אַזוי־גערופענע „קאַפּיטאַנען פון אינדוסטריע" און די מאַניפּולאַטאָרס פון פינאַנץ אין דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, האָבן אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלדיגן איינדרוק סיי מיט זיין מעטאָד פון פאָרברענגען אָט־די פאַקטן, סיי מיט דער מאַסע פאַקטן, וואָס ער האָט פאָרגעבראַכט, און סיי מיט זיין טרוקענעם הומאָר. איך האָב פאַר זיך געזען אַ געלערנטן, וואָס האָט אפילו ניט פּרעטענדירט צו זיין „אומפּאַרטייאיש" בנוגע דעם ענין פון זיין אויספאָרשונג. אין דעם דאָזיגן פּרט איז ער געווען ענלעך צו מאַרקס'ן. ער איז געווען אַ געלערנטער מיט אַ ליידנשאַפטלעכער שטעלונג צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן, נאָר איך האָב געמוזט אָנערקענען, אַז זיין האַס געגן די אומגערעכטיגקייטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם איז געווען אַ סך שטאַרקער איידער זיין סימפּאַטיע צו די עקספּלואַטירטע מאַסן, בעת ביי מאַרקס'ן זיינען אָט־די ביידע עמאָציעס געווען אין אַ גלייכער מאָס.

איך האָב זיך געפילט געצוואונגען צו קלאַסיפיצירן וועבלענ'ען צווישן די „בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן", נאָר דער פאַקט גופא, וואָס אַזאַ מין עקאָ־

נאָמיסט קאָן פונקציאָנירן אין אַמעריקע און ווערט שטודירט אין אַזאַ אוניווערזיטעט ווי קאָלאָמביאַ, איז פאַר מיר געווען אַ דערמוטיגונג. איך האָב צו יענער צייט ניט געוואוסט, אַז וועבלען איז געווען „טריף‟ אין די אָפיציעלע אַקאַדעמישע קרייזן פון אַמעריקע. דער פאַקט, וואָס פּראָפעסאָר מיטשעל האָט שטאַרק באַוואונדערט וועבלען׳ען און האָט דאָס ניט באַהאַלטן פון זיינע סטודענטן, נאָר פאַרקערט — ער האָט אים באַצייכנט ווי „דעם גרעסטן אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסט פון אונזער צייט‟, האָט דעם פּראָפעסאָר מיטשעל צוגעגעבן אַ סך חשיבות אין מיינע אויגן.

אין דעם פּראָפעסאָר זעליגמאַן האָב איך געפונען אַ רייכן קוואַל פון ניצלעכער אינפאָרמאַציע. ער האָט זיך אָפּגעגעבן הויפּטזאַכלעך מיט דער פּראָבלעם פון באַשטייערונג. איין סעמעסטער האָבן מיר מיט אים דורכגעמאַכט אַ קורס איבער דער טעאָריע פון פינאַנץ, אַ צווייטן סעמעסטער — וועגן דער אָנווענדונג פון שטייערן אויף פאַרשיידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, אַ דריטן סעמעסטער — וועגן דער געשיכטע פון באַשטייערונג. אַזוי ווי ער איז געווען נישט בלויז אַן אויטאָריטעט איבער פינאַנץ, נאָר אויך אַ פּראַקטישער ראַטגעבער פון דער רעגירונג ביי פילע געלעגנהייטן, האָבן זיינע לעקציעס געהאַט סיי אַ טעאָרעטישע און סיי אַ פּראַקטישע ממשות, וואָס כ׳האָב דאָס זעלטן געפונען צווישן די דייטשע פּראָפעסאָרן און וואָס האָט באַטאָנט דעם אונטערשייד צווישן דייטשער און אַמעריקאַנער עקאָנאָמישער לערע. איך האָב געוואוסט, אַז פּראָפעסאָר זעליגמאַן איז געווען פאַרוואָרצלט אין אַ דייטשער אַקאַדעמישער סביבה. ער האָט געקראָגן זיין פונדאַמענטאַלע בילדונג אין דייטשלאַנד, ער האָט אָפט באַזוכט דייטשלאַנד און איז געווען אַ געאַכטעטע פיגור אין דייטשע עקאָנאָמישע קרייזן. אָבער זיינע לעקציעס זיינען געווען אַ סך נעענטער צו די ווירקלעכקייטן פון אַמעריקאַנער עקאָנאָמישן לעבן, פון אַמעריקאַנער מלוכה־פינאַנץ, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די לעקציעס איבער פינאַנץ, וואָס כ׳האָב געהערט אין דייטשע אוניווערזיטעטן.

אין קאָנטראַסט צו פּראָפעסאָר מיטשעל, האָט פּראָפעסאָר זעליגמאַן געשאַפן אַרום זיך די אַטמאָספערע פון אַן אַקאַדעמישן גדול. ער האָט זיך געהאַלטן פריי, אָבער מיט אַ מינע פון גרויסער זעלבסט־וויכטיגקייט, האָט אויסגעזען עלטער פון זיינע יאָרן און איז געווען דער אידעאַלער פּראָפעסאָר, די פאַרקערפּערונג פון פּראָפעסאָרישקייט. צו דער זעלביגער צייט איז ער אָבער געווען די גוטסקייט אַליין. ער איז געווען ווי אַ פאָטער צו די סטודענטן, אָדער ווי אַן עלטערער ברודער. איך וואָלט זיך אויף קיין מאָמענט

ניט געקווייקלט צו קומען צו אים מיט מיינע שווערסטע פּערזענלעכע פּראָבלעמען, ווען דאָס וואָלט געווען נויטיג.

די סעמינאַר־זיצונגען זיינען דורכגעפירט געוואָרן אָדער אין אוניווערזיטעט, אָדער אין די פּריוואַטע וואוינונגען פון פּראָפעסאָר זעליגמאַן און פּראָפעסאָר מיטשעל. אַ סעמינאַר ביים פּראָפעסאָר אין דער היים איז געווייינטלעך געווען עפּעס מער ווי אַ שטודיר־שעה. נאָכדעם ווי ס׳איז דורכגעלייענט און דיסקוטירט געוואָרן די אַרבעט פון אַ סטודענט, האָט מען סערווירט טיי און פאַרבראַכט געזעלשאַפטלעך. אויף אַזוינע אָוונטן האָט דער סטודענט געהאַט די געלעגנהייט צו שמועסן מיטן פּראָפעסאָר וועגן אַלערליי פראַגן, צו באַקענען זיך מיט אַנדערע סטודענטן און טאַקע פאַרברענגען אין אַן אָנגענעמער אַטמאָספערע. איך דערמאָן זיך אָן יענע אָוונטן מיט אמת׳ן פאַרגעניגן.

וואָס איך האָב שטודירט אין קאָלאָמביאַ

די סעמינאַר־פאַרזאַמלונגען אין פּראָפעסאָר זעליגמאַנ׳ס הויז זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין זיין קאַבינעט. דאָס איז געווען אַ צוויי־שטאָקיגער צימער מיט אַ ריזיגער צאָל ביכער אויף די פּאָליצעס, וואָס האָבן באַדעקט די ווענט. עס האָט זיך געפילט עפּעס אַ קלויסטער־אַטמאָספערע אין יענעם גרויסן צימער מיט די הויכע פענצטער, די שטולן מיט די גראַדע, הויכע ווענטלעך און מיט דער שטרענגער, פּינקטלעכער אָרדענונג. צווישן די סטודענטן איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז דער פּראָפעסאָר לייענט קיינמאָל נישט קיין איבערזעצונגען, ווייל ער באַהערשט די הויפּט־שפּראַכן, אויף וועלכע וויסנשאַפטלעכע ביכער ווערן געשריבן. דער קלאַנג האָט זיך מסתמא גענומען דערפון, וואָס איז זיינע לעקציעס האָט זיך פּראָפעסאָר זעליגמאַן אָפט פאַררופן אויף אָריגינעלע ווערק אויף איטאַליעניש, שפּאַניש און אַ צאָל אַנדערע שפּראַכן. אין דעם דאָזיגן פּרט האָט ער מיר דערמאָנט אָן אַ צווייטן גרויסן געלערנטן, פּראָפעסאָר געאָרג יעלינעק פון היידעלבערגער אוניווערזיטעט, וועלכער פלעגט וואַרטן חדשים־לאַנג צו קריגן דעם אָריגינאַל פון אַ בוך, כאָטש ער האָט געהאַט צו דער האַנט אַן איבערזעצונג. אַזוינע זאַכן האָבן אויף מיר שטענדיג געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. איך האָב באַוואונדערט די פייאיגקייט פון אָט־די געלערנטע צו באַהערשן אַזוי פיל שפּראַכן, איינזאַפּן אַזוי פיל מאַטעריאַל און דאָך געפינען צייט פאַר זייער אוניווערזיטעט־אַרבעט און אַנדערע פליכטן.

אומפאַרגעסלעך זיינען די אָוונטן אין דעם הויז פון פּראָפעסאָר מיטשעל. ער האָט געוואוינט אויף וואַשינגטאָן סקווער נאָרט, אין אַן אַלטן הויז פון קאָלאָניאַלן סטיל. די סעמינאַר־פאַרזאַמלונגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַ גרויסן קאַבינעט. צוערשט פלעגט אימיצער דורכלייענען אַ סטודענטישע אַרבעט, אַ „פּאַפּיר", און דערנאָך איז דורכגעפירט געוואָרן אַ לעבעדיגע דיסקוסיע. פּראָפעסאָר מיטשעל איז געווען אַ קינסטלער אויפן געביט פון אַריינציען די סטודענטן אין אַ דיסקוסיע. עס פלעגט טרעפן, אַז די טעאָריע פון אַ געוויסן עקאָנאָמיסט האָט אַזוי פאַרשלונגען די סטודענטן, אַז זיי פלעגן פאַרציען די דיסקוסיע העט איבער דער באַשטימטער צייט. איך געדענק, אַז דער אָוונט, ווען עס זיינען דיסקוטירט געוואָרן האָבסאָנ׳ס טעאָריעס, האָט זיך פאַרצויגן ביז איינס אַזייגער און אַז קיינער האָט גאָר ניט באַמערקט ווי די צייט איז אַוועק.

איך האָב באַזוכט אַ צאָל אַנדערע קורסן, ספּעציעל איבער סטאַטיסטיק, באַנק און געלט־סיסטעמען, לאַנדווירטשאַפט, אויסלענדישער האַנדל און טאַריף, א. אז. וו. איך האָב ניט געקאָנט אינגאַנצן בייקומען מיין אַלטע ביינונג זיך אויסצושפּרייטן. אַזוי האָב איך זיך אויך פאַרשריבן אויף אַ קורס איבער סאָציאָלאָגיע אונטער פּראָפעסאָר גידינגס. איך בין שטענדיג געווען פאַראינטערעסירט אין סאָציאָלאָגיע־פּראָבלעמען, און מיר האָט זיך געוואָלט זען ווי אַזוי דער געגנשטאַנד ווערט באַהאַנדלט אין קאָלאָמביאַ. דער קורס איז פאַר מיר געווען אַן אַנטוישונג. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פּראָפעסאָר גידינגס האָט זיך אָדער נישט צוגעגרייט ווי געהעריג פאַרן קורס, אָדער ער איז בכלל ניט געווען קיין אמת׳ער געלערנטער. צוליב מיין באַקאַנטשאַפט מיט מאַרקסיסטישער סאָציאָלאָגיע האָב איך דערוואַרט, אַז עס וועלן אויף דעם קורס באַהאַנדלט ווערן ערנסט די פונדאַמענטאַלע סאָציאָלאָגישע פּראָבלעמען. ביי גידינגס׳ן האָט זיך אָבער באַקומען אויף אַ העלפט אַנטראָפּאָלאָגיע, אויף אַ העלפט אַבסטראַקטע חקירות, וואָס האָבן פאַרפעלט צו דערקלערן ווי ס׳געהער צו זיין די מאָדערנע געזעלשאַפט. איך האָב גיך אויפגעגעבן דעם קורס, כאָטש אין די ערשטע עטלעכע וואָכן האָב איך אָנגעשריבן אַ פּאָר פאַרגעבענע אַרבעטן און געקראָגן „עי". ס׳איז מיר אָבער אָנגעקומען צו גרינג, און אויך דאָס איז פאַר מיר געווען אַן אַנטוישונג.

אין דעם לעצטן סעמעסטער האָט פּראָפעסאָר ריפּלי פון באָסטאָן געפירט אַ קורס. ער איז געווען אַ גאַסט־פּראָפעסאָר און זיין קורס האָט געטראָגן דעם אומשולדיגן נאָמען „קאָרפּאָראַטיווע פינאַנץ". מיר האָט אָבער דער קורס געעפנט די אויגן. איך גלויב, אַז כ׳האָב ביי פּראָפעסאָר ריפּלי׳ן גע־

לערנט מער ווי ביי וועמען ניט איז וועגן דעם אַמעריקאַנער עקאָנאָמישן לעבן. ער האָט פּאַרמאָגט אַ ריזיגע מאַסע ווּיסן און אָנגעזאַמלטע פֿאַקטן וועגן קאָרפּאָרעישאָנס. ער איז געווען דורך באַקאַנט מיט אַלע זייערע פֿירונגען און שפּיצלעך. ער האָט אַליין אָנגעזאַמלט מאַטעריאַלן, וואָס קיין סטודענט וואָלט זיי אין ערגעץ נישט געקאָנט קריגן אָן זיין הילף. כאָטש ער איז געווען, לויט מיין מיינונג, אַ קאָנסערוואַטיווער מענטש, זיינען אָבער זיינע לעקציעס געווען פֿאַר מיר אַן אַנטפּלעקונג בנוגע דערווירקלעכער פּראַקטיק פֿון די קאָרפּאָרעישאָנס. כ'האָב געקראָגן דעם איינדרוק, אַז פּראָפעסאָר ריפּלי פֿירט ניט קיין „קרייץ־צוג" געגן די טראָסטס, נאָר ער באַשרייבט בלויז די לאַגע ווי זי איז. מעגלעך, אַז ער האָט דאָס באַטראַכט פֿאַר גאַנץ נאַטירלעך. פֿאַר מיר איז אָבער געווען אַן אמת'ע אַנטפּלעקונג, ווי אַזוי די שטאַרקע קאָרפּאָרעישאָן שלינגט איין די שוואַכערע און ווערט אַליין פֿאַרשלונגען פֿון נאָך אַ שטאַרקערער; ווי אַזוי די איינגעשפּאַרטע קאָרפּאָרעישאָנס ווערן געצוואונגען נאָכצוקומען די מאָנאָפּאָליסטישע פּרייזן; ווי אַזוי די האָלדינג־קאָמפּאַניעס קאָנצענטרירן דעם קאָנטראָל איבער אַ סך קאָרפּאָרעישאָנס אין די הענט פֿון עטלעכע מאַניפּולאַטאָרס. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַ מאַרקסיסט, אַן אויסגעשפּראָכענער געגנער פֿון קאַפּיטאַליזם, וואָלט ניט געקאָנט געבן קיין מער פֿאַרדאַמענדיג בילד וועגן דער פּראַקטיק פֿון טראָסט־קאַפּיטאַל.

און דאָך האָט פּראָפעסאָר ריפּלי זיך געהאַלטן פֿון דער וויטנס, אַזוי ווי די אַלע זאַכן וואָלטן אים ניט אָנגעגאַנגען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט פֿון זיינע אויפֿדעקונגען. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער האָט ווירקלעך אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו צוימען די שעדלעכע פֿירונגען פֿון גרויסע קאָרפּאָרעישאָנס.

איך האָב געהאַט אַ געוואוינהייט צו פֿאַרצייכענען די לעקציעס אין אַ פֿאַרקירצטער פֿאָרם. אַ העפֿט, אין וועלכן איך האָב אַריינגעשריבן די נאָטיצן פֿון פּראָפעסאָר ריפּלי'ס לעקציעס, האָט מיר אַ לאַנגע צייט געדינט ווי אַ לערן־בוך.

מיט פּראָפעסאָר סימכאָוויטש האָב איך זיך געטראָפֿן אָפֿטער ווי מיט אַנדערע פּראָפעסאָרן. ער האָט געהאַט אויפֿזיכט איבער מיין אַרבעט ביים צוגרייטן די דיסערטאַציע, אָדער „טעזיס", פֿאַרן דאָקטאָר־טיטול.

ביי דער ערשטער סעמינאַר־פֿאַרזאַמלונג האָב איך אויסגעפֿילט אַ פֿראַגע־בויגן וועגן דעם געגנשטאַנד, וואָס כ'וואָלט וועלן אויסקלייבן פֿאַרן דאָקטאָראַט־טעזיס. איך האָב פֿאָרגעשלאָגן: „אַמעריקאַניש עקאָנאָמיש לעבן,

ווי ס'איז אָפּגעשפּיגלט אין אמעריקאנער ליטעראַטור". דאָס, האָב איך גער־רעכנט, וועט מיר געבן אַ דאָפּלטע געלעגנהייט צו שטודירן סיי דאָס עקאָ־נאָמישע לעבן און סיי די ליטעראַטור פון די פאַראייניגטע שטאַטן. געוויסע פּריינט מיינע האָבן געהאַלטן, אַז עס איז אַ צו־שווערע אויפגאַבע. מיין ענטפער איז געווען, אַז אַ דאָקטאָר־טיטול טאָר נישט אָנקומען גרינג. איך בין געווען פול מיט ענערגיע און מיט אַ ברען צו לערנען.

נאָר איינמאָל האָט פּראָפעסאָר סימכאָוויטש מיך איינגעלאַדן אויף אַ פּריוואַטן שמועס און מיר פאָרגעשלאָגן צו ענדערן דעם געגנשטאַנד. „פאַרוואָס ניט אָנשרייבן אַ טעזיס וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע ווי זי איז אָפּגעשפּיגלט אין דער רוסישער ליטעראַטור?", האָט ער געפרעגט.

צוערשט איז מיר דער פאָרשלאָג פאָרגעקומען מאָדנע. ער איז מיר בפירוש ניט געפעלן: ס'איז געווען צו־גרינג. איך בין געווען באַקאַנט מיט דער רוסישער רעוואָלוציע אין אַ גרויסער מאָס דורך פּערזענלעכער דער־פאַרונג, און די רוסישע ליטעראַטור האָב איך גאַנץ גוט געקענט. ס'וואָלט פאַר מיר געווען אַ קינדער־שפּיל, האָב איך געטראַכט, אָנצושרייבן אַ בוך אויף אַזאַ טעמע. וואָס פאַר אַ ניי וויסן קאָן איך קריגן דורך אונטערנעמען אַזאַ טעזיס? וואָס טויג דאָס פאַר אמעריקע?

ס'איז אָנגעקומען דעם פּראָפעסאָר סימכאָוויטש גאַנץ שווער מיך צו איבערצייגן, אַז קיינער וועט מיר ניט שטערן צו שטודירן די אמעריקאנער ליטעראַטור, נאָר אַז ס'איז נוצלאָז צו פאַרבינדן אַזאַ שטודיום מיט מיין דאָקטאָר־טעזיס. ער האָט מיר אויך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ בוך וועגן רוסלאַנד, געשריבן פון איינעם, וואָס איז פון פּערזענלעכער דערפאַרונג באַ־קאַנט מיטן ענין, וואָלט געווען ווערטפול סיי פון אַקאַדעמישן שטאַנדפּונקט און סיי אין דעם זין פון סאָציאַלער ניצלעכקייט. נאָך אַלעמען, האָט ער געזאָגט, זיינען ניטאָ קיין סך ביכער אויף ענגליש איבער אַט־דער טעמע, געשריבן פון קוואַליפיצירטע מענטשן. און אַזוי ווי ער איז געווען זיכער, אַז איך פאַרמאָג די נויטיגע קוואַליפיקאַציעס צו שרייבן אַזאַ בוך — פּראָ־פעסאָר סימכאָוויטש אַליין איז געווען גוט באַקאַנט מיט רוסישע באַדינגונגען און האָט אָנגעשריבן אַ וואָגיגע עסעי וועגן דער אַגראַר־פראַגע אין רוסלאַנד — האָט ער געהאַלטן, אַז איך וואָלט באַדאַרפט אָננעמען זיין פאָרשלאָג.

ס'איז געווען נאָך אַ מאָמענט, וואָס האָט געווירקט, אַז איך זאָל איינגיין אויף דעם פאָרשלאָג. פּראָפעסאָר סימכאָוויטש האָט מיך פאַרזיכערט, אַז מען קאָן גרינג קריגן אַ פאַרלעגער, וואָס זאָל אַרויסגעבן אַזאַ בוך. ער אַליין, האָט ער מיך פאַרזיכערט, צוזאַמען מיט אַ קאָלעגע זיינעם, זיינען גרייט

צו רעקאָמענדירן אַזאַ בוך צו אַ געוויסן פאַרלאַג. דאָס וואָלט מיר פאַרשפּאָרט די הוצאות פון דרוקן דעם טעזיס און וואָלט מיר אויך אַריינגעבראַכט אַ ביסל געלט.

עטלעכע טעג האָב איך זיך געשלאָגן מיט דער דעה. איך בין געווען צעטומלט. איך בין דאָך געקומען אַהער צו שטודירן אַמעריקע, צו פּרואוון געפינען אַן אָרט אין דעם הויפּט־שטראָם פון אַמעריקאַנער לעבן, און איצט שלאָגט מען מיר פאָר, אַז איך זאָל פונקציאָנירן גראָד ווי אַ פרעמדער, ווי אַ רוס. וועט דאָס מיך ניט אָפּקערן פון דעם וועג, וואָס איך האָב פאַר זיך אָנגעצייכנט? וועט מיין בוך וועגן רוסלאַנד ניט זיין קיין שטערונג פאַר מיר אין מיין פאַרזוך זיך איינצוואָרצלען אין אַמעריקע?

פּראָפעסאָר סימכאָוויטש האָט אָוועקגעגעבן אַ סך צייט אויף צו איבערציַיגן מיך, אַז דאָס איז פאַר מיר אַ פּאַסיגער געגנשטאַנד. ס'איז אָנגענומען, האָט ער געזאָגט, אַז סטודענטן, וואָס קומען פון פרעמדע לענדער, זאָלן שרייבן אַ טעזיס איבער אַ געגנשטאַנד וואָס האָט צו טאָן מיט זייער היים־לאַנד. דאָס, האָט ער געזאָגט, באַרייכערט דאָס אינטעלעקטועלע לעבן פון דעם אוניווערזיטעט. דאָס העלפט פאַרוואַנדלען דעם אוניווערזיטעט אין אַ וועלט־צענטער פון וויסן.

איך האָב איינגעשטימט.

דאָס בלוט פון מאַרטירער

דאָס בלוט פון מאַרטירער

זיי גיסן אונזער בלוט.

זיי קוועטשן עם ארוים מיט אייזערנע פּרעסן אין די אייזן־פאַבריקן; זיי לאָזן עס טריפן — פּעך־שוואַרצע ריטשקעס — אין קוילן־קאַטאַקאָמבן; זיי זויגן עס אַריין אין איידעלע זיידנס, טייערע שפּיצן, לאַשטשענדיגע זייגערס, שיינקייט, גלאַנץ.

זיי שטייען איבער אונזערע קעפּ מיט אַ בייטש געפלאָכטן פון הונגער, פּחד, פאַרצווייפלונג. זיי פּאַסעווען אונזער ליב מיט דערנער פון שאַנד, פאַר־אַכטונג און האַס. זיי שטעלן אַ גאָלדענעם גולם אַוועק צווישן אונז און זאָגן:
„בוק זיך! קוש די גראָבע לאַפּע! רויכער ווייר׳ויך פאַר דעם ברייט־צעעפנטן פּיסק!״

ווען מיר זאָגן „ניין״, רופן זיי די הענקער.

געפּוצט מיט פליטערלעך זיינען די הענקער. סאַמעט־ווייך די כשר׳ע הענט. לויטערער בוימל די קיילעכדיגע רייד. פון די מינע, הייליק דער זיפץ. „אין נאָמען פון יושר. אין נאָמען פון גלייכהייט. אין נאָמען פון גאָט ברוך הוא לייגן מיר דיך אַוועק אויפן קלאָץ און פאַר דיין אייגענער טובה, כדי דו זאָלסט מער ניט קענען זינדיגן, שניידן מיר דיר איבער דעם רעבעלישן האַלז. אמן. אמן.״

אין נאָמען פון רעכט. אין נאָמען פון דעמאָקראַטיע.

:: :: ::

אַ ווינטל וויעט. אַ שטילער אָוונט לאָזט זיך אַראָפּ אויף פּרוכט־באַלאָדענע פעלדער. טייכלעך מורמלען. ערגעץ זינגט אַ גריל. ערגעץ שמעקט אַ רויז. אויבן ליגט אַ ברייטער בלאָער הימל. אין זייער טויטן־שטיבל וואַרטן צוויי חברים. אין זייער קבר־שטיבל ציילן צוויי חברים די איבערגעבליבענע מינוטן. איינער ווענדט זיך ס׳לעצטע מאָל מיט טויט־פאַרשמאַכטע ליפּן צו די ברידער־אַרבעטער פון דער גאַרער וועלט. איינער פלעכט נאָך פון גאַל און שפּאָט אַ ניט־דערזאָגטן פלוך. אַ גרויסע ביינערדיגע האַנט שטרעקט זיך אויס, קלאַמערט זיי אַרום. ווערגט, ווערגט...

אין מיושב׳דיגע ביבליאָטעקן, צווישן אַלטע שווערע בענד, מיט אַ ריין

געמיט און א רואיגן האַרץ, זיצן די געלערנטע הענקער. שיין איז די וועלט. גאָט איז גערעכט. געטלעך איז דער משפּט. דער ווילן פון די הערשער זאָל געשען.

:: :: ::

העי, איר, פאַרהאַרעוועטע, פאַרשמאַכטע, וואַכט אויף!

איר, אייזן-שמעלצער פון גערי, הויבט אויף אייערע אויגן פון דעם גיהנום, ווישט אָפּ דעם שוויים פון די פאַרברענטע שטערנס, קוקט זיך אַרום!

איר, קופּער-גרעבער פון מאָנטאַנאַ, גלייכט אויס אייערע צעבויגענע רוקנס, לאָזט אַראָפּ אייערע שווערע העק, וואָס דרילעווען דעם בויך פון דער ערד, הערט זיך איין!

איר, גומי-גיסער פון עקראָן, קירעוועט אָפּ אייערע פּנים׳ער פון די הייסע, שלעכט-שמעקנדיגע שטאָפן, כאַפּט איבער דעם צעוויטיגטן אָטעם. פרעגט: וואָס טוט זיך?

איר, וועבער פון לאָרענס, שטעלט אָפּ די טייוולש-איילנדיגע מאַשינען, גייט אַרויס פון די איבערגעהיצטע מאַטער-קאַמערס, רעדט זיך דורך!

איר, אייזנבאַן-מאַשיניסטן איבער דער לענג און ברייט פונעם גע-וואַלטיגן לאַנד! כאַפּט די נייעס, וואָס טראָגט זיך פון נאָנט און ווייט, דרינגט אַריין, פאַרשטייט איר זין!

איר, אַרבעטער פון שטאָל און האָלץ, פון לייוונט און שטיין, פון פלייש און פעך, פון אויל און קוילן און קאַטן און לעדער און גאָלד און בליי, איר וואָס אַרבעט אין דער ערד און אונטערן וואַסער און אין די וועלדער און איבער די הייזער און אין בויך פון די שווער-געלאָדענע שיפן, איר, וואָס איר בויט דאָס מעכטיגע לאַנד — פון די אוראַלטע קענעדער וועלדער ביז די בלאָע קאַריבעיאישע וואַסערן, פון דעם אייביג-פיבערדיגן ניו יאָרק ביז דעם פאַר׳חלום׳טן בלומען-געוועבטן סאַן דיעגאָ און עט ווייט איבער די ברעגן פון מעקסיקאָ און ווייטער — איר אַלע געמוטשעטע, געטריבענע, קיינמאָל מיטן ברויט ניט זיכערע, אונטער די פיס געטראָטענע, פאַר קיין מענטשן ניט געהאַלטענע — קוקט זיך אום וואָס טוט מען מיט אייך! פאַר אַ וואָרט פון אומרו שיקט מען אייערע ברידער צום טויט. פאַר ניט וועלן שלום מאַכן מיט אייער קנעכטשאַפט שעכט מען די קעמפער. חוצפּה׳דיג, גאוה׳דיג, ברוטאַל, פאַר אייערע אַלעמענס אויגן פירט מען אויפן עשאַפאָט די שטורעם-פייגל פון אייער קלאַס, די רופער פון אייער באַפרייאונג!

העי, איר שקלאַפּן, ווען וועט איר שוין דערפילן, אַז איר זייט די שטאַרקע און אַז קיין מאַכט קען ניט ביישטיין געגן אייך, ווען איר ווילט נאָר?

:: :: ::

סאַקאָ! וואַנזעטי! ברידער־מאַרטירער! ווי די ערשטע פרילינג־פויגלען האָט איר זיך אָנגעשטויסן אָן דעם אייז פון אייערע ברידער'ס הערצער, דעם אייז פון אומוויסנהייט, פאַרטעמפּטקייט, גלייכגילט. האָט איר טראָפּן נאָך טראָפּן אָפּגעגעבן דאָס וואַרעמע בלוט פון אייערע ליבע־פולע הערצער און דער אייז נעמט זיך שמעלצן.

סאַקאָ! וואַנזעטי! אין אַ פינצטערער צייט זייט איר געבראַכט געוואָרן צום ראַנד פון קבר, אין אַ שעה פון געשיכטע ווען ס'פייפט די בייטש, עס וואָיען די וועלף, עס שטייגט דער חשך — און אָפּגעלאָזט זיינען די הענט פון די מאַסן און פאַרראַטן האָבן די פירער, און דער געלער גאָט פון רויב און שאַנד שטשירעט די ציין און לאַכט זיך אויס פון דער וועלט.

סאַקאָ! וואַנזעטי! מיר האָבן געטאָן און טוען אַלץ, וואָס מיר קענען — מיר די ווייניגע, די זעענדיגע, די פאָראויס־גייענדיגע, די ניט־באַזיגטע. מיר האָבן אייך אַרומגערינגלט מיט אונזער ליבשאַפט, ווי מיט אַ רויטער פעסטונג; מיר האָבן אייך אַרומגעפּאַקט מיט דעם שטורעם פון אונזערע פּראָטעסטן; מיר האָבן אויפגעהויבן אונזער קול אין אַ הויכן און ברענענדיגן רוף. אָבער קליין איז אונזער צאָל צווישן די צענדליגער מיליאָנען פון אונזערע קלאַסן־ברידער, וואָס ליגן נאָך געפּלעפּט אינעם שונא'ס נעצן, און גרויס איז דער פאַרראַט פון די, וואָס האָבן יאָ געקאָנט, אָבער ניט געוואָלט דורכלעכערן די טויבע וואַנט און אויפהויבן די מאַסן.

נאָר איר מוזט לעבן!

:: :: ::

ברידער! מאַרטירער! גרויס איז דער ווייטאָג. שווער אויפן האַרצן. וואָס זאָלן מיר לייקענען — ס'איז אַ טאָג פון צער פאַר אונז אַלע.

סאַקאָ! וואַנזעטי! טרייסט זיך: איר זייט ניט אַליין. מיר זיינען מיט אייך. אונזער האַרץ איז אָנגעפילט מיט אייער פּיין. אונזער בלוט ציטערט מיט יעדן טראָפּן פון אייער בלוט.

סאַקאָ! וואַנזעטי! מיר שווערן. ביי אייער מאַרטירערטום שווערן מיר צו האַלטן פעסט די פאָן, צו גיין דרייסט פאָראויס, צו וועקן די אָפּגע־שטאַנענע, צו פאַראייניגן די צעזייטע, צו מאַכן זעענדיג די בלינדע, צו שמידן אַ כח, צו הויבן אַ פויסט.

מ. אָלגין

סאַקאָ! וואַנזעטי! ניט אומזיסט אייער קרבן. אויף אַ גוטן באָדן פאַלן די זאָמען פון אייער אַרבעט. ס'וועט קומען דער טאָג. ס'וועט אויפשטיין דער שקלאַף. ס'וועט אַ ברודער דערקענען אַ ברודער. ס'וועלן זיך שליסן די רייען. ס'וועט קומען נקמה. עס וועט קומען באַפרייאונג.

פון מאַרטירער־בלוט וועט אויפשטיין דערלייזונג.

מיר שווערן.

אויגוסט, 1927.

ביי טאָם מוני'ן אין געפענגעניש

ער האָט יונגע אויגן — דער גראָ־געוואָרענער מוני. זיי זיינען רירעוודיג, שפּילעוודיג, פול מיט חן. זיי זיינען קלוג. הינטער זייער גלאַנץ ליגט אַ טיפער ערנסט, ליגן באַהאַלטענע שאָטנס. אָבער איצט לאַכן זיי און פינקלען. דער מענטש ציט איך צו מיט זיינע אויגן. איר זאָגט זיך גלייך: „סאַראַ סימפּאַטישער מענטש." מסתמא פאַרמאָגט ער הומאָר.

טרויעריג? נידערשלאָגן? הויבט זיך גאָר ניט אָן! טאָם מוני ווייסט גוט זיין אייגענע באַדייטונג. טאָם מוני איז צופיל געזעלשאַפטלעכער מענטש, אַז ער זאָל זיך פילן איינזאַם. „ווען אַ מענטש טראַכט נאָר וועגן זיך אַליין", זאָגט ער מיר, „ווען אַ מענטש קומט אַהערצו אַריין מיטן געדאַנק, אַז אַט וועל איך אָפּלעבן מיינע יאָרן איינער ווי אַ שטיין, אָן אַ פאַמיליע, אָן פריינט, פאַרלאָזן, שטום — איז אים קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. די גראָע טורמע עסט אויף די מונטערקייט און די פרייד. אָבער איך!..." טאָם מוני טוט אַ מאַך מיט דער געזונטער פאַרברוינטער אַרבעטער־האַנט, און ס'טוט פון אים אַ ווײַ מיט כח.

טאָם מוני איז ניט געבראָכן. אָ, ניין! פּונקט פאַרקערט. טאָם מוני איז פול מיט ענערגיע, מיט שלאָג־קראַפט. ער איז דינאַמיש. ער איז אַ שפּרודלדיגער קוואַל פון איינפאַלן און פּראָיעקטן. ער איז ניט דער „אומגליקלעכער פאַרצווייפלטער געפאַנגענער", וואָס לאָזט אַנדערע באַזאָרגן זיין גורל. ער אַליין פירט אָן מיט זיין פאַרטיידיגונג, מיט זיינע קאַמפּאַניעס, מיט דעם גרעסטן טייל פון דער מוני־באַוועגונג. די טויער אין סאַן־פראַנציסקאָ דערציילן מיר, אַז אויב ער איז ניט מסכים מיט דעם אָדער יענעם פּלאַן פון אַרבעט, איז אים שווער צו באַוועגן. ער איז אַן עקשן. ער גלויבט אין זיך. און ער איז ווייט פון צו זיין אַ שוואַכלינג.

„איך בין דער צענטער פון אַ גרויסער וועלט־אישו", זאָגט ער מיר, און אין זיינע אויגן צינדט זיך אָן אַ גרינלעך פייערל. „מיין לעבן אין געפענגעניש איז אפשר אַ סך מער ווערט פאַרן אַרבעטער־קלאַס, ווי ס'וואָלט געווען מיין לעבן אויף דער פריי."

אַ מענטש, וואָס קען דאָס זאָגן, וועט זיך שוין ניט פילן דערשלאָגן און איינזאַם.

דער פֿאַקט איז, אַז טאָם מוני איז כּסדר באַשעפֿטיקט. דער קאָפּ אַרבעט. די געדאַנקען גייען — פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ביז כינע און ניו יאָרק, פֿון דער וועלט־מלחמה ביז דער היינטיגער מלחמה. די געדאַנקען נעמען אַרום פּאַרטייען און באַוועגונגען, פּראָגראַמען און טאַקטיקן, פּאָליטיקער און פּרעסע. די געדאַנקען נעמען אַרום אַ גאַנצע וועלט אין אַ צייט פֿון קריזיס און רעוואָלוציאָנערן אויפֿשטייג. דער עיקר זיינען די געדאַנקען פֿאַרנומען מיט אַריינפּאַסן די מוני־באַפֿרייאונגס־באַוועגונג אין די ראַמען פֿון אָט־דער גרויסער פֿאַרשיידנאַרטיגער וועלט.

— אונזערע נעקסטע טריט וועלן זיין — זאָגט ער וועגן זיך און זיין קאָמיטעט — אויפֿדעקן די צעפּוילטקייט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער יוסטיץ־מאַשין, באַווייזן די אַרבעטער פֿון דער וועלט, אַז מען קען זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף קאַפּיטאַליסטישע ריכטער און באַסישן יושר. צוליב דעם צוועק וועלן מיר נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל זיך ווענדן צום געריכט. ס׳איז דאָ נאָך איין אָנהאַלט פֿאַר דער פֿאָדערונג פֿון אַ נייעם פּראָצעס. ס׳איז דאָ איין אינדאַיט־מענט, וואָס וועגן איר האָט דאָס געריכט נאָך ניט געהאַנדלט. דער ריכטער האָט געוואָלט בטל מאַכן די אינדאַיטמענט; איך בין געגן. איך וועל פֿאָדערן אַ פּראָצעס — און דאָס וועט מיר געבן אַ געלעגנהייט צו קעמפֿן געגן דער קאַפּיטאַליסטישער יוסטיץ־מערדעריי.

טאָם מוני מערקט אַליין ניט די באַדייטונגספֿולקייט פֿון דעם וואָס ער זאָגט. אַן אַרעסטאַנט, אַ קרבן, זעכצן יאָר אין די נעגל פֿון יוסטיץ, האַלט אין איין קעמפֿן געגן דער דאָזיגער פֿאַרברעכערישער יוסטיץ, פֿילט זיך ניט באַזיגט, פּלאַנעוועט אַ וווייטערדיגע אַטאַקע. ווי איז דאָס מעגלעך? ווייל ס׳איז ניט ער אַליין: ס׳איז דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־קלאַס, וואָס קוקט אויף אים ווי אויף אַ סימבאָל.

האָט קיין רחמנות ניט אויף טאָם מוני׳ן. ער אַליין האָט אויף זיך ניט קיין רחמנות. ער איז אויפֿגעבראַכט, צאָרנדיג, האַסיג; ער ברענט מיט פּראָטעסט — און ער פֿאָדערט פֿון אונז, אַז מיר זאָלן זיך אָנשטעקן מיט זיינע געפֿילן. ער פֿאָדערט אָבער ניט קיין רחמנות.

איז ער שוואַך? איז אים לאַנגווייליג? פּרעסט אויף אים די טורמע?

ער שטעלט זיך אויף אין זיין גאַנצער גרויס — אַ גראָער מענטש מיט רויטלעכע באַקן און גרינלעכע יונגע אויגן; ער הויבט אויף זיין קאָפּ איבער אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס. ער זאָגט:

— אָט האָבן מיר שוין פֿאַרבראַכט אַ שטיקל צייט. אָט האָט איר מיט מיר גערעדט וועגן אַלערליי זאַכן. זע איך אויס שוואַך? מאַך איך דעם

איינדרוק פון א מענטשן, וואס לאנגווײלט זיך? ליגט אויף מיר א טורמע־שטעמפל?

און חבר מוני דערציילט מיר, ווי ער האט זיך געפילט אומגעזונט צוריק מיט א צייט. ער האט טאקע געקרענקט. ס'זיינען אים ארויסגעפאלן די אויבערשטע ציין. איצט פילט ער זיך שטארקער. די קינסטלעכע ציין ארבעטן גוט. דאס געזונט האט זיך פארבעסערט. נאר איין זאך איז אומאנגענעם: די ארבעט. ער האט א ספעציעלע טורמע־ארבעט: שיילן קארטאפל און רייניקן גרינסן פאר דער קיך. אלע טאג דארף ער אפשיילן ניט ווייניקער ווי פיר הונדערט פונט קארטאפל און איבעררייניקן א הונדערט פונט גרינסן. די ארבעט אליין וואלט ניט אויסגעמאכט, כאטש מען דארף אויפשטיין פיר אזייגער אין דער פרי. נאר וואס דען? די לופט. די ארבעט ווערט געטאן אין א צימער, וואו עס באדן זיך, וואשן זיך און גאלן זיך ניין און צוואנציק טורמע־אויפזעער. יעדער איינער איז שווייסיג; יעדער איינער לאזט לויפן הייסע וואסער. די לופט איז פארדומפן. קיין פענצטער אדער לופטשיק איז אין צימער ניטא. עס איז פיר גלאטע ווענט מיט א טיר אין איין וואנט. ווען א מענטש האט פארבראכט אכט־ניין שעה אין אזא אטמאספערע, טוט אים וויי דער קאפ.

— דעריבער — זאגט מוני — גיי איך ניט זיך אפרוען אין קאמער נאך דער ארבעט, ווי איך וואלט דאס געקענט טאן, נאר איך גיי ארויס אין דרויסן א שפאציר טאן, כאפן א ביסל פרישע לופט. דאס דערקוויקט, און נאר א דאנק דעם קען איך זיך האלטן.

דאס ליכט איז די קאמערן לעשט מען אויס א פערטל נאך צען; שלאפן, הייסט עס, שלאפט מען ווייניגער ווי זעקס שעה.

— ווי איז די באציאונג פון די קרימינעלע צו די פאליטישע און צו אייך? — פרעג איך מוני'ן.

א טונקלקייט שפרייט זיך אויס אויף זיין פנים.

— איך וועל אייך זאגן. דער קרימינעלער ארעסטירטער האט נאר איין געדאנק — פארבעסערן זיין אייגענע לאגע. ער איז ווי א חיה אין וואלד. ער טראכט ניט וועגן אנדערע מענטשן. לויט זיין קוק אויף זאכן איז ער פון דעם זעלביגן סארט, ווי די אויפזעער און די גאנצע קאפיטאליסטישע וועלט. אין געפענגעניש באגעגנט ער פאליטישע, וואס זיינען אנדערש. ער זעט, אז די באאמטע קוקן אויף זיי קרום. ער ווערט באלד געוואר, אז זיי זיינען דעם באאמטנטום ווי א דארן אין זייט. נו, נעמט ער נאכשפיאנירן נאך די

פּאָליטישע און זיי שטילערהייט מסר'ן פאַר די שליסער. דערפון קומט מיר אויס אַ סך צו ליידן...

איך קוק אַרוים אינדרויסן. פאַרן טויער זיצט אַ שליסער. צום טויער אונטער אַ וואַך פון אויפזעער אין כאַקי־אוניפאָרמען קומען צו אַרעסטאַנטן: גראָע רעקלעך, גראָע פּלודערן, גראָע צערעפּעטע שיך, גראָע פּנים'ער — איין גראָע קאָלאָנע. דער טויער עפנט זיך. דער לאַך פאַרשלינגט די גראָע פיגורן. דער שליסער קלינגט מיט די שליסלען.

אין אָט־דער גראָקייט איז מוני אָפּגעזעסן זעכצן יאָר — פאַר אַ פאַר־ברעכן, וואָס ער איז ניט באַגאַנגען.

מאַי, 1932.

ביי די סקאַטסבאָראָ־מוטערס

דעם אָוונט, וואָס איך בין געווען אין טשאַטאַנוגאַ, האָבן צוויי פּאָליס־לייט אינמיטן גאַס דערשאָסן אַ נעגער. זיי האָבן אים אַריינגעיאָגט פינף קוילן אין רוקן. פאַר די צייטונגען האָבן זיי נאָכדעם געמאָלדן, אַז זיי האָבן דעם נעגער געוואָלט אַרעסטירן, און ער האָט אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד: ער האָט זיך אויף איינעם פון זיי כלומר'שט געוואָרפן מיט אַ גרויסן לאַנגן מעסער. ווי קומט עס, וואָס די קוילן האָבן דעם געשטאָרבענעם געטראָפן דווקא פון הינטן — דאָס האָבן די געזעץ־היטער ניט געפּרואווט דערקלערן. דאָס איז אויך ניט נויטיג. עס האַנדלט זיך סך־הכל וועגן אַ נעגער.

די טשאַטאַנוגער פּאָליסלייט האָבן כאָטש געזוכט אַן אויסרייד. אין אמת'ן דאַרף אַ ווייסער גאָר קיין אויסרייד ניט צו באַפאַלן, שלאָגן, דערמאָרדן אַ נעגער אין די דרום'דיגע שטאַטן. „דאָס געזעץ", זאָגן די שוואַרצע. זיי ווייסן דאָס פון זייער טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג. זיי ווייסן נאָר ניט, אַז דאָס געזעץ איז געווענדט אויך געגן עקספּלואַטירטע ווייסע, ווי דאָס איז באַוויזן געוואָרן אין גאַסטאָניע, מאַריאָן, בירמענגהעם און אַנדערע דרום־דיגע שטעט, וואו די ווייסע אַרבעטער האָבן זיך געפּרואווט שטעלן געגן זייערע הערשער. דאָס געזעץ אין דער סאַוט איז אַ געזעץ פון די ווייסע קאַפּיטאַליסטן.

אין דער זעלביגער טשאַטאַנוגאַ האָט מען מיר אָנגערופן דעם נאָמען פון אַ רייכן ווייסן אַמעריקאַנער ,וואָס האָט פאַרגוואַלדיגט אַ דרייצן־יאָריגע נעגערשע מיידל. ער האָט זי, כלומר'שט, געדונגען פאַר הויז־אַרבעט, האָט אָפּגעטשאַטעוועט די צייט, ווען זי איז געווען אַליין אין הויז, און אויף איר געמאַכט אַ ברוטאַלן אָנפאַל. נאָך גוט, וואָס ער האָט זי ניט דערמאָרדעט. די עלטערן האָבן געמאָלדן דער פּאָליציי, אָבער מ'האָט דעם אָנפאַלער אפילו ניט געפּרואווט אַרעסטירן. דאָס ווייסע געזעץ קוקט ניט אויף זיין אַקט ווי אַ פאַרברעכן. ווען אַ שוואַרצער זאָל נאָר פאַרדעכטיגט ווערן אין אַזאַ אָנפאַל אָדער אַפילו אין אַ פאַרזוך צו מאַכן אַן אָנפאַל אויף אַ ווייסער, וואָלט מען אים פאַרברענט לעבעדיגערהייט. ביים ווייסן אָנפאַלער אין טשאַטאַנוגאַ איז דאָס, אגב, ניט געווען דאָס ערשטע מאָל: ער האָט שוין אַ „רעקאָרד" פון עטלעכע אַזוינע פאַרברעכנס.

„ריר זיך, ניגער!” „אוועק פונעם וועג, ניגער!” ווי וואגסטו קלאפן אין דער פארדערשטער טיר, דו שווארצע חיה!” „ווייס דיין פלאץ, פאר־פלוכטער אוממענטש!” ווען איר באזוכט די סאוט כאטש אויף עטלעכע טעג, ווערט אייך קלאר, אז די אלע טעראר־מיטלען פון די ווייסע הערשער געגן די שווארצע שקלאפן זיינען אן אויסדרוק פון שרעק. די הערשער האבן מורא פאר די נעגערס. זיי פילן, אז עפעס זאמלט זיך אין די ברייטע שווארצע מאסן, וואס בילדן ערטערווייז א מערהייט. די נעגער־מאסע, אפילו די ניט־באוואוסטזיניגע, איז אנדערש ווי צוריק מיט יארן. זי האט מער זעלבסט־אכטונג. זי האט זיך אויסגעלערנט לייענען. זי ווערט קולטורעל. זי איז אומצופרידן. זי ליידט נאך דערוויל מיט פארקוועטשטע ציין — אבער מ׳קען גאר ניט וויסן, וואס עס ליגט באהאלטן הינטער די אנגעשטרענגטע טונקעלע אויגן. עס וואקסט אן אומרו. עס פארשווינדט דער „גוטער נעגער”, וואס האט געקוקט אויפן ווייסן באלעבאס ווי אויף א גאט און קעניג. אפילו דארט, וואו די קאמוניסטן האבן נאך ניט קיין צוטריט צו די שווארצע שקלאפן, וואכט־אויף א טראציגער ווידערשטאנד.

אין א האלב־לעגאלן אפיס פון דער „אי־על־די” אין איינער פון די דרום׳דיגע שטעט קומט א נעגער־פרוי, א מיטל־יאריגע, אן אומבאוואוסט־זיניגע. אין צימער זיצן ווייסע מענער. די פרוי וויל זיך זעצן. רופט זי זיך אפ צו די ווייסע:

מיט אייער דערלויבעניש וועל איך מיך צוזעצן.

זאגט איר א חבר׳טע, א ווייסע:

— דארפסט ניט זיין אזוי העפלעך.

טוט די פרוי א גלאנץ מיט די קלוגע אויגן און ענטפערט:

— דאס איז דאך אונזער געווער.

און א קוים־באמערקבארער שמייכל באווייזט זיך אויף אירע ליפן.

אויף איין סעקונדע האט א פרוי פון דער מאסע אויפגעהויבן דעם שלייער פון אונטערטעניגקייט, וואס פארשטעלט די נעגערשע עקספלואטירטע. הינטער דער אונטערטעניגקייט ליגט א וועלט מיט פולווער — און דאס פילן די הערשער, און דעריבער די שטענדיגע מלחמה, און דעריבער די דעמאגאג־טראטיווע אטאקעס, און דעריבער דאס בארימען זיך מיט דער אייגענער אומגעזעצלעכקייט, און דעריבער סקאטסבארא. דער בלבול פון סקאטסבארא איז נאר א טייל פון דער טאג־טעגלעכער פראקטיק.

די אכט נעגער־אינגלעך זיינען פונקט אזוי שולדיג, ווי יעדע אנדערע אכט יונגע נעגערס, וואס מען וואלט ארויסגעכאפט פון דער גאס. זיי זיינען

קיין פארברעכן ניט באגאנגען. זיי זיינען אָבער נעגערס, וואָס געהערן צום ארבעטער־קלאַס אָדער צו די עקספּלואַטירטע פאַרמערס. ס'האָט זיך געמאַכט א געלעגנהייט צו קענען לינטשן אכט נעגערס — האָבן עס די ווייסע באַלע־באַטים ניט געוואָלט פארפעלן. מ'וואָלט זיי שוין לאַנג געלינטשט, ווען ניט די קאָמוניסטן.

— ווען ניט די „אי־על־די" — זאָגט מיר דזשעיני פּעטערסאָן, די מוטער פונעם פאר'משפּט'ן העיוואוד פּעטערסאָן — וואָלט מיין אינגל געווען טויט נאָך פאראיאָרן, דעם 10טן יולי. אויב מ'האָט אים אָפּגעראַטעוועט ביז אהער, איז נאָר א דאַנק דעם קאַמף. אויב ס'וועט פּאַרט ניט געלינגען אים צו ראַטעווען פונעם טויט, וועלן מיר כאָטש וויסן, אז מ'האָט פאר אים גע־קעמפט, אז מ'האָט געטאָן, וואָס מ'האָט געקענט.

דאָס וואָרט „קאַמף" איז ניי אין דעם ווערטערבוך פון חבר'טע פּעטער־סאָן, אָבער דער געדאַנק איז פאַר איר א גאַנץ נאַטירלעכער; מ'דאַרף זיך ווערן געגן שונא, מ'דאַרף אים באַפאַלן און פאַריאָגן. דאָס איז אַן ארבעט ניט אויף קיין טאָג און ניט אויף קיין יאָר, אָבער דאָס איז א וועג צו באַפרייאונג.

זי איז א געזונטע, קרעפטיגע, האַרעפּאַשנע פרוי פון 46 יאָר, מיט אַן אָנהויב פון גראָקייט אין אירע שוואַרצע האָר, אָבער מיט א נייער באַ־גייסטערונג אין אירע אויגן.

איר מאַן, חבר קלאָד פּעטערסאָן, איז אַן ארבעטער אין אַן אייזן־גיסעריי. אין די בעסטע צייטן האָט ער קוים פאַרדינט צום לעבן. איצט פאַרדינט ער 5 דאָלאַר א וואָך. די כאַטע („דהי קעבין") איז א הילצערנע, צונויפגעשלאָגן פון ברעטער, מיט שפּאַלטן און לעכער צווישן די ברעטער. די ווענט זיינען באַדעקט מיט צעריסענע שטיקער פּאַפּיר, וואָס זיינען אַמאָל געווען שפּאַליר, אָבער זיינען איצט פאַרגעלט און צעפּליקט. די מעבל איז אַלטע, הינקענדיגע, צעפּאָרענע; קיין עלעקטרישע ליכט איז ניטאָ; קיין וואַסער־לייטונג אויך ניט. לעבן לעבט מען אין דער גרעסטער דחקות. און דאָך איז דאָ א פאַר־לאַנג צו פאַרשענערן אָט־די „היים", צו מאַכן די אָרעמקייט וויניגער נאַקעט.

די אָרעמקייט — דאָס האָט אויך געבראַכט אויף דער פאַמיליע דעם איצטיגן מערדערלעכן בלבול.

— מיין אינגל העיוואוד — זאָגט זי מיר — האָט זיך ארומגעזען, אז ער מוז גיין פאַרדינען. אין טשאַטאַנוגאַ איז ניט געווען קיין ארבעט. און דאָ קומען די ראַיט־אינגלעך, ענדי און ראָי ראַיט, און דערציילן די נייעס, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון זייער טאַנטע. די ראַיטס האָבן א טאַנטע אין

מעמפיס, האָט זי געשריבן, אַז אין מעמפיס קען מען קריגן אַרבעט ביי די שיפן: אָנלאָדן און אויסלאָדן שיפן. זאָגט מיר העיוואוד: „מאַמע, איך וועל פאָרן; וואָס וועל איך דאָ אויסזיצן? די 5 דאָלאַר אַ וואָך איז ניט גענוג אויף עסן און קליידונג פאַר אונז אַלעמען. אפשר וועל איך קריגן אַ דזשאָב אין מעמפיס.‟ זאָג איך אים: פאָר, וואָס קען מען טאָן? אויף קיין בילעט, ווייסט איר דאָך, איז ניטאָ. אונזערע נעגערס האָבן ניט קיין געלט אויף בילעטן, און פאָרן מוז מען. פאָרט מען אין לײדיגע פראַכט־וואַגאָנעס. דאָס טוען דאָ אַלע. אין וואַגאָן האָבן זיך די קינדער צוזאַמענ־געטראָפן מיט אַ ווייסער גענג. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער אומגליק...

די חבר'טע פעטערסאָן איז אַזוי צוגעוואוינט צו איר אומגליק, אַז זי וויינט שוין ניט. עס גייט נאָר דורך אַ ציטער איבער איר שטימע. אַלטע צרות. שוין אויסגעוויינט אַלע טרערן.

די צרות האָבן צונויפגעבראַכט די מוטערס נענטער. פאַרן בלבול האָבן זיי זיך ווייניג געקענט. איצט פילן זיי זיך ווי אייגענע. און וויפיל מענטש־לעכקייט מען ווייזט אַרויס אין פנים פונעם געמיינזאַמען שונא!

מ'האָט איינגעלאָדן די מוטערס אין אָפיס פון דער „אי־על־די‟. מ'האָט זיי געדאַרפט לאָזן וויסן, אַז דאָס אינגל יודזשין וויליאַמס איז דער איינציגער, וואָס האָט באַקומען פון דעם העכסטן געריכט אין אַלאַבאַמאַ די דערלויבעניש אויף אַ נייעם משפט. דאָס האָט געהייסן, אַז די איבעריגע האָבן פאַרלוירן זייער אַפּיל. דאָס איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר די מוטערס. דזשעיני פעטערסאָן איז געווען די ערשטע, וואָס האָט דערהערט די נייעס. אַנשטאָט צו באַדויערן איר אייגענעם גורל, האָט זי געזאָגט: „עס פרייט מיך זייער פאַר דער מוטער וויליאַמס; איך בין באמת צופרידן, וואָס ס'איז דאָ אַ האָפענונג פאַר דעם וויליאַמס־באָי.‟ די צוריקגעשטאַנענע פרויען ווייזן אַרויס אַ מערקווירדיגע פּראָלעטאַרישע סאָלידאַרישקייט אונטער דעם אייזערנעם שטיוול פון די הערשער.

די מוטער פעטערסאָן ווייסט גענוי, וואָס זי וויל.

זי האָט אַנומלטן געדאַרפט רעדן אויף אַ גאַסן־פאַרזאַמלונג, וואָס מ'האָט אָרגאַניזירט אין טשאַטאַנוגאַ. שוין דאָס אַליין איז אַ געוואַלטיגע נייעס. אַ נעגער־פרוי אין אַ גאַסן־מיטינג אין דער סאַוט! דאָס דערוועקט דעם צאָרן און שרעק פון די הערשער. מ'האָט דעם מיטינג צעטריבן; מ'האָט עטלעכע אַרעסטירט. דזשעיני פעטערסאָן האָט זיך אויסגעדרייט, ווייל זי איז צופעליג געקומען שפּעטלעך. האָט זי זיך נאָכדעם געקלאָגט: „אַ שאָד, וואָס מ'האָט מיך ניט אַרעסטירט. ווען מ'ברענגט מיך פאַרן געריכט, וואָלט איך

געזאָגט צו דזשאָדזש פלעמינג: „איך טו פאַר מיין זון דאָס, וואָס איר וואָלט געטאָן פאַר אייער זון, ווען איר געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע.״

און איר מעגט זיכער זיין, אַז זי וואָלט דאָס געטאָן. זי האָט געגנוג טעמפעראַמענט און געגנוג קראַפט. איצט איז דאָס באַלויכטן געוואָרן מיטן ליכט פון אַן אידייע.

איך האָב זיך אינטערעסירט מיט די אינגלעך, מיט זייער כאַראַקטער. די מוטער פעטערסאָן זאָגט מיר:

— אַ שטיל אינגל, העיוואָוד. ניט קיין הוליאַקע. ניט קיין ווילדער. קיינמאָל שפעט אַהיים ניט געקומען, אַ חוץ דעם איינציגן מאָל, ווען אַ ווייסער האָט אים געשיקט מיט אַ פעקל און מ׳האָט אים אַרעסטירט צוליב שפעטע שטונדן.

פרעג איך: וואָס איז דאָס פאַר אַ „שפעטע שטונדן״?

ווייזט זיך אַרויס, אַז אין טשאַטאַנוגאַ איז דאָ אַ געזעץ, אַז מ׳קען פאַרהאַלטן אַ נעגער, וואָס באַווייזט זיך אין גאַס שפעטער פון צען אַזייגער. העיוואָוד׳ן האָט אַ ווייסער איינמאָל געשיקט ערגעץ מיט אַ פעקל; מ׳האָט אים ניט אַזוי גיך אָפּגעפּאַרטיגט; ס׳איז געוואָרן שפעט — האָט אים דערפאַר די פּאָליציי אַרעסטירט אין גאַס. דאָס איז געווען דאָס איינציגע מאָל, ווען ער איז אַהיים ניט געקומען אין צייט.

— מיין אינגל איז אומשולדיג — זאָגט חבר׳טע פעטערסאָן מיט טיפער איבערצייגונג. — אַ מאַמע קען אירע קינדער. מיין אינגל איז ניט פיאיג אויף קיין אָנפאַל.

:: :: ::

די ראַיט־משפּחה לעבט אין טשאַטאַנוגאַ, און פון איר האָב איך געהערט אַ פּאָר אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דעם בלבול. ענדי און ראָי זיינען געפאָרן קיין מעמפיס, ווייל די מוטער ראַיט האָט פאַרדינט 5 דאָלאַר אַ וואָך און ס׳איז ניט געווען מיט וואָס צו לעבן (קיין פאָטער איז ניטאָ). די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון 5 קינדער מיט דער מוטער. אַ מומע האָט געשריבן פון מעמפיס, אַז מ׳קריגט אַרבעט ביים אָנלאָדן שיפן. ראָי דער איינגערער, איז דעמאָלט אַלט געווען דרייצן יאָר.

איצט האָט מען אין געפענגעניש געפּרוּווט באַאיינפלוסן ראָי׳ען, אַז ער זאָל פאַר׳מסר׳ן די איבעריגע. מ׳האָט דעם פערצן־יאָריגן צוגעזאָגט פולע פרייהייט און 500 דאָלאַר מזומנים, אויב ער וועט מעלדן, אַז די אינגלעך האָבן פאַרגוואַלטיגט די צוויי ווייסע פּראָסטיטוטקעס. ראָי האָט זיך אָפּגע־

זאָגט. ער שרייבט דער פאַמיליע: „ווי קען איך קויפן מיין פרייהייט פאַרן פרייז פונעם טויט פון מיינע פריינט?"

די אינגלעך אַליין זיינען אויך אָפּגעשטאַנען. קיין ליטעראַטור לאָזט מען צו זיי ניט צו. קיין פּראָפּאַגאַנדע קען מען צווישן זיי ניט פירן. אָבער אין אַלגעמיין, אויף אַן אומבאַשטימטן אופן, ווייסן זיי, אַז זיי דאַרפן זיך פאַרלאָזן אויף די „אַרבעטער" און אַז אין קאַמף איז זייער רעטונג.

:: :: ::

מעימי וויליאַמס, די מוטער פון יודזשין וויליאַמס, איז אַ סך אָרעמער ווי די פעטערסאָנס. איר מאַן האָט זי פאַרלאָזן — אַ פרוי פון אַ יאָר צוויי־און־דרייסיג, מיט זעקס קינדער, פון וועלכע יודזשין איז דער עלטסטער. די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין איר שטיבל, האָבן צוויי יונגען, איינער פון דריי און איינער פון פיר יאָר, אָפּגעריסענע, זיך געראַנגלט אויף דער שמוציגער פּאָדלאָגע אין אַ פריינטלעכן געראַנגל, בלישטשענדיג מיט גרויסע בולט'ע ברוינע אויגן און שטשירענדיג געזונטע ווייסע ציין. אַ דריטער האָט זיך געטוליעט ביי דער מאַמע'ס פאַרטוך. צוויי זיינען געווען אין שול. יודזשין, דער פופצן־יאָריגער, איז אין טויטן־הויז. ווען מ'האָט אים אַרעסטירט, איז ער אַלט געווען פערצן יאָר.

מעימי וויליאַמס ווייזט מיר אַ קאַרטל, וואָס זי האָט געקראָגן פון איר זון. אויף אַ גלאַט שטיקל פּאַפּיר האָט אַ קינד מיט אַ קינדערשער האַנט אויסגעמאָלן עפּעס אַ געפלעכט פון ליניעס מיט אַ רויטן האַרץ אינמיטן. דאָס איז יודזשינ'ס האַרץ, וואָס ברענט מיט ליבע פאַר זיין מאַמען. אָט־דאָס קינד זאָל האָבן באַגאַנגען דעם פאַרברעכן פון פאַרגוואַלטיגן אַ דערוואַקסן מיידל. ס'אַרא אומזין!

חבר'טע וויליאַמס איז אַ סך מער קולטורעל, איידער חבר'טע פעטערסאָן. זי רעדט אויך אַ מער אינטעליגענטע שפּראַך. פון איר האָב איך געהערט אַ זייער קלאָרן באַריכט וועגן דעם בלבול. דער אמת'ער פאַרברעכן פון די אַרעסטירטע אינגלעך איז דאָס, וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט נעגן אַ באַנדע ווייסע בוליגאַנעס. די ווייסע און שוואַרצע זיינען געפאָרן אין איין וואַגאָן. די ווייסע האָבן זיך גענומען טשעפּען צו די שוואַרצע. וואָלטן יענע אַנגעבויגן די קעפּ און געשוויגן וואָלט קיין זאַך ניט געשען. די שוואַרצע האָבן אָבער אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד און צוריקגעשלאָגן די אַטאַקע פון די ווייסע. דאָס איז פאָרגעקומען אויפן וועג צווישן טשאַטאַנוגאַ און מעמפיס. אין פּעינט ראַק זיינען די ווייסע בוליגאַנעס אַראָפּגעגאַנגען און

געמאָלדן די סטאַנציע־באַאַמטע, אַז אַ באַנדע נעגערס האָט זיי געשלאָגן. ווען מיידלעך האָבן זיי לכתחילה גאָר ניט דערמאָנט. ערשט אויף דער סטאַנציע האָבן זיי באַמערקט די צוויי מיידלעך — און די געשיכטע איז באַלד געענדערט געוואָרן. ס'איז אַרויסגעקומען אַ מעשה מיט „פאַרגוואַלטיגן ווייסע פרויען" — דער שטענדיקער אויסרייד פאַר לינטש־מערדערייען.

— אָבער — זאָגט מיר חבר'טע וויליאַמס — איין זאַך האָט די „אַי־על־די" שוין אויפגעטאָן: זי האָט ניט דערלאָזט די לינטשערס צו טויטן די אומשולדיגע אָן אַ ווידערשטאַנד. זי האָט זיי געראַטעוועט ביז אַהער. אויב מ'קען זיי בכלל ראַטעווען, וועט זי דאָס טאָן.

אויך די חבר'טע וויליאַמס איז אַ טוערין פאַרן „אַי־על־די". זי האָט פאַר איר צוגעקראָגן עטלעכע צענדליג מיטגלידער.

פון וואָס לעבט די חבר'טע וויליאַמס? מיט איר צוזאַמען וואוינט אירע אַ שוועסטער, אַ מיידל פון אַ יאָר פופצן. איין מאָל אַ וואָך קריגט דאָס מיידל אַ טאָג אַרבעט ביי דער שטאָטישער צדקה־אַנשטאַלט. פאַר אָט־דעם טאָג אַרבעט גיט מען איר אַ פעקל שפייז: קאַרטאָפל, פאַסאָליעס, אַרבעס. מיט דעם פעקל דאַרף די גאַנצע פאַמיליע אויסקומען אַ גאַנצע וואָך. ווען ניט די פאַר דאָלאַר, וואָס די „אַי־על־די" וואַרפט אַריין, וואָלט מען פשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער. מיט אָט־די דאָלאַרן איז אויך ביטער. די שטוב איז אַ בילד פון ערנסטן דלות. קיין מעבל איז כמעט ניטאָ. די כאַטע איז וויסט, האַלב צעבראָכן. דאָך קאָסט זי עלף דאָלאַר אַ חודש. ווען מעימי וויליאַמס האָט געלעבט מיט איר מאַן, און דער מאַן האָט געהאַט שטענדיגע אַרבעט, האָט ער פאַרדינט 5 דאָלאַר אַ וואָך פאַר זעקס טעג אַרבעט אין אַ שלאַכט־הויז „פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג". אין די זאָקן־פאַבריקן פון טשאַטאַנוגאַ פאַרדינען פרויען 3-2 דאָלאַר אַ וואָך ביי אַ 12־שעה'דיגן אַרבעטס־טאָג, אָבער קיין שוואַרצע לאָזט מען אַהין ניט אַריין.

איידער איך האָב פאַרלאָזט די וויליאַמס־כאַטע, האָט מען אַהין געבראַכט דאָס געשטעל פון אַן אייזערן בעטל. מ'האָט עס צוגעשיקט פון די פעטערסאָנס, וואָס זיינען „רייכער". דאָס בעטל האָט ניט געהאַט קיין מאַטראַץ, אָבער אַלץ בעסער ווי גאָרניט. אפשר וועט די „אַי־על־לי" באַזאָרגן אַ מאַטראַץ — און בכלל, ווי די חבר'טע פעטערסאָן האָט מיר געזאָגט:

— „ווי'וו גאַט טו סטיק טוגעטהער" (מ'דאַרף זיך האַלטן אייניג).

עס וואַקסט אַ נייע איינינקייט פון די ווייסע מיט די שוואַרצע עקספלואַטירטע.

מאַי, 1932.

אומרו אין דעטראָיט

אין דעטראָיט לעבט מען נאָך מיטן „בלוטיגן מאָנטאָג״. מען וועט נאָך לעבן חדשים און יאָרן. דער בלוטיגער מאָנטאָג איז אַ רויטער פּאַס. ער טיילט אָפּ דעם נעכטן פונעם מאָרגן. נעכטן האָבן נאָך פאַרנאַרטע אַר־בעטער געגלויבט, אַז פאָרד וועט זיי צו פּאַראייניגן גרויסע קאַפּי־טאַליסטישע פּראָפיטן מיט אַרבעטער־גליקן. היינט ווייסן שוין אַלע, אַז אַרבעטער קריגן פון פאָרד׳ן אָנשטאָט ברויט — קוילן. מאָרגן וועלן די אַרבעטער אויפשטיין אין רעוואָלט געגן פאָרד׳ס קלאַס און געגן פאָרד׳ן גופא.

ווייל די אַרבעטער גרייטן זיך צום מאָרגן, לעבן זיי מיטן שטורעמדיגן מאָנטאָג. אין טויזנטער איינצלהייטן דערמאָנט מען דעם גרויסן הונגער־מאַרש. פון מויל צו מויל גייען באַשרייבונגען פון די מענטשן, זייער צו־זאַמענשטויס, זייער אָנפאַל, זייער מוט. אין די פּאָר טעג, וואָס כ׳האָב פאַר־בראַכט אין דעטראָיט, האָט מען מיר איבערגעגעבן בילד נאָך בילד. איניגע האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון.

פערי האָל. שוואַרץ־באַהאַנגענע ווענט. רויטע פאָנען איבער שוואַרץ. פיר קאַסטנס. אין יעדן קאַסטן — אַ טויטער. יונגע מענטשן. פּנים׳ער צוגעדעקט מיט טויטלעך־געלער ווייסקייט. אַ גרויסע רו אויף די פאַרמאַכטע אויגן. אַרום די קאַסטנס — די ערן־וואַך פון די יונגע קאָמוניסטן. שטיל שטייען זיי, אָבער אויגן פלאַקערן. פעסט געשלאָסן די ליפּן, אָבער אין האַרצן זיצט אַ שטורעם. גלייך, פעסט, טראָציג שטייען די יונגע. דער טויט באַהעפט זיי נעענטער מיטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. דער נדר: „נוקם זיין זיך״, האַמערט אין בלוט. אומבאַוועגלעך שטייען זיי — און גרויסע וועגן, וועלטן־גרויסע שטרעקעס לויפן־דורך זייערע געמיטער.

טויט ליגן די פיר חברים. איבערגעזעטיגט מיטן לעבן שטייט אויף דער וואַך די יוגנט. אַלע פופצן מינוט ווערט די וואַך געביטן. אַ יונגע חבר׳טע פירט פאַנאַנדער די וואַך אויף אַ מיליטערישן אופן. זי האַלט זיך, ווי אַ רויטער קאָמאַנדיר. זי פירט־צו דעם נייעם חבר, הויבט אויף די פויסט אין סאַלוט. דער ניי־געקומענער ענטפערט מיטן זעלבן סאַלוט. דער פריער־דיגער וואַך־מאַן טרעט צוריק. דער נייער פאַרנעמט זיין אָרט. און ווידער שטיל. ווידער אומבאַוועגלעך די וואַך. נאָר די אויגן רעדן.

טויט ליגן די פיר דערמאָרדעטע. פון דער פּלאַטפאָרמע קוקט אויף זיי א ריזיגער פּאָרטרעט פון לענינ'ען, געמאָלט מיט שווארץ אויף ווייסן, באַלויכטן פון הינטן. פון די ווענט רעדן אויפשריפטן: „ארונטער מיטן טעראָר!״; „זייער טויט איז ניט געווען אומזיסט״; „זייט רואיג, חברים, מיר וועלן פאָרזעצן אייער ארבעט.״ ביי דער טיר שטייען טישן מיט אפּליקאַציעס און רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. איין טיש — פאַר דער פּארטיי און דער ליג; אַן אַנדער טיש — פאַר דער אויטאָ־יוניאָן. ביי די טישן חברים, וואָס פארטרעטן די קאָמפּארטיי, דעם קאָמיוג, די פּיאָנערן, די רויטע יוניאָן.

מענטשן קומען און גייען. דריי טעג און דריי נעכט האָט זיך געצויגן דער שטראָם. מען קומט, מען גייט ארום די קאַסטנס, מען ווארפט א קוק אויף די טויטע, מען גייט ארויס פון דער אַנדערער זייט. ארבעטער, פרויען, יוגנט, קינדער. בייטאָג און ביינאַכט. א גאַנצן טאָג און א גאַנצע נאַכט. נאָר צווישן צוויי און פינף פארטאָג ווערט א ביסל אָפּגעשטעלט דער מארש. פינף אזייגער ווערט ער פּלוצלונג גרעסער. עס גייען האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן זיך אראָפּגעכאַפּט א קוק טאָן אויף זייערע טויטע איידער זיי גייען אוועק צו דער ארבעט. מענטשן אין ארבעטער־קליידער, מיט איינגעפאַלענע אויגן, מיט שטעכעדיגע אויגן. זיי גייען פארביי. זיי טוען א הויב די האַנט. דער שמערץ טוט א צוק דעם פּנים. אָבער מען וויינט ניט. ביי די קאַסטנס שטייט אויף דער וואַך יאָרק'ס שוועסטער — א לעבעדיגע בילד פון איר ברודער. זי איז געקומען פון א קוילן־גרעבער־שטעטל אין איאָוואַ — און נאָך אין דער ערשטער נאַכט האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אָן קאָמיוג.

ניין, דער טויט שרעקט ניט אָט־די יוגנט. דער טויט וועקט נאָר האַס און צאָרן אין אָט־די ארבעטער־באַטאַליאָנען, וואָס גייען פארביי די קאַסטנס. מענטשן טרעטן אריין הונדערטערווייז אין דער קאָמוניסטישער פּארטיי. די יוגנט שטורעמט דעם קאָמיוג. אָבער האָט קיין פאַראיבל ניט אויף דזשאָו באָסל'ס מוטער. זי שטייט דאָ אויך אין זאַל. זי שטייט טאָג ווי נאַכט. זי שטאַרקט זיך, זי איז אַן איינענע. זי ווייסט, פאַר וואָס איר זעכצן־יאָריגער זון איז געשטאָרבן. זי פארשטייט די באַדייטונג פון דעם וואָס דאָ טוט זיך. נאָר פון צייט צו צייט רוקט זי אריין אירע פינגער אין דער בלאָנדער קוטשמע פון איר טויטן זון, צופּט די געדיכטע פּראַכטפולע האָר און רופט: „דזשאָו, דזשאָו״ — און טרערן פאַלן פון אירע אויגן. האָט שוין אויך איינזעעניש מיטן גרוי־קאָפּיגן חבר, וואָס מאַכט די זאַמלונג פאַר דער לויה: ער שטייט דאָ א גאַנצן טאָג. ער האַלט זיך פעסט. אָבער איינמאָל־צוויי מאָל אין א

לאנגער צייט ברעכט ער צוזאַמען, פאַרשטעלט ער די אויגן און כליפּעט.

פערציג טויזנט אַרבעטער זיינען אַזוי דורכגעגאַנגען פאַר די טויטע. מען האָט זיי איבערגעציילט. אָט־די פערציג טויזנט — דאָס איז די גוואַרדיע פון דעטראָיטער פּראָלעטאַריאַט. דאָס זיינען אַרבעטער — רעוואָלוציאָנערן. ווען עס וועט קומען די צייט, וועלן זיי גיין אין שלאַכט.

און אָט איז דער מאָמענט, ווען מען נעמט אַרויס די קאַסטנס פון פּערי האָל. ס'איז שבת אינדערפרי. די גאַסן אַרום זיינען אָנגעפילט מיט מענטשן. מען שטייט אויף פיר קוואַרטאַלן — איין געדיכטע מאַסע. מען וואַרט. מען רעדט ניט. מען קוקט צו דער טיר. ענדלעך ווערט זי געעפנט. מען טראָגט די טויטע. אָן שום קאָמאַנדע טוען זיך פויסטן אַ הויב אין דער לופטן. אַ גאַנצער וואַלד פון פויסטן. פיר בלאָק לויטער פויסטן. דאָס האָט דער דעטראָיטער פּראָלעטאַריאַט געשטעלט די געשטאָרבענע זייער ערשטן מאָנומענט.

נאָכדעם האָט מען גענומען מאַרשירן. אין די טריט, אין די באַוועגונגען פון דער יוגנט איז געווען קראַפט, איינינקייט, וויברירנדיגער אימפּעט.

אין די ערשטע רייען פונעם לויה־מאַרש זיינען געגאַנגען די פירנדיגע חברים. הינטער זיי, ריי נאָך ריי, די מאַסע. די חברים האָבן געוואָרפן לאָזונגען, די מאַסע האָט זיי אויפגעכאַפּט, איבערגעגעבן ווייטער. אַזוי האָט איין גרופּע נאָך דער אַנדערער געגרופן אין כאָר:

„מיר האָבן געוואָלט ברויט — זיי האָבן אונז געגעבן קוילן."
„קוילן וועלן ניט אָפּשטעלן דעם קאַמף געגן הונגער."
„זיי האָבן געטויט אונזערע חברים—טרעט אַריין אין דער קאָמפּאַרטיי."
„צעברעך דעם פאָרד־טעראָר!"
„טרעט אַריין אין דעם קאָמיוג!"

אין דירבאָרן, פונקט אַנטקעגן דער פאָרד־פאַבריק, האָט מען די פיר טויטע אַריינגעלייגט אין איין ברודער־קבר. דאָרט וועט מען זיי אויפשטעלן אַ דענקמאָל. אָבער גרעסער נאָך איז דער דענקמאָל, וואָס ווערט געשטעלט אין די הערצער פון רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן.

אַפּריל, 1932.

די טורמע אין אַטלאַנטאַ

פון דרויסן איז דאָס אַ גאַנץ פיינער בכבוד'יגער בנין. ברוינע ווענט, הויכע פענצטער, אַ ברייטער גראָזיגער פּלאַץ פאָרנט. אַלצדינג מאַסיוו און ערנסט. ווען מען ווייסט ניט, האַלט מען עס פאַר אַ האָספּיטאַל אָדער אַ שול. אָבער שוין פון דרויסן באַמערקט מען, אַז די פענצטער זיינען צו שמאָל און פאַרשטעלט מיט גראַטעס. פאָרנט, אינמיטן גראָז־פּלאַץ, איז אַ קליינע שטיינערנע בודקע. אין דער בודקע שטייט אַ מענטש מיט קנעפּ. ער האַלט אַ האַנט אויף אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער. ער לאָזט אונז גיין, נאָר ער שטייט און קוקט.

אַרום און אַרום איז פּוסט. אַחוץ דעם מענטשן מיט קנעפּ זעט מען ניט קיין לעבעדיגן נפש. אין די אויגן וואַרפט זיך די ריינקייט: סטעזשקעס אָפּגעפּוצטע; גלאַט געשוירן דאָס גראָז. אויף אַ גאַסט מאַכט עס אַפילו אַן אַנגענעמען איינדרוק.

גייען מיר צו צו דער הויפּט־טיר. קיין גלעקל איז ניטאָ. ס'ווייזט אויס, אַז דאָ פאַרשפּאָרט מען קלינגען: דאָ פירט מען אַריין; ווער זאָל דאָ גיין מיטן גוטן ווילן? הכלל, מיר קלאַפּן אין טיר; פון אינעווייניג באַווייזט זיך אַ מענטש מיט קנעפּ. ער עפנט אַ שפּאַרונע, פרעגט, וואָס מיר ווילן, באַקוקט אונזערע קאַרטלעך און פּאַספּאָרטן. ענדלעך לאָזט ער אונז אַריין. מיר'ן דאַרפן צוואַרטן, ביז ס'וועט זיך אָנזאַמלען אַ גאַנצע גרופּע, וועט מען אונז אַרומפירן און ווייזן.

שטייען מיר אין קאָרידאָר. אין אַן אַלטן טורמעניק דערוועקט זיך דער קיינמאָל ניט פאַרשוואונדענער אינטערעס צו אַרעסטאַנטן, קאַמערן, וועכטער. אַלצדינג מעסט מען אָן אויף זיך אַליין. מען פאַרגלייכט מיט רוסישע, מיט דייטשישע טורמעס... מיר שטייען אין אַ הויכן קאָרידאָר, וואָס וואָלט געמעגט זיין דער אַריינגאַנג צו אַ געוויינלעכן געשעפט־הויז: ווייסע ווענט, געלע אָפּגעלאַקירטע פּאָדלאָגעס; פאָרנט אַ טיר אין אַנדערע קאָרידאָרן. רעכטס און לינקס אויך טירן. דאָ דערביי זיצט אַ מענטש ביי אַ טיש און שרייבט. דורך דער רעכטער טיר זעען מיר אויך אַ פּאָר מענטשן, וואָס זיצן און שרייבן לעבן טישן. דאַכט זיך — אַלצדינג פּשוט, וואָכעדיג, געשעפטלעך. אָבער

ערשטנס שטייען עטלעכע הויכע מענטשן מיט קנעפּ און האַלטן קורצע שטעקנס אין די הענט. צווייטנס, זיינען די איבעריקע מענטשן אָנגעטאָן אין ווייסע לייוונטענע הויזן מיט ברוינע סוועטערס — אַלע אַלץ איינס. ווען אַפילו מען ווייסט ניט, אַז דאָס זיינען וועכטער און אַרעסטאַנטן, וואָלט מען דאָס געקענט דערקענען פון זייער אויסזען. מיר וואַרפט זיך יעדנפאַלס אין די אויגן, אַז קיינער שמייכלט ניט און קיינער לאַכט ניט. דאָס איז אַן אַלטער כּלל אין טורמע: ווען איין מענטש היט און דער אַנדערער ווערט געהיט, איז ביי ביידן כּמעט דער זעלביקער אויסדרוק. איך קוק אויף די מענטשן און זע דעם אייביקן מאַנאַטאָן, די פאַרביסענע אָנגעשטרענגטקייט, די באַהאַלטענע שנאה און דאָס שטענדיקע לויערן. אָט־דאָ זיצן און דרייען זיך אַרום אַרעסטאַנטן דוקא פּריווילעגירטע, דאָס הייסט אַזוינע, וואָס אַרבעטן אין אָפיס — אָבער דער קוק איז דער זעלביקער, וואָס איך האָב געזען אין אַלע טורמעס: אַ באַהיטזאַמער, אַ פאַרשלאָסענער אין זיך און דאָך אַן אייביק־וואַכנדיקער, אַזוינער, וואָס וויל זען אַליין ניט ווערן געזען. און נאָך אַמאָל: די ענלעכקייט פון וועכטער און אַרעסטאַנטן. עס קומט אויס, ווי אַלע וואָלטן געטראָגן אַלצאַיינע מאַסקעס. יאָ, דאָס איז דאָס: ניט קיין פּנים'ער, נאָר מאַסקעס. אַלעמען האָט די טורמע אָנגעטאָן דעם זעלבינן פּרצוף, אויף אַלעמען איינגעקריצט דעם זעלביקן שטעמפּל. און אַלע שווייגן: קיינער רעדט אַ וואָרט ניט אויס איינער צום צווייטן.

הכּלל, עס קלינגען שליסלען — אַ באַקאַנטער קלאַנג — עס עפענען זיך טירן, עס הילכן טריט איבער די אַנטשווינגענע צו־רייִנע קאָרידאָרן. מיר גייען אויף שטאָלענע טרעפּ, וואָס ציטערן אונטער אונזערע פיס. און אָט זיינען מיר אין אַ צעל־הויז. דער, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען אין אַמעריקאַנישע טורמעס, וועט זיך ניט לייכט פאָרשטעלן, וואָס דאָס איז. אין איי־ראָפּע ווייסט מען ניט פון אָט־דעם סיסטעם קאַמערן. קורץ גערעדט איז דאָס אָט־וואָס: שטעלט אייך פאָר אַ גרויסן לאַנגן זאַל, פיר־פינף שטאָק די הויך. איין וואַנט פון אָט־דעם זאַל איז פאַרנומען מיט לאַנגע און שמאָלע פענצטער. דאָס איז די אויסנווייניגסטע וואַנט. טרעט אָפּ פון דער וואַנט אַ זעקס־זיבן טריט און שטעלט זיך מיטן פּנים צו דער אַנדערער וואַנט. יענע וואַנט איז ניט פריי: צו איר זיינען צוגעקלעפּט שטאָלענע שטייגלעך איינס לעבן אַנדערן און איינס איבערן אַנדערן, ווי די צעלן אין אַ בינשטאָק. יעדער שטייגל איז אָפּגעטיילט פונעם זאַל ניט מיט אַ וואַנט, נאָר מיט אייזערנע פּרענטעס, אַזוי אַז מען קען זען פון דרויסן אַלצדינג, וואָס אינע־ווייניק טוט זיך. יעדעס שטייגל איז באַשטימט פאַר אַכט אַרעסטאַנטן.

איז, הייסט עס, אַזוי. אויב איר גייט אַריין פּון דרויסן און גייט איבערן קאָרידאָר, האָט איר רעכטס זייער אַ הויכע וואַנט מיט פּענצטער; איר דאַרפט פאַררייסן דעם קאָפּ ביז איר דערזעט דעם באַלקן. די קאַמערן אַליין זיינען אָבער נידעריג, קוים העכער פונעם וואוקס פון אַ מענטשן, ווייל די קאַמערן זיינען געבויט אין רייען, איין ריי איבער דער צווייטער. דער פירער דערקלערט אונז, אַז אין אָט־דעם זאַל איז דאָ פינף און צוואַנציג קאַמערן אין אַ ריי און דריי רייען איינע איבער דער צווייטער (די אויבערשטע רייען דערגרייכט מען דורך טרעפּלעך). אין יעדער קאַמער איז דאָ אַכט בעטלעך. הייסט עס, אַז אין אָט־דעם צעל־הויז אַליין גייט אַריין זעקס הונדערט אַרעסטאַנטן. אין טורמע איז דאָ עטלעכע אַזוינע צעל־הייזער.

אין יעדער קאַמער זיצן אַכט פאַרשפּאַרטע. די בעטלעך אין קאַמער זיינען אויסגעשטעלט צו פיר רעכטס און לינקס פונעם אַריינגאַנג. איין פּאָר אונטן, איין פּאָר אויבן, ווי אין אַ שלאָף־וואַגאָן, אָדער אַ שיף־קאַבינע. אין אייער קאַמער, הייסט עס, זייט איר קיינמאָל ניט אַליין. איר האָט זיבן שכנים. איינער שלאָפט אויף אַ בעטל האַרט לעבן אייך, צוויי שלאָפן אויף בעטלעך איבער אייער קאָפּ, פיר שלאָפן אויף דער אַנדערער זייט קאַמער. אינמיטן איז דאָ אַ טיש און אַ פּאָר בענקלעך.

ווען מיר באַטראַכטן דאָס צעל־הויז, איז דאָרט קיינער ניטאָ. די אַרעסטאַנטן זיינען פאַרנומען ביי דער אַרבעט. עס זיינען דאָ פאַבריקן אין טורמע, וואו יעדער אַרעסטאַנט אַרבעט עטלעכע שעה אין טאָג. דאָס ווייזט מען אונז ניט. מען ווייזט אונז אויך ניט די אַרעסטאַנטן. מען ווייזט אונז די קאַמערן פון דרויסן. אָט־דאָ, אין יעדן שטייגל, זיצן אַכט מענטשן פאַרשפּאַרט פון 5 נאָכמיטאָג ביז זעקס אָדער זיבן אינדערפרי. אָט־דאָ, אָנגעפּאַקט ווי הערינג אין אַ פעסל, שלאָפן זיי איינער איבערן אַנדערן. איך שטעל מיר פאָר דעם טומל, וואָס דאָ הערשט, ווען אַלע זעקס הונדערט אַרעסטאַנטן הויבן אָן הודזשען אינעם גרויסן צעל־הויז. איך שטעל מיר פאָר די לופט אין די שטייגלעך אַזוי פאַרטאָג־צו. היינט די אייביגע געצוואונגענע „געזעלשאַפט" פון אַנדערע אַרעסטאַנטן, די שמועסן, די וויצן. און ווי לייענט מען דאָ? און ווען האָט מען אַ מעגלעכקייט צו טראַכטן?

איך באַמערק אַליין ניט, ווי איך מעסט אויף זיך אָן די טורמע. שוין בעסער אָן איינצל־קאַמער, מיט שטילקייט, מיט ביכער, מיט אַ מעגלעכקייט צו לערנען. דאָ אָבער, ווייזט אויס, באַשטראָפט מען דעם אַרעסטאַנט ניט בלייבן אַליין אויף קיין איינציגער מינוט.

דאָ איז אַלצדינג ווינסשאַפטלעך. און אַ כלל האָבן מיר, אַז מיט וויסנ־

מיט איינזאמקייט, נאר מיט שטענדיגער געזעלשאפט. דא קען א מענטש ניט שאפט קען מען מער ארויסנעמען ביי א מענטשן די נשמה, ווי מיט פאר־קאפיטאליסטישע מעטאדן.

די טורמע ווייזט אויס ריין. די בעטלעך זיינען צוגעדעקט מיט ווייסע דעקן, ווי אין א קראנקן־הויז. די פאדלאגעס בלישטשען. אבער מסתמא איז ניט אלצדינג גאלד, וואס עס בלישטשעט. מיר קענען דאך זען די קאמערן נאר פון דרויסן. שמעקן שמעקט עס דוקא מיט טורמע. און אונז ווייזט מען דאך די בעסערע קאמערן. וואס טוט זיך אינעווייניג, אין די אמת'ע געדערים פון אט־דער טורמע?

אט זיינען מיר שוין אריבערגעגאנגען אין דעם צעל־הויז פאר נעגערס. דא איז אלצדינג ערגער. די קאמערן זיינען צוויי מאל קלענער. די בעטלעך ליגן איינס איבערן אנדערן און דער באלקאן — איבער אלע. דער ריח איז שטארקער. אפילו אין טורמע האבן די נעגערס אן ערגער לעבן. עס זעען אויס פאטעטיש די עטלעכע קאלירנדיגע דעקלעך פון שאקאלאד־שאכטלעך, וואס איניגע ארעסטאנטן האבן אנגעקלעפט איבערן טיש. זיי דערציילן וועגן אזא שטארקער בענקשאפט נאך פארב, נאך פרייע באוועגונגען.

מיר גייען פון שטאק צו שטאק, פון איין געביידע צו דער צווייטער. עס באגעגענען זיך ארעסטאנטן, וואס טראגן עפעס; עס זעען זיך גרופן, וואס רייניגן און פוצן א צימער. זיי זיינען אלע שוויגנדיגע, גראע, ווי די שאטנס. די באוועגונגען — מעכאנישע, אקוראט ווי זיי וואלטן געווען אויטאמאטן. מסתמא ארבעט מען דאס אויס אין טורמע. דאס איז דאך א וויסנשאפטלעכע טורמע. איך פרעג:

— קענט איר מיר ווייזן, וואו דעבס איז געזעסן?

אויפן פירער'ס פנים ווייזט זיך אן אומצופרידנקייט. ער ווייסט ניט, זאגט ער, פון דעבס'ן. ער האט קיין רעכט ניט צו רעדן וועגן זייטיגע זאכן.

מיר גייען אין עס־זאל מיט די פארצעלייענע קליינע טיש־דעקלעך אין לאנגע רייען. דער פירער בארימט זיך, אז אין עפעס גאר א קורצער צייט — אכצן צי צוואנציג מינוט — עסן דא פופצן הונדערט מענטשן אפ זייער מאלצייט. ער רעכנט אויס די גוטע זאכן, וואס מען באקומט דא צו עסן, און מיר דערמאנט זיך, וואס מיינע פריינט האבן מיר דערציילט וועגן דער אוממעגלעכקייט אויסצוהאלטן אויף קאזיאנע עסן. דערפאר איז דא אלצדינג ריין — עס גלאנצט. עס איז ווי א שפיגעלע. אז מען רעדט וויסנשאפט...

איך וואלט א בעלן געווען זען די קיך. דאס טאר מען אויך ניט. דער־פאר ווייזט מען אונז דעם גרויסן זאל, וואו עס גייט אריין עטלעכע הונדערט

מענטשן. דאָ איז פאַראַן אַ סצענע. דאָ קומען פאַר פאַרוויילונגען. אַרעס־טאַנטן אַליין שפּילן און זינגען. עס איז דאָ אַ ראַדיאָ. דאָ קומט מען זיך צונויף איין מאָל אין וואָך.

און אָט זיינען די קירכן. פאַר יעדער אמונה — אַ באַזונדערע קירך. מיט באַזונדערן שטאָלץ ווייזט אונז דער פירער די קאַטוילישע קירך, וואו אַלצדינג, פון די בילדער מיט די סטאַטועס ביז דעם קלענסטן שטיקל מעבל איז געמאַכט געוואָרן פון אַרעסטאַנטן גופא.

— ביי אונז קען מען אַלצדינג — זאָגט דער פירער, און איך וואונדער זיך, פאַרוואָס אין אַלע טורמעס פון דער וועלט זיינען די אויפזעער שטאָלץ מיט דער קונסט־אַרבעט פון די איינגעשפּאַרטע. צוריק מיט יאָרן האָט פאַר מיר אַ דירעקטאָר פון אַ דייטשישער טורמע זיך פּונקט אַזוי באַרימט מיט דעם בילד, וואָס „זיינער" אַן אַרעסטאַנט האָט געמאָלן.

ווען מיר גייען צוריק צום אַריינטריט־קאָרידאָר, זעען מיר די זעלבע שווייגנדיגע פיגורן.

:: :: ::

אינדרויסן לויכט די זון און — אָ! — ווי ס'אָטעמט זיך ברייט נאָך אָט־די גראָע, ריין־געוואַשענע ווענט!

מערץ, 1928.

אין אַ קױלן־גרוב

װי קען מען אַזױ פּאַרװיסטן די ערד? װי קען מען באַשאַפן אַזאַ קבצנ׳ישקײט אינמיטן אַ גרינער בליענדיגער װעלט?

ליגן די פעלדער פון קאָלאָראַדאָ, װי שײנע קאָלירנדיגע טעפּיכער. שטײען די בערג אַרום און אַרום, װי קונציג־געשניצטע בנינים. לױפן טײכן זודיגע, רױשיגע. קריכן פון דער ערד אַלערלײ פלאַנצן מיט אַ מעכטיגן אימפּעט. און אינמיטן אָט־דער רחבות קומט איר אַרײן אין אַ קױלן־דערפל, פאַרגעסט איר, אַז דאָ קען עפּעס װאַקסן. איז די ערד — אַ פאַר׳חושכ׳טע, די הײזער — אָן אַ בױמל, די לופט אַפילו — אַ קױטיגע, און עס דאַכט זיך, אַז מ׳האָט דאָ מיט אַ כיון אַלצדינג אױסגעטאָפּטשעט און פאַראומרײנט.

זינט איך בין אין אַמעריקע, האָב איך נאָך אַזאַ ישוב ניט געזען. עס דערמאָנט מיר די קלײנע שטעטלעך פון צאַרישן רוסלאַנד: פּונקט אַזױ שטײען די הײזער אינמיטן דערינען, װי צופעליג אַװעקגעשטעלט אױף דער שטױביגער ערד; פּונקט אַזױ זײנען די הײזער אָפּגעריסן, פאַרשװאַרצט פונעם רעגן, ניט־געקאַלכט. פּונקט אַזױ פעלן גאַסן, ברוקירטע סטעזשקעס, גערטנדלעך, בלומען. דער פּוס זינקט אין אַ געדיכטער בלאָטע — און דער דלות שרײט פון יעדן װינקל. אין אַזאַ שטעטל ליגט זיך אַ מרה־שחורה אױף דער נשמה.

מיר זײנען אין דער קאָלאָמבאַין־מינע, װאו מ׳האָט אין 1927 דער־שאָסן זעקס סטרײקער און פאַרװאונדעט קנאַפּע דרײסיג. איך האָב אַ גע־לעגנהײט צו באַטראַכטן ניט נאָר דאָס שטעטל פון דרױסן, נאָר זיך אױך אַראָפּלאָזן אין דער קױלן־גרוב זען די אַרבעט.

חבר דזשים, אַלײן אַ געװעזענער סטרײקער, װאָס איז אַרעסטירט גע־װאָרן אין יענער צײט, מאָלט מיר די סצענע פון דער שחיטה.

ס׳איז געװען אַ פרידלעכער סטרײק. מ׳האָט געהאַט פּיקעטס יעדן טאָג. קײנער האָט די פּיקעטס ניט געטשעפּעט. ער אַלײן, דזשים, איז געװען צװישן די פּיקעטס. די סאָלדאַטן האָבן אױפגעשטעלט זײערע געצעלטן אינמיטן שטעטל. אָפיציעל הײסט עס, אַז מ׳האָט געלאָזט אָט־דעם פּלאַץ אינמיטן שטעטל פאַר אַ פּאַרק. אָבער דאָס איז אַ ליגן. קײן פּאַרק האָט מען ניט

געפלאנצט. מ׳האט געלאזט דעם פלאץ לײדיג פאר די סאלדאטן, כדי זײ זאלן דארט קענען אנשטעלן זײערע מאשין־ביקסן. מ׳האט זיך באװארנט פון אנפאנג־אן מיט א סטראטעגישער פאזיציע געגן א מעגלעכן סטרײק.

אין יענער צײט האבן די סאלדאטן געהאט עלעקטריפיצירט דעם דראטענעם פארקן, װאס רינגלט ארום דעם פלאץ. איצט זײנען די דראטן לױז, אין אײניגע ערטער איבערגעריסן. דעמאלט אבער איז אײן ריר צום דראט געװען גענוג אװעקצוליײגן א מענטשן. די מאשין־ביקסן זײנען געװען אנגעשטעלט אויף דעם מינען־טורעם, װאו די קוילן װערן ארויסגעפירט אויף דער אויבערפלאך און סארטירט. געגנאיבער לעבן אט דעם סלופ איז געװען די רעדנער־טריבונע. טאג־אײן טאג־אויס האט מען דארט געהאלטן פאר־זאמלונגען אונטערן פרײען הימל. קײנער האט ניט געשטערט. די באלע־באטע פון דער מינע האט זיך אפילו גערעכנט פאר א ליבעראלקע.

יענעם פרימארגן זײנען די מאינערס ארויסגעגאנגען פיקעטן, װי גע־װײנלעך. זײ האבן זיך געהאלטן פונקט אזוי רואיג, װי אלע טעג. זײ זײנען געװען אויפן שליאך, װאס גײט פארבײ דעם טורעם. די סאלדאטן האבן פלוצלונג גענומען שיסן. זײ האבן ניט געגעבן קײן װארנונג. זײ האבן ניט גערעדט קײן װארט. זײ האבן געשאסן. זעקס זײנען געפאלן טויט אויפן ארט. עטלעכע צענדליג האבן באקומען שװערע און לײכטע װאונדן.

אין דזשימ׳ס װערטער פילט זיך נאך דער שױדער פון יענעם מארגן. ער, דזשים, איז גראד געפארן קײן דענװער, באזארגן עפעס פאר די סטרײקער. װען ער איז צוריקגעקומען, האט מען שױן געהאט אפגעראמט די טויטע און פאראונדעטע. נאר אײן טויטן האט ער נאך געפונען ליגן. א סטרײקער. א חבר. א פרײנט. ער, דזשים, האט ארויסגעטראגן דעם קערפער פון דעם שחיטה־פלאץ. מ׳האט דזשימ׳ען נאך דעם ארעסטירט און אפגעהאלטן א שטיק צײט. איצט איז ער שױן באװארנט: קײנמאל װעט ער קײן ארבעט ניט קריגן אין די קוילן־גרובן פון יענער געגנט.

שטײען אפגעריסענע הײזלעך, האלב װיסטע. שטײט דער מינע־טורעם, א פארשװארצטער, א בײזער. שטײט דער „אפיס" — א נידעריגע, צע־רעפעטע שטוב מיט אן אנגערוקטן דאך. איז אלצדינג אזױ װאכעדיג, לאנג־װײליג, כמורנע. גלױבט זיך קוים, אז אט־דא האט זיך אפגעשפילט אײנער פון די שארפסטע קאמפן צװישן קאפיטאל און ארבעט. דערצײלט קײן זאך ניט װעגן דער בלוטיגער טראגעדיע פון עקספלואטאציע, װעגן די ארבעטער, װאס האבן געװאלט פארבעסערן זײער לעבן. װען די ארבעטער װעלן בא־קומען די מאכט, װעט מען א דענקמאל אויפשטעלן אט־דא, אינמיטן

קאלאמבאין, אויף דעם פּלאַץ, וואו מ׳האָט געשאָסן. וועלן דור־דורות אַר־בעטער קומען ליגן בלומען ביים פּעדעסטאל, צום אַנדענק פון אונזערע מארטירער.

ניט אומזיסט זעט דאָס שטעטל אויס אזוי וויסט. א העלפט הייזער איז ליידיג. די הייזער געהערן דער קאָמפּאַניע. די מאַינערס דינגען זיי און צאָלן רענט. זיינען אָבער איצט באַשעפטיגט א סך ווייניגער מאַינערס, ווי געוויינלעך. דערצו האָבן די מאַינערס ניט ליב צו וואוינען אין קאָלאמבאין. זיי וועלן שוין בעסער גיין צו דער אַרבעט א מייל אָדער צוויי און וואוינען אין א דערבייאיגן שטעטל. וועלן זיי אויף זיך ניט האָבן דאָס באַלעבאַטישע אויג כאַטשבי דעמאָלט ,ווען זיי רוען. דערצו איז די וואסער אין קאָלאָמ־באין פּאסקודנע — מען פּאָמפּעט זי פון אַן אַרטעזיאַנישן ברונעם, און זי האָט א טעם פון חלשות. ס׳וואָלט כדאי געווען אונטערזוכן די וואסער אין פּירט פון באַצילן. אָבער ווער וועט דאָס טאָן? די מאַינערס האָבן קיין געלט ניט.

מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין דער מינע. מ׳שטייט אויף אַן עלעקטרישן עלעוועיטאָר, וואָס גליטשט זיך שנעל אין דער טיפעניש פון דער ערד. אויף דעם זעלביגן עלעוועיטאָר פירט מען אַרויס פון דער ערד די וואַגאָנעטקעס מיט קוילן. אונטן ציט זיך א לאַנגער שמאָלער קאָרידאָר. דער דאַך פונעם קאָרידאָר איז נידעריג איבערן קאָפּ: מען קען אים דערלאַנגען מיט דער האַנט. די ווענט און דער דאַך זיינען פון קוילן. נאָענט צום עלעוועיטאָר איז דער דאַך אויסגעקאַלכט, און ס׳איז ליכטיג פון א פּאָר עלעקטרישע לאָמפּן. ווייטער א ביסל האָבן שוין די ווענט און דער דאַך זייער נאַטירלעכע שוואַרצע קויל־פּאַרב.

מיר גייען איבער דעם הויפּט־קאָרידאָר. ער איז אָנגעלייגט אונטן מיט רעלסן, וואָס שניידן זיך ערטערווייז איבער. אויף די רעלסן פּאָרן וואַגאָנעט־קעס מיט קוילן געשלעפּט דורך עלעקטרישע לאָקאָמאָטיוון. מיר דערגייען צו א פּלאַץ, וואו דער קאָרידאָר צעטיילט זיך אויף צוויייען. מיר נעמען זיך רעכטס. מיר גייען אָפּ אפשר א פּערטל מייל און אפשר מער און נעמען זיך ווידער אויף רעכטס. נאָכדעם גייען מיר ווייטער א לאַנגע שטרעקע און פּאַרקירעווען זיך לינקס. מיר פילן, אַז מיר גייען באַרג־אַראָפּ. עס איז שטאַרק פינצטער, נאָר די קליינע לעמפּעלעך אויף די קעפּ פון צוויי פון אונזערע באַגלייטער וואַרפן א שוואַכן שיין. אונז דאַכט זיך שוין, אַז מיר גייען שטונדן ביז מיר קומען צום סוף פון א קאָרידאָר. דאָ גראָבט מען. היינטיגע ציטן, זאָגט מען מיר, גראָבט מען שוין ניט ווי אַמאָל, מיט א

שפיציגן האמער (א „פיק"). היינט דרעלעוועט מען אוים א לאָך מיט אַן עלעקטרישן עגבער און מען לייגט אריין דינאַמיט. עס רייסט אויף. דער קוילן־גרעבער דאַרף נאָר צוגרייטן די לעבער און פארלייגן דעם דינאַמיט. נאָכדעם לאָדט ער אָן די אויפגעריסענע קוילן מיט א לאָפּעטע אין דער וואַגאָנעטקע.

עס איז א שמוציגע און געפערלעכע ארבעט. לויט דעם קאָנטראַקט איז דער מאַינער אַליין מחויב צו „טימבערן" דעם פּלאַץ, וואו ער ארבעט, ד. ה., אויפשטעלן סלופּעס און אוועקלייגן באַלקנס, כדי דער דאַך זאָל ניט זינקען. די קאָמפּאַניע וואַשט אָפּ אירע הענט. טאָמער טרעפט א קאַטאַסטראָפע, איז עס דעם מאַינער'ס שולד. אָבער אַזוי ווי דער מאַינער קריגט באַצאָלט פאַר טאָן אויסגעגראָבענע קוילן, קען ער זיך לאַנג ניט אָפּגעבן מיט זיכערהייט־ארבעט: ער מוז דאָך עפּעס פאַרדינען. זיינען די סלופּעס אוועקגעשטעלט אויף טאַנדעט און אָפט איז דאָ א געפאַר, אַז די סטעליע זאָל זיך אוועקלייגן אויפן קאָפּ.

וועגן דער לופט איז איבעריג צו רעדן. די לופט איז פול מיט קויל־שטויב. די מענטשן זיינען שוואַרץ פון קויל־שטויב. עס דאַרף זיין א ווענטי־לאַציע. אָבער פּאָמפּען פרישע לופט קאָסט געלט — און די קאָמפּאַניע האָט אירע חשבונות. ווען דער דינאַמיט רייסט אויף, איז די ווענטילאַציע לחלוטין ניט געענוג. דער פּלאַץ ווערט אָנגעפילט מיט קוילן־שטויב אויף דערשטיקט צו ווערן.

היינט דאָס גערוויש. די מינע האַלט אין איין הילכן. עס טאַראַכקען די וואַגאָנעטקעס איבער די רעלסן; עס קנאַקן די לאָקאָמאָטיוון; עס גרילצן די עלעקטרישע עגבערס — טויב צו ווערן. עס רייסט אַלעמאָל אויף — און די מינע ציטערט נאַענט און וויט. אין אָט־דעם גיהנום שטייט דער מענטש אַן איינגעבויגענער, א פארשוויצטער, א דורכגעגעסענער מיט קויל, א פאַר־סמ'טער פון גיפטיגע גאַזן. ווען ער וועט האָבן אָפּגעאַרבעט אַכט שעה, וועט ער קריגן דריי דאָלאַר מיט פינף און אַכציג סענט. דאָס זיינען איצט די דורכשניטלעכע פארדינסטן פון א מאַינער.

עס פילט זיך רויך אין דער לופט. איך פרעג: צי שמעקן אַזוי די קוילן, צי איז דאָס טאַקע רויך? מען ענטפערט מיר, אַז די מינע איז קיינמאָל ניט פריי פון רויך. די קוילן ברענען דאָ און דאָרטן. זיי ברענען שטענדיג. זיי ברענען צענדליגער יאָרן. נישטאָ קיין פלאַקער. אָבער עס טליעט. פונעם טליען גייט א רויך. דער רויך געפינט פאַר זיך א וועג צווישן די פּלאַסטן קויל. מענטשן רעדן וועגן דעם רואיג. עס איז א טאָג־טעגלעכע זאַך. טאָמער

גלויב איך ניט, זאָל איך אויבן אַ קוק געבן אויף די בערג מיט קוילן־שטויב, וואָס ליגן לעבן טורעם. די בערג רויכערן זיך. עס ברענט אין זיי אינעווייניג. דאָס זעלבע טוט זיך אינעם בויך פון דער ערד. אַבי ס׳צעפּלאַקערט זיך ניט, איז נישקשה. קאָן אימיצער זאָגן, ווען ס׳וועט זיך יאָ צעפּלאַקערן? דאָס ווייסט ניט קיינער. דאָס קימערט די קאָמפּאַניע ווייניג.

איך קוק אויף די מענטשן. זיי טוען זייער אַרבעט רואיג; זיי מאַכן ניט קיין ווענז. זיי קוקן דעם טויט אין די אויגן, ווייל זיי דאַרפן מאַכן אַ לעבן. קיין לעבן מאַכן זיי אויך ניט.

עס איז קלאָר פון ערשטן קוק, אַז קוילן־גרעבעריי וואָלט געקענט באַוואָרנט ווערן פון סכנה. ווען מ׳זאָל דאָס נאָר וועלן. די וויסנשאַפט האָט גענוג מיטלען.

ווען דער קוילן־גרעבער קומט אַרויס פונעם גיהנום, איז ער שוואַרץ אינעווייניג און אינדרויסן. זיין הויט קען ער אַרומוואַשן אין שפּריץ־באָד, וואָס די קאָמפּאַניע האַלט אויס. אין דער באָד הענגט ער אויף זיינע אַרבעט־קליידער אין אַזאַ ספּעציעלן שאַפּקעלע און טוט אָן די געוויינלעכע קליידער. אַזוי ווי די באָד איז פול מיט פּאַרע, זיינען די קליידער פייכט. מאָרגן וועט ער קומען אָנטאָן די אַרבעט־קליידער, וועט ער זיי אויך געפינען פייכט. אַזוי באַוואָרנט אים די קאָמפּאַניע מיט אומפאַרמיידלעכע קראַנקהייטן.

עס וואָלט געדאַרפט קאָסטן עטלעכע הונדערט דאָלאַר איינצוריכטן פאַר די שאַפּקעלעך אַ באַזונדערן טרוקענעם צימער, ניט דווקא דאָרט וואו מען באָדט זיך. „אָבער”, זאָגט מיר דער סופּעראינטענדענט, „די קאָמפּאַניע האָט ניט קיין מיטלען. זי קען זיך דאָס ניט פאַרגינען.”

די קאָמפּאַניע קען זיך קיין זאַך ניט פאַרגינען, ווען עס האַנדלט זיך וועגן לעבן און געזונט פון די מאַינערס.

מאַי, 1930.

„גאָט, בענטש אונזערע היימען!״

אין שענטי־טאַון אין פּיטסבורג האָב איך אויף די קאָנורעס געזען צוגע־קלאַפּט געדרוקטע פּאַפּירלעך: „גאָט, בענטש אונזערע היימען!״ שענטי־טאַון — דאָס איז די „הואָווער־שטאָט״ פון פּיטסבורג. דאָ וואוינען אַרבעט־לאָזע, וואָס האָבן ניט קיין היימען. דאָ האָבן זיי זיך אויסגעבויט שטיבלעך־נאָרעס אויפן מיסט פון אַ לײדיגן פּלאַץ. די פּאַפּירלעך קומען פונעם „פּאָטערל קאָקס״, דעם קאַטוילישן דעמאַגאָג, וואָס מאַכט אַ קאַריערע פון שפּילן די ראָלע פון אַרבעטער־פריינט. פּאָטערל קאָקס לערנט דאָס די אַרבעט־לאָזע צו דאַנקען גאָט פאַר די לעבער אויפן סמעטניק. „גאָט בענטש אונזערע היימען.״

די „איינוואוינער״ פון אָט־דעם חנ׳עוודיגן שטעטל קענען קומען איין מאָל אין טאָג און קריגן אַ טעלער פּאָמאָיעס מיט אַ שטיקל ברויט. די איבעריגע צייט האָבן זיי אַ געלעגנהייט צו בעטלען אין די גאַסן. אין די „פרייע״ מאָמענטן דאַרפן זיי זיך צלמ׳ען און דאַנקען דעם גוטן גאָט און די גוטע מענטשן, וואָס זיי לעבן נאָך אויף דער וועלט. וואָרים וואָס וואָלטן זיי געטאָן, ווען זיי שטאַרבן, אַ שטייגער ,אַוועק, ווי דזשים דער באָילער־מעיקער איז אַוועקגעשטאָרבן ערשט יענע וואָך — טאַקע אָט־דאָ, אין דעם „שטעטל״ אויפן סמעטניק?

מען קען ניט זאָגן, פון וואָס דזשים איז געשטאָרבן. מ׳איז אַפילו ניט זיכער, צי דזשים איז זיין ריכטיגער נאָמען. מען ווייסט נאָר, אַז ער איז געלעגן עטלעכע טעג און ניט אַרויסגעקראָכן פון זיין לאָך. מאַלע וואָס? אין שענטי־טאַון איז מען ניט „ווייך״. יעדערער פאַר זיך — און יעדערער האָט גענוג צרות מיט שלעק. אַז איינער ליגט אין לאָך בייטאָג, מסתמא קריכט ער אַרוים ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפן. אַז איינער ווייזט זיך ניט צווישן מענטשן, מסתמא האָט ער וואָס צו באַהאַלטן. אין שענטי־טאַון פרעגט מען ניט קיין שאלות. ערשט אַז מ׳האָט דערפילט — עס טראָגט זיך פון דזשימ׳ס „שטיבל״ עפּעס אַ ריח, וואָס פאַרטויבט אַפילו דאָס געשטאַנק פון שמאַטעס און אַלטן מיסט, האָט מען געכאַפּט אַ קוק אינעווייניג. דזשים איז געווען טויט. דער דאָקטאָר האָט נאָכדעם געזאָגט, אַז ער איז שוין טויט דעם דריטן טאָג. לויט זיין אויסגעצערטן פּנים און דאַרע הענט האָט מען געקענט

רעכענען, אַז ער איז געשטאָרבן פון הונגער. אָבער דער דאָקטאָר, וואָס האָט אים געפּאַלמעסט, האָט ניט געדאַרפט אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פאַר די איינוואוינער פון דעם סמעטניק. האָט מען טאַקע ניט באַקומען די ריכטיקע אינפאָרמאַציע וועגן דזשים׳ס טויט.

אין שענטי־טאַון לעבט יעדערער פאַר זיך. יעדערער בויט די „היים" לויט זיין אייגענעם געשמאַק. איינער בויט זי פון קעסטלעך, איינער פון שטיקער פאַרזשאַווערטן בלעך, איינער פון סמאָלע־פּאַפּיר, וואָס מ׳האָט אַמאָל גענוצט פאַר אַ דאַך און וואָס וואַלגערט זיך איצט אַרום אַ צעבראָכענער געביידע. איינער קליגט זיך אויסבויען אַ „שטיבל" פון לויטער אַלטע זעק אָנגעצויגן אויף דרענגלעך. דאָס אַלעס איז פול מיט לעכער, מיט ריסן און שפּאַלטן, וואָס זיינען ווי ניט איז פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס און צייטונגס־פּאַפּיר. דאָס אַלעס איז געבויט אויף אַ באָדן פון לאַניאָריגן אָנגעזאַמלטן מיסט, איבערגעמישט מיט אַש און שטיקלעך גלאָז און אָנגעזעטיגט מיט וואַסער. טוט אַ גאָס אַ רעגן — איז דאָס גאַנצע „שטעטל" פאַרטרונקען, ווערט עס איין נאַסע שמאַטע.

איינעווייניג איז אויך דאָ אַ פאַרשיידנאַרטיגקייט פון בוי און געשמאַק. איינער באַנוגנט זיך מיט אַ ברעט וועלכע ליגט אויף צוויי העלצלעך. איינער האָט ערגעץ געקראָגן אַן אַלטן צעבראָכענעם דיוואַן אָן פיס. דער דיוואַן, וואָס ליגט מיטן בויך אויף דער הוילער ערד, פּילט אויס דריי פערטל פון דער „היים". נאָך אַן אַנדערער האָט איבער זיין שלאָף־באַנק אויסגעבויט אויף פיר דונגעלעך אַ מין חופּה פון אַ רעדנע (קענוועס) — אַ מיטל צו באַשיצן דאָס געלעגער געגן דעם רעגן, וואָס דרינגט אריין דורכן דאַך. אַ פערטער שלאָפט גאָר אינגאַנצן אויף דער הוילער ערד, דערפאַר האָט ער אַ קעראָסין־מאַשינקע מיט אַ קעסעלע צום קאָכן. יעדער איינער האָט זיך אויסגעמייסטרעוועט אַ מיטל צום קאָכן. אויב ניט קיין מאַשינקע אָדער קיין אויוועלע, איז כאָטש דריי אייזערנע פּרענטלעך, פון וועלכע עס הענגט אַראָפּ אַ בלעכענער טשאַיניק. אונטן קען מען צעלייגן אַ פייער פון העלצלעך, וואָס מען זאַמלט אין גאַס.

אַזוי לעבן מענטשן. אַזוי לעבן די אַרבעטער, וואָס האָבן געשאַפן די שטאָט מיט איר גאַנצן רייכטום. אַזוי לעבן די שטאָלצע אַמעריקאַנער, וואָס מ׳האָט זיי איינגערעדט, אַז זייער לאַנד איז דאָס בעסטע אין דער וועלט. זיי זיינען מערסטנס אַמעריקאַנער, ווייסע און שוואַרצע. זיי זיינען אָפט געשולטע אַרבעטער: שטאָל־גיסער, קוילן־גרעבער, אייזנבאַנער, מאַשיניסטן. זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט פון דער ערד מיליאָנען טאָן קוילן, זיי האָבן אויסגעבויט

די אייזנבאַנען, דעם וואָקזאַל, וואָס געפינט זיך טאַקע דאָ, אויף יענער זייט וועג. זיי האָבן אויפגעשטעלט אָט־די געביידעס. זיי האָבן אָנגעשפּונען די זיידנס און די וואָלנס, וואָס ליגט אין די געשעפטן. זיי האָבן אויפגענייט די קליידער און אָנגעבאַקן דאָס ברויט. איצט דאַרף מען זיי ניט האָבן. טעג און טעג זיצן זיי לעבן די פאַרשלומפּערטע כאַלופּקעלעך אויפן מיסט, קוקן און קוקן אין דער אָפענער וועלט אַריין, וואָס איז פאַר זיי געוואָרן אַ גרויסע טורמע. טעג נאָך טעג וואַרט מען, אַז אַ באַרעמהערציגע נגידת'טע זאָל געבן דעם פאָטערל קאָקס אַ נדבה פון עטלעכע זעק קאַרטאָפל, וועט ער צעטיילן צווישן זיינע געטרייע. אויף די קאָנורעס הענגען די אויפשריפטן: „גאָט, בענטש אונזער היים", און לאַכן אַ הילכיק געלעכטער.

אין אַן אַנדער עק שטאָט, לעבן וואַסער, אויף וואָטער סטריט, געפינט זיך די „העלפנדיגע האַנט". דאָס איז אַ „פלאָפּ־הויז" פאַר צוויי טויזנט מענטשן — אַ צדקה־אַנשטאַלט אויסגעהאַלטן פון אַ גרופּע פּיטסבורגער קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן זיך דערשראָקן פאַרן וואַקסנדיגן אַרבעטער־אומרו. דאָס איז אַן אַנדער מין „היים" — אַ „קאָלעקטיווע", אַן אָרגאַניזירטע.

איר פאַלט אַריין אַהין, טוט אייך מיט אַמאָל אַ זעץ אין די אויערן און אין דער נאָז. די אויערן רייסט אויך דער לאַרעם, ס'איז זיבן אין אָוונט; מען וואַרט, דעם אָטעם פאַרכאַפּט — דער עיפּוש. ביז מ'וועט געפינען די „זאַלן" צום שלאָפן; איינציגע פון די „געסט" פאַרענדיגן נאָך דעם מאָל־צייט. אַנדערע זיצן און רעדן. אַנדערע שטייען און שווייגן, און עס דאַכט זיך — זיי שלאָפן שטייענדיגערהייט. הונדערטער און הונדערטער מענטשן טויפּען זיך אין דעם ברייטן ערשטן שטאָק, ווייסן ניט, וואָס מיט זיך צו טאָן.

וואָס פאַר מענטשן! מאָזאָליעדיגע הענט און געלע פּנים'ער, איינגע־טריקנטע און אויפגעבלאָזענע, ווייסע און שוואַרצע. אָנגעצונדענע אויגן, בעטנדיגע און בייזע, טרויעריגע און שרייענדיגע, לויפנדיגע און שטאַרע. פאַראַן יונגע אינגלעך, כמעט קינדער, עס דאַרף זיך ערשט ווייזן אַ פּוך אויף זייערע באַקן. אָבער די באַקן זיינען ניט קיין פרישע פּערשקעס. די באַקן זיינען איינגעשרומפּן, צונויפגעצויגן, פאַרגעלט, פאַרטריקנט, און איבער זיי טאַנצן אַ פּאָר אויגן אַ משוגנע'נעם טאַנץ. פאַראַן אַלטע, איינגעהויקערטע, אויסגעדייוורטע, אָפּגעלעבטע מענטשן, מיט אויגן, וואָס קוקן שוין אויף יענער זייט אַלצדינג. די מערהייט באַשטייט אָבער פון מיטליאָריגע געזונטע אַרבעטער, וואָס ווילן אַרבעטן און קענען אַרבעטן און וואָלטן איבערגעקערט וועלטן, אַבי מען גיט זיי נאָר געצייגן און מאַטעריאַלן. אַמעריקע, אַז אָך און וויי איז דיר! האָסט גענומען דיינע גרעסטע פאַבריקן און זיי געשלאָסן

— זאָלן זשאווערן די מאַשינעס. האָסט געגומען דיינע בעסטע אַרבעטער — און האָסט זיי אַרויסגעוואָרפן אין גאַס. פאַרשווענדסט דיין פאַרמעגן, דיינע בעסטע אוצרות — אונזערע אוצרות, אונזער בלוט און מאַרך. אַמעריקע, אַ קלאָג צו דיר!

אָט־די מענטשן האָבן גאַרניט. נאָך צוואַנציק אָדער דרייסיק אָדער פערציק יאָר אַרבעט איז זיי געבליבן אָט־דאָס־אָ — אַ נאַכטלעגער אין פלאָפּ־הויז, אַ טעלער גע־קעכץ אין דער „העלפנדיקער האַנט״.

וואָס פאַר אַ געקעכץ! קומט אַרונטער, לאָמיר עסן. מיר דאַרפן אַראָפּ־גיין עטלעכע טרעפּ ביז מיר גייען אַרונטער אין קעלער־שטוב. די לופט אין קעלער־שטוב איז פול מיט שטינקענדיקער פּאַרע, די פּאָדלאָגע — אַ טיפע בלאָטע. פון דער בלאָטע שטעקן אַרויס „טישן״ — שמאָלע ברעטער אַרויפ־געלייגט אויף קאָזלעס. ביי דער זייט פונעם צימער איז דאָ אַ לאָך; פאַרן לאָך שטייען שערענגעס מענטשן און וואַרטן. איר שטעלט זיך אַוועק. איר האָט זיך באַוואָרנט מיט כלים: אַ טעצל, אַ צינערן טעלערל, אַ צינערן טעפּל. איר שטייט און וואַרט. פאַר אייך — אַ קאַרק, אַ צעקאַרבטער אַלטער קאַרק, ווי די קאָרע פון אַ בוים. אין די שפּאַלטן פון דער קאָרע האָבן זיך איינגעגעסן קוילן. דער קאַרק איז אַן אוצר פון שוואַרצע שראַמען. איר פאַרשפּאָרט פרעגן; איר ווייסט: אַ מאַינער. הינטער אייך — אַ קלאַפּן פון ציין. איר קוקט זיך אום. אַ געלער פּאַרשוין, געל ווי וואַקס, מיט אַ פּאָר גרויסע פיבערדיקע טונקעלע אויגן. די ציין קלאַפּן ביי אים, אָבער ער שטייט אין ריי. איר זאָגט אים: „ברודער, ביסט קראַנק, בעסער פרעג דעם דאָקטאָר.״ די „העלפנדיקע האַנט״ האָט אַן אייגענעם דאָקטאָר. ער ענט־פערט ניט; ער באַטראַכט אייך מיט זיינע פלוימען־אויגן און קירעוועט אָפּ דעם קאָפּ צו דער וואַנט. ערשט ווען איר זאָגט אים נאָכאַמאָל, אַז ס'איז פאַר אים ניט גוט צו שטיין אָט אַזוי, און ער פילט פון אייערע רייד, אַז איר זייט ניט קיין שפּיאָן, זאָגט ער אייך מיט אַ קרומען שמייכל, וואָס ווייזט בלוטלאָזע יאַסלעס:

— איך וועל בעסער אָפּעסן אַפריער. ס'ווילט זיך עסן.

איר רוקט זיך פאָראויס מיט דער „ליין״. די בלאָטע קוואַטשקעט אונטער אייערע פיס. די דעמפיקע לופט לייגט זיך אויף דער לונג. די ווענט זיינען פייכט. איר רירט זיך צו מיט אַ האַנט, בלייבט אויף איר אַ שיכט גראָע ליים. די מענטשן זעען אויך אויס גראָ און דעמפיק. אָט זייט איר שוין ביים פענצטערל. מען גיסט אייך עפּעס אַריין און מען טוט עס אַ שטופּ — נעם און גיי, קוק ניט און פרעג ניט.

איר טראָגט זיך אַרום מיט אייער מציאה פון איין עק קעלער ביזן צווייטן, ביז איר געפינט אַן אָרט. ביי די טישן שטייט מען; קיין בענק איז ניטאָ. אַזוי ווי די טישן זיינען נידעריג, מוזט איר זיך צובייגן צו דעם טעלער, באַקומט זיך ווי בהמות זופּן פון אַ קאָרעטע. היט אייערע עלנבויגנס און אייער ביסל עסן — דאָ שטופּט מען זיך און איינער קריכט דעם אַנדערן אין פּנים אַריין: וויניג פּלאַץ.

ערשט איצט האָט איר אַ געלעגנהייט צו באַטראַכטן אייער „מאָלצייט״. אין טעלערל — אַ זופּעכץ. איר טראָגט צו אַ לעפל צו דער נאָז און דערפילט דעם ריח פון צעפּאַרעטע קויטיגע וועש. אין זופּעכץ שווימט עפּעס, ווי שטיקלעך ברונדע קישקעלעך, אָבער איר ווילט דאָס ניט אונטערזוכן גענויער. אין צינערנעם טעפּעל איז ברוינע ביטערלעכע שווענק־וואַסער: דאָס איז „קאַווע״. אַ חוץ דעם האָט איר צוויי דינע רייפטעלעך ווייסע ברויט. אָט־דעם מאָלצייט באַקומט יעדער „גאַסט״ צוויי מאָל אין טאָג. אָט דערמיט לעבן טויזנטער „שטאָלצע, אומאָפּהענגיגע״ אַמעריקאַנער. דאָס איז זייער לוין פאַר יאָרן געטרייער אַרבעט.

עס רוישט און הודזשעט און זעצט אין דער נאָז. מען הוסט, מען ניסט, מען כריפּעט, מען קראַצט זיך, מען וואַרט אויף דער נאַכט. באַלד וועט מען עפענען די שלאָף־צימערן מיט די בעטלעך איינס איבערן אַנדערן — און די וואַנצן וועלן באַקומען וואָס צו עסן.

טויזנטער און טויזנטער האָבן מער ניט, ווי אָט־דאָס; זייער גאַנץ לעבן איז רעדוצירט געוואָרן צו אַ בעטל וואַנצן און אַ שיסל צדקה־זופּ. און זיי זיינען נאָך די אויסדערוויילטע: אַנדערע האָבן דאָס אויך ניט.

עס צינדן זיך די לאָמפּן אין שטאָט. די געגנט אויף די בערג און ביים טייך איז טויט. אַמאָל האָבן דאָ שמעלץ־אויוונס געפלאַמט און קוימענס האָבן אַ רויטלעך־שוואַרצן רויך געשפּרייט איבער דער שטאָט. היינט איז דאָ שאַ־שטיל. עס רויכערט זיך ניט איינער פון צען קוימענס; די שמעלץ־אויוונס זיינען פּאַרלאָשן; די לופט איז כמעט ריין. עס שמעקט מיט בית־הקברות.

ביים טייך, אויף די שטיינער פונעם געמויערטן ברעג, לעבן די באַרזשעס, אונטער די בריקן, אין ליידיגע שאַלאַשן, לעבן יעדן טוליע־ווינקל ליגן און זיצן אַרבעטלאָזע. דאָ וועלן זיי נעכטיגן. דאָ וועלן זיי פרירן אין דער פייכטער לופט. אייניגע וועלן זיך דערמאָנען, ווי ערשט ניט לאַנג האָבן דאָ פאַבריקן געאַרבעט מיט פולער קראַפט. אייניגע וועלן טראַכטן, ווי

לעבעדיג ס׳וועלן זיך א ריר טאָן די פאבריקן, ווען די ארבעטער וועלן זיי איבערנעמען אין זייערע הענט.

ליכט־אנאָנסן וועלן אויפגליען אין דער נאכט. האָטעלן וועלן רופן צו זיך — אין די ווארעמע, גראמע, פארפיומירטע זאלן. רעסטאָראַנען וועלן דערציילן, אז זיי גיבן א מאָלצייט פון גאנז אָדער הון, פון קאָטלעטן און „סטעיקס״. קראָמען וועלן פאַרשלאָגן מציאות: קאָסטיומען בזיל הזול. קירכן וועלן רופן, מען זאָל קומען און בעטן צו גאָט און אים דאנקען פאר זיינע חסדים.

„גאָט זאָל בענטשן אונזער היים.״

דער פרילינג גייט. דער דריטער פרילינג פון קריזיס.

מאַי, 1932.

שוועסטער

די אַלטע, אַלטע געשיכטע. די צויבער־לעגענדע פון אונזער קינדהייט.

אַ בת־מלכה אין שמאַטעס. אַן איידל קינד וואַשט די וועש און רייניגט דעם שטאַל און קערט די קיך און איז פאַרמורזעט ווי דער טייוול, און שלאָפט ביינאַכט אויף דער הוילער ערד, און איז מקנא דער קאַץ אויפן קישן און דעם הונט אין זיין ביידל און דעם פערד אין שטאַל. אַ צאַרטע ליבע נשמה פאַרשאָטן מיטן שטויב פון פאַראַכטונג.

און אינמיטן דערינען קומט דער אויסלייזער מיט זיין מאַגישן כח און רירט אָן די בת־מלכה, און ס׳באַווייזט זיך איר שיינקייט, און איר איידלקייט פאַרכאַפּט דאָס אויג — און אַלע ווייסן: זי איז אַ פּרינצעסין.

:: :: ::

אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר זיצט מען ביי די מאַשינען. ס׳קלאַפּט דער אַפּאַראַט, ס׳הודזשעט דאָס ראָד, ס׳וויגט זיך, ווי גיפטיגער דאַמף, די פאַר־דומפּענע לופט, ס׳גייט אַן עלעקטרישער ציטער דורך אַלע גלידער צום טאַקט מיט דער מאַשין — און ס׳גיסט זיך בליי אינעם מוח.

אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר איז מען „שאַפּ־מיידלעך", לוין־אַרבעטערינס, וואָס פאַרקויפן די קראַפט פון זייערע מוסקולן פאַר ברויט און דעם זאַפט פון זייער מאַרך פאַר אַ דאַך איבערן קאָפּ. אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר איז מען איינע ווי די אַנדערע — אַ שרייפל אין דער גרויסער אינדוסטריעלער מאַשין, אַ זעמדל אין דער גרויסער אינדוסטריעלער שטאָט, אַ גליד פון דער מאַסע, וואָס פּאַקט אָן די סאָבוועס און „עלס" און לאָנטש־רומס און מוּאוויס און האָלס.

נו, קומט דער סטרייק און נעמט אַראָפּ דעם יאָך — און מענטשן גלייכן אויס די פּלייצעס און דערפילן זיך אַליין. און ס׳פאַלט אַראָפּ דער פאַרשאָלטענער כישוף — און ס׳באַווייזט זיך דאָס לאַנג־פאַרשאָטענע גאָלד.

:: :: ::

אָט יענע מיידל, וואָס שפּאַנט אַרום מיט אַ זיכערן ספּרוזשינעדיגן טראָט פון גאַס צו גאַס, וואַרפט אַן אָדלער־אויג אויף די גרופּעס חבר׳טעס ניט

ווייט פון די שעפער, לאָזט פאַלן אַ וואָרט דאָ און דאָרט, קוקט זיך אַרום אויף דעם פּאָליסמאַן און אויף אַנדערע „פאַרדעכטיגע" ברואים, וואָס דרייען זיך ניט ווייט, לויפט אַלעמאָל אַריין אין אַן אַפּטייק טעלעפאָנירן, לאָזט זיך פּלוצלונג אַוועק מיט אימפּעט אַהין, וואו די „לאַגע" איז ערנסט — אָט־די קליינגעוויקסיגע, קורצהאָריגע, שוואַרצאויגיגע, שנעלפיסיגע ניינצן־יאָריגע חבר'טע מיט דעם שטרענגן בליק און דעם פעסט־אַרומגעריסעוועטן פּנים, וואָס גיט איר אַן אויסזען פון אַן עלטערער, דערפאַרענער פרוי — זי איז דאָך אַ פירערין, אַ וועג־ווייזערין, אַ רעוואָלוציאָנערקע! זי וואָלט געדאַרפט זיין דער אויסדרוק פון דעם קאָלעקטיוון ווילן פון אירע חברים, די פאַר־קערפּערונג פון זייערע געדאַנקען, דער פלוג פון זייערע שטורעמדיגע נשמות.

אָט יענע הויכע, גרויסע, בלאָנדע, ווייכע לעידי מיט די לאַנגזאַמע באַוועגונגען, מיט דעם טרוימערישן בלאָען קוק פון ווייט־געעפנטע אויגן, מיט די אָרעמס, וואָס טוען אַ רגע'לע אַ טראַכט, איידער זיי הויבן זיך אויף אָדער רירן זיך צו צו אַ זאַך, מיט דעם שמייכל, וואָס פינזלט האַלב־טרויעריגע, האַלב־פאַר'חלומ'טע שאָטנס אַרום איר גרויסן רויטן מויל מיט די צופּיל־שאַרפע ציין — אָט די אַכט־און־צוואַנציג־יאָריגע אַרבעטערין, וואָס זיצט אין אַ ווינקל פונעם זאַל אַליין, און הערט ניט דעם טומל פון דער גרויסער סטרייק־מאַשין, און איז יאָ באַהעפט מיט דער מאַסע אַרום איר און איז דאָך איינע אַליין, און נעמט שטילערהייט אַרויס אַ ביכעלע פון דער מאַנטל־קעשענע און גראָבט זיך אַריין מיט די אויגן אין אַ טאַנצנדיגן וויר־וואַר פון שורות, און זעצט זיך אַוועק אויף אַ צויבער־טישטוך און פליט שוין איבער שטעט, פעלדער, ימים, פייער־שפּייענדיגע מדבריות און שטיינער־וואַרפנדיגע בערג — אָט־די שוועסטער איז דאָך אַ דיכטערין! זי וואָלט געדאַרפט זינגען דאָס, וואָס ס'הויבט זיך אין טויזנטער נשמות. זי וואָלט געדאַרפט לייענען פאַר טויזנטער אירע לידער מיט אַ ווייכער מילדער קיילעכ־דיגער שטימע.

:: :: ::

און יענע צוויי — דין ווי שטעקעלעך ,הויך ווי די בעריאָזקעס, אומ־רואיג ווי די פלעמלעך אין ווינט, בויגיק ווי די מאַלפּעס — אָט יענע צוויי, מיט זייערע געפלאָכטענע סוועטערס, נידעריגע שיכלעך, קורצע ברייטע גע־פאַלדעוועטע קליידלעך און אָפּגעדעקטע מאָגערע העלזער, וואָס דערציילן פון אַ סך מי — אָט־די יונגע ענערגישע צוויי טייוואָלים, וואָס האָבן זיך איינ־מיטן קאָרידאָר אַוועקגעלאָזט טאַנצן אַ נייעם טאַנץ, אַ קונסט־טאַנץ, מיט

ברייטע שוואונג־באַוועגונגען, מיט שווימענדיגע טריט, מיט אַן אונטער־שפּרונג און אַ פּלי — זיי זיינען טענצעריננס, געבוירענע קינסטלעריננס, ווען די מוזיק רופט צו דערציילן אין ריטמישער באַוועגונג דאָס, וואָס מיר אַלע חלומ'ען, נאָר מיר געפינען דערפאַר ניט קיין ווערטער.

:: :: ::

טאָג־איין, טאָג־אויס זיצן מיליאָנען און גיבן אָפּ די מאַשינען דעם זאַפט פון זייער לעבן. און אַש און זאַמד שיטן זיך און שיטן זיך און פאַרשיטן דאָס לויטערע גאָלד.

.1922

אין ליכט פון נייעם טאָג

פון וואַנען וועט קומען אונזער הילף?

זונטאָג־רו איז געלעגן אויף דער וועלט. די האַרבסטיגע זון האָט גע־לאַשטשעט. די גרינקייט אויף דיביימער האָט אויסגעזען זאַפטיגער נאָך, ווי אום זומער. און דער אויטאָמאָביל האָט געזונגען.

עס איז דאָ אַ פאַרכאַפנדיגע שיינקייט אין דעם געזאַנג פונעם אויטאָ־מאָביל. ס'איז אַפילו ניט קיין געזשום. ס'איז, דאַכט זיך, שטיל, אָבער אַז דו האָלטסט דאָס רעדל, פילסטו ווי שטראָמען גייען דורך דעם גאַנצן קערפּער פון דער מאַשין, שטילע, וויבּרירנדיגע, האַרמאָנישע שטראָמען — און דאָס איז מוזיק. ריטמיש לויפן אים אַנטקעגן, באַגעגענען זיך, דרייען זיך אין קאַראַהאָד אי ביימער, אי קוסטעס, אי לאָנקעס, אי גליאיג־ליכטיגע בלומען־בייטן.

גייט די מאַשין. זינגט די מאַשין. זינגט מיט איר די זון־באַלויכטענע וועלט. ליגט אַזאַ פרידן אויסגעגאָסן איבער דער וועלט. דאָ און דאָרט, ניט געקוקט אויפן זונטאָג, אַרבעטן מענטשן אין די גערטנער. און די אַרבעט אַליין איז אַ יום־טוב. וואָרים די עפּל זיינען צייטיג געוואָרן. די באַרן טאָר מען ניט לאָזן הענגען אַן איבעריגן טאָג. באַרן, וואַקס־געלע און ווייכע, רויטלען זיך מיט איין זייט געגן דער זון צווישן די גרינע בלעטער. און די מענטשן זיינען אָנגעטאָן יום־טוב'דיג, וואָרים זונטאָג איז היינט. און די מאַשין זינגט איר ליד אונטער די הענט.

אינמיטן האָט די ראַדיאָ געלאָזט הערן אַ מעלאָדיע. ערגעץ, ווער ווייסט וואו, שפּילט מען אַ קאָנצערט. ס'איז בראַמס. ניין, ס'איז באַך. אַ קאַנטאַטע. עס הייבן זיך שוין מענטשלעכע שטימען — זיי בעטן, אָבער אָן וויינען, זיי דערציילן ליידן, אָבער אָן פאַרצווייפלונג. דער אָרקעסטער־אַקאָמפּאַנימענט שלענגלט זיך אַריין אין געזאַנג. דער אַקאָמפּאַנימענט לאָזט וויסן, אַז ס'איז דאָ לוסטיגקייט און שטיפערישקייט אויף דער וועלט.

:: :: ::

זונטאָג בייטאָג, און די זון שיינט און די פרוכט פון מענטשלעכער אַרבעט הענגען געדיכט אַרום און אַרום, און ס'איז פרידן אין דער לופט, און

עס ריטמירט זיך האסטיג דער מאָטאָר, און עס גיסט זיך אין דער קריש־טאָלענער לופט אריין די באַך־קאַנטאַטע. און דו זיצט אינמיטן אָט־דער פּראַכט און טראַכסט זיך: ווי וואונדערבאַר עס איז דאָך דער מענטשלעכער גייסט, ווי טיף־שאַפנדיג עס איז דער מענטש, ווי שטאָלץ עס קלינגט דער נאָמען „מענטש". מיר לעבן אין אַ צייט פון וואונדער. מיר נוצן זיך אין אונזער אַלטאָג מיט וואונדער פון מענטשלעכן געדאַנק, פון וויסנשאַפט אין אירע שענסטע פאָרמען, פון דערפינדערישקייט, וואָס מאַכט שטאַרק. באַמערקסט אַליין נישט, ווי דער אָנצייגער אויפן ציפערבלאַט ווייזט שוין 70. איבערן קאָפּ פליט, ווי אַ גרויסער פויגל, אַן עראָפּלאַן. וואָלסט אַ בעלן געוועז זיך מיט אים פאַרמעסטן אין שנעלקייט.

...און אָט לאָזט וויסן דער ראַדיאָ־מעלדער, אַז אַ באַוואוסטער איד וועט האַלטן אַ רעדע לכבוד ערב ראש־השנה. און אין דער לויטערער שטילקייט רייסט זיך אריין אַ וויי־געשריי.

„. . . מיר ווערן געיאָגט און געפּלאָגט. פון איין לאַנד טרייבט מען אונז אַרויס, אין אַנדערע לאָזט מען אונז ניט אריין. דאָרט, וואו מיר לעבן, זיינען מיר ניט זיכער מיטן מאָרגן. דאָרט, וואו די בייטש האָט זיך איינ־געשניטן אין אונזער לייב, העלפט נישט בעטן און ס'איז אומזיסט דער געשריי. ווילן מיר לויפן, שטייט מען אויף אונזער וועג. אומדערבאַרעמדיג איז דער שונא. הפקר איז אונזער בלוט. הפקר אונזערע ליבסטע זין און טעכטער. און די וועלט פאַר אונז איז אַ מדבר, און מיט אַ געבראָכן האַרץ פרעגן מיר: ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג?

„. . . הונדערט טויזנט אידן בלאָנקען זיך אַרום אויף די וועגן פון אייראָפּע. ניטאָ קיין רו. ניטאָ קיין אָנהאַלט. און דאָס געוויסן פון דער וועלט שלאָפט. און קיין הילף איז נישטאָ. און די אויסזיכט איז טונקל און שווער. און קומט מלחמה אויף דער וועלט, וועט אויף אונזערע קעפּ זיך אויסגיסן נאָך אַ גרעסערע תוכחה. און ביז וואַנען, גאָט דערבאַרעמדיגער, ביז וואַנען וועט אונז פרעסן אונזער פּיין?"

אַ טיפער אידישער קרעכץ האָט אַרויסגעקלונגען פון די ווערטער. און פאַרשוואונדן איז געוואָרן דער מאָטאָר, ניט געבליבן איז די ראַדיאָ, שטום געוואָרן איז די פלי־מאַשין אין דער לופטן. וואו איז אַהינגעקומען דער אַספאַלטירטער אַמעריקאַנישער וועג — דאָס לעצטע וואָרט פון בוי־טעכניק? איבער וויסטע בלאָטיגע מיטלאַלטערלעכע וועגן ציען זיך פאַרטריבענע אידן, קרבנות פון אינקוויזיציע, קרבנות פון פירשטלעכער ווילקיר. אין דער נעבל־דיגער נאַכט אריין שטרעקן זיך אויס ווי פלאַם־צונגען די געשרייען פון אַ

געפייניגטן פאלק. וואוהין זאלן מיר גיין? פון וואנען וועט קומען אונזער הילף?

...טוט א בליאסק אין אויג א רויטער סיגנאל. בלייבט שטיין די מאשין, פאלגנדיג די אויטאמאטיש־צוגעוואוינטע האנט. וואכסטו אויף. קוקסט זיך ארום. קומט אלצדינג אוים ווילד־פאנטאסטיש. 1938. ערא פון קאפ־שווינדלענדיגע הויכן, וואס די ציוויליזאציע האט דערגרייכט. ערא פון וואונדער. די מענטשהייט וואלט געקאנט זיין אזוי מעכטיג און אזוי מענטשלעך. אינמיטן אט־דער וועלט — אידן־פיין; בעסטיעס עסן אידן־פלייש, טאנצן א שדים־טאנץ ארום שייטער־הויפן, אויף וועלכן עס בראט זיך דער איד. קאן דאס זיין? איז דאס ניט א קאשמאר?

:: :: ::

דעם זעלביגן אינדערפרי, אין דעם זעלביגן טייל פונעם לאנד, האב איך בייגעוואוינט א פארזאמלונג פון 400 אידן. אויך זיי זיינען ארויסגעקומען א שעפ־טאן לופט און זון־שיין אונטער א קלארן הימל. אויך זיי האבן מיטגעבראכט אין דער יום־טוב׳דיגקייט אריין דעם גרויסן אידישן ווייטאג. כ׳האב געזען צער־צייכנס אויף די פנים׳ער פון יונג און אלט. כ׳האב געהערט דעם קרעכץ — א ירושה פון דורות מארטירער — אין שמועסן וועגן אידישן גורל.

אבער אז די מענטשן האבן זיך פארזאמלט, האט זיך דערפילט — שטאל. האט דער צער זיך פארוואנדלט אין א ווילן צו טאט. האט דער זיפץ זיך אומגעביטן אין א רוף: לאמיר, אידן, זיך פאראייניגן צום שוץ פון אונזערע מענטשלעכע און אידישע רעכט און לאמיר גיין טריט־אין־טריט מיט די אונטערדריקטע און געראויבטע פון אנדערע פעלקער אין איין גרויסער פאלאנגע אנטקעגן דעם פיינט.

האבן אויגן געבליצט. האבן הענט זיך געהויבן. האבן הערצער גע־קלאפט. איז ניט געווען קיין יאוש אין אט־די זין און טעכטער פונעם אידישן פאלק. האט דער ווייטאג ניט אפגעמעקט דעם מענטשלעכן שטאלץ, נאר אים געשטארקט. האט דעם שונא׳ס חיה׳שע ביל־און־בים ערשט דערוועקט אין זיי דאס מענטשלעך־שיינע, דאס אידיש־געהויבענע, דעם גייסט פון די מאקאבעיער, די אנטשלאסנקייט פון די לעקערטס, די העלדישקייט פון באטווין און פון די באטווין־שטרייטער אויף די שפאנישע פראנטן.

איז געווען דער ווילן פון אט־די פאלקס־מענטשן: אפריינינגן די וועלט פון די חיות. מאכן די וועלט א היימישע היים פאר אלע פעלקער. מאכן

אַמעריקע

אונזער לעבן זיכער און פריי און פרידלעך און שעפעריש אין אַלע לענדער, וואו מיר וואוינען.

פון דער ווייטנס האָט געלויכטן, ווי די לעגענדאַרע פייער־זייל פאַר די אידן אין דער מדבר, דער ביישפּיל פון סאָוועטן־לאַנד.

איז דער יום־טוב פון זונשיין און האַרבסטיקער וויניגער לופט געוואָרן אַ יום־טוב פון פאַראייניגן כחות.

זיינען דאָ געווען סך־הכל פיר הונדערט אידישע קינדער. אָבער טויזנטער מאָל אַזוי פיל הויבן אויף זייער קאָפּ אין אַלע טיילן פון דער וועלט. און טויזנטער מאָל טויזנטער זין און טעכטער פון אַנדערע פעלקער שטרעקן צו אונז אַ ברידערלעכע האַנט.

און דאָס איז דער אָנהויב פון אידישער גאולה.

סעפּטעמבער, 1938 (פראַגמענט).

קומט מיט אונז

דזשעימס גורלי, חבר דזשעימס גורלי, מיר ווייסן ניט ווער דו ביסט. אפשר ביסטו א רעכטער, אפשר אַן אומפּאַרטייאישער. לויטן נאָמען ווייזטו אויס אַן אַמעריקאַנער. אפשר ביסטו אַן אימיגראַנט. אָבער אַן ארבעטער ביסטו.

מיר קאָנען דיין פּיין. דו האָסט אָקאָרשט אָנגעוואָרן צוויי קינדער, צוויי פּיצלעך עופ'עלעך. דו ביסט געווען ארבעטלאָז צוויי יאָר. דו האָסט געזען, ווי דיינע קינדער ווערן דאַר און קוואַר. האָסט געוואָלט ארבעטן און האָסט ניט געקענט, ווייל די ארבעט איז ערגעץ פאַרשוואונדן. דיינע באַלעבאַטים האָבן פאַרמאַכט די פאַבריקן, ווייל ס'האָט זיך זיי ניט געלוינט. דיינע באַלע־באַטים האָבן אַלץ נאָך געלעבט א גוטן טאָג, בשעת דיר איז די וועלט געוואָרן א מדבר.

האָסט געוואָלט ארבעטן און האָסט ניט געקענט. האָסט געבעטן הילף און האָסט ניט געקראָגן. האָסט געזען אזוינע בערג מיט רייכטום ארום און ארום — און אַליין ביסטו געוואָרן ווייסטער פון טאָג צו טאָג.

ביסטו אַוועק אין דער „עמוירדזשענסי וואָירק ביוראָ". האָסט געהערט, אַז דאָרט גיט מען ארבעט פאַר א נדבה. האָסט געבעטן כאָטש וואָס ניט איז, האָט מען דיר געגעבן א טאָג ארבעט. פאַרן טאָג האָט מען דיר באַצאָלט מיט פּראָדוקטן, ווייל פּראָדוקטן קאָסטן די הערשער וויניגער, דערהויפּט נאָך פאַרפוילטע פּראָדוקטן. האָסטו געבראַכט אהיים די בלעכענע פּושקע מיט פלייש. האָסט אָנגעהאָדעוועט דיינע קינדער. איז דזשים דער 4־יאָריגער געשטאָרבן אויפן אָרט און דער 3־יאָריגער סעם איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל.

ס'איז דיר שווער אויפן הארצן, ברודער, אָבער זייַ ניט אין דער היים, שפּייז זיך ניט מיט דיין ווייטאָג. פאַרוואַנדל דיין ווייטאָג אין צאָרן. פאַר־וואַנדל דיין פּיין אין אָנגריף.

קום מיט אונז, גיי ארויס אין גאַס דעם ערשטן מאַי. הויב אויף מיט אונז צוזאַמען א פויסט אין פּנים פון די מערדער. זאָג זיי: מיר ווילן מער

ניט טראָגן. זאָג זיי: מיר וועלן ווערן אַלץ שטאַרקער, ביז מיר וועלן אומ־וואַרפן אייער גאַנצע אומגליקלעכע הערשאַפט.

קום מיט אונז דעם ערשטן מאַי.

:: :: ::

נעד קאָב, דזשאָרדסאָן סימפּסאָן, אַלף וואַיט, קלינטאָן מאַסס, סעם מאַסס, קומט מיט אונז.

איר זייט איצט פאַררעכנט פאַר שווערע פאַרברעכער, איר שוואַרץ־הויטיגע פאַרמערס פון אַלאַבאַמאַ סטעיט. מען האָט אייך פאַר׳משפּט צו זעקס, צען און פופצן יאָר געפענגעניש. איר זייט שולדיג אין דעם, וואָס איר האָט זיך ניט געלאָזט אַרויסוואַרפן אין גאַס. איר זייט שולדיג אין דעם, וואָס איר האָט זיך פאַראייניגט מיט אייערע ברידער אין דער שער־קראָפּערס יוניאָן צו פאַרטיידיגן אייער לעבן און אייערע קינדער געגן די ווייסע עקספּלואַטאַטאָרס.

זיי רעכענען אייך ניט פאַר מענטשן. זיי כוואָשטשען איבער אייך מיט דער בייטש, ווי איבער בהמות. זיי הייסן אייך אַרבעטן אויף זייערע פעלדער בייטאָג און ביינאַכט און זיי לאָזן אייך דערפאַר ניט איבער אפילו קיין טרוקן שטיקל ברויט. ווען זיי האָבן פון אייך אויסגעקוועטשט דעם לעצטן זאַפט, שיקן זיי שעריפס און וואַרפן אייך אַרויס פון זייערע הייזער. זיי זאָגן, אַז דאָס זיינען זייערע הייזער און אַז איר, וואָס באַשאַפט אַלצדינג, איר וואָס אַקערט און זייט און פלאַנצט און שניידט און דרעשט און בויט די הייזער און לייגט די וועגן און באַוועגט די רעדער אין די מילן — איר זייט נאָר איינגעבעטענע, איר זייט בעטלער.

איר האָט זיך ניט געוואָלט לאָזן אַרויסוואַרפן פון די הייזער; האָבן די באַלעבאַטישע משרתים געשאָסן און דערמאָרדעט קליף דזשעימס מיט נאָך צוויי חברים. האָט די „בכבוד׳יגע״ נעגערישע בורזשואַזיע פון דעם טאַס־קידזשי אינסטיטוט געהאָלפן אַרויסגעבן קליפ׳ן אין די הענט פון די מערדער. האָט דער שעריף עלדער געלאָזט וויסן, אַז „מיר׳ן קומען צוריק און מיר וועלן דערשיסן יעדן גאָט־פאַרדאַמטן ניגער אין אָט־דעם קראַוד״. נאָכדעם האָט מען אייך אַרעסטירט און מען האָט אייך געשטעלט פאַרן געריכט.

שוואַרצע ברידער אונזערע! אויף אייך איז אויסגעפאַלן אַן ערנהאַפטע פליכט. איר זייט דער אַוואַנגאַרד פון אייערע ברידער — די האָרעפּאַשנע פאַרמערס פון אָט־דעם ברייטן לאַנד; איר זייט דער אַוואַנגאַרד פון די נעגער־מאַסן, וואָס פאַראייניגן זיך צום קאַמף און וואָס גייען האַנט אין האַנט

מיט די ווייסע עקספּלואַטירטע. אויף אייך האָבן די הערשער אויסגעגאָסן זייער צאָרן, ווייל אין אָט־דער פאַראייניגונג פון שוואַרצע געגן זייערע באַדריקער, אין אָט־דער פאַרבינדונג פון שוואַרץ און ווייס איז די גרעסטע סכנה פאַר די עקספּלואַטאַטאָרס.

ברידער אונזערע, איר זייט ביי אונז געאַכט און געליבט! מיר נעמען אייך אַריין אין אונזערע הערצער! מיר שטעלן אייך אַוועק אין אונזערע ערשטע רייען! מיר גייען צוזאַמען אין אָט־דעם גרויסן רויטן טאָג!

קומט מיט אונז! זאָלן וואַקסן אונזערע קאַמפּס־באַטאַליאָנען!

:: :: ::

און דו, ברודער בערנשטיין, אומבאַקאַנטער דזשעראָם בערנשטיין, אומבאַקאַנטער אָבער נאָענטער חבר, ווייל — חבר אין הונגער. געדענקסט דאָך גוט, ווי אַזוי דו ביסט אין יענעם מיטוואָך אָוונט געפאַלן אויף די טרעפּ פון דער סענטראַל סעיווינגס באַנק אין ניו יאָרק, אויפן ווינקל פון פערטער עוועניו און 14טער גאַס. דו געדענקסט, ווי אַזוי דו ביסט געלעגן אַ פּאָר־שמאַכטער און האָסט זיך ניט געקענט רירן. דו האָסט שוין דריי טעג ניט געגעסן. דו האָסט פאַרמאַכט די אויגן, אָבער דו האָסט געהערט, וואָס עס טוט זיך אַרום און אַרום. עס האָבן דיך אַרומגערינגלט מענטשן. זיי האָבן גערעדט: „אַ הונגעריגער", „מען דאַרף אים געבן עסן". איינער האָט געזאָגט: „האָספּיטאַל". אַ פרויען־שטימע האָט פעסט אַ זאָג געטאָן: „אין האָספּיטאַל וועט מען אים דערמאָרדן."

דו געדענקסט דאָך, ווי אַזוי אַ „קאַפּ" איז געקומען און האָט פאַנאַנדער־געטריבן דעם עולם. דער „קאַפּ" האָט ניט געקענט ליידן דאָס, וואָס מענטשן מאַכן אַ „קראַוד". דו געדענקסט, ווי אַזוי דער „קאַפּ" האָט דיך גענומען באַהאַנדלען ווי אַ פאַרברעכער. אין די אויגן פון די הערשער ביסטו טאַקע אַ פאַרברעכער. דו ביסט אַ „סינגלמאַן", וואָס טאָר ניט קריגן קיין הילף אפילו פון דער „האָום רעליף". דו מעגסט שטאַרבן פאַר הונגער שטילערהייט, אָבער דו טאָרסט ניט מאַכן קיין „אומאָרדענונג" אויף אַ באַלעבטער גאַס. דאָס איז גאָרניט שיין פון דיין זייט...

נו, טאָ קום־זשע מיט אונז אַרויס דעם ערשטן מאַי. היינט דעמאָנסטרירט דער הונגער. היינט דאַרפן מיליאָנען בערנשטיינס זאָגן די הערשער, אַז זיי ווילן מער ניט הונגערן, זיי ווילן מער ניט קיין „קאַפּס" אויך, אַז זיי ווילן אַליין זיין די באַלעבאַטים פונעם לעבן.

קום מיט אונז!

:: :: ::

און דו, סילוויא קאָזלאָף, וועסט דאָך אודאי גיין מיט אונז. דו ביסט געוואָרן בארימט, דו אומבאַקאַנטע סילוויא קאָזלאָף. די צייטונגען האָבן דערציילט אַ סענסאַציע וועגן דיין מזל. דו, אַ דרעסמאַכערין, האָסט אין יאָר 1928 געמאַכט 100 דאָלאַר אַ וואָך; אין יאָר 1929 האָסטו שוין געמאַכט נאָר 44 דאָלאַר אַ וואָך אין אַ משך פון 11 חדשים. איצט אַרבעטסטו צענט־האַלבן שטונדן אַ טאָג און קריגסט 4 דאָלאַר מיט 80 סענט אַ וואָך. דו לעבסט מיט אַ פאַמיליע אין די בראָנקס, דו האָסט קינדער, דו דאַרפסט וואַשן זייערע קליידער און צוגרייטן דאָס עסן — און אַליין ביסטו נאָך גאָר יונג, ביסט ערשט 28 יאָר אַלט.

כדי צו איינשפּאָרן געלט, גייסטו צופוס צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט צענדליגער גרויסע בראָנקסער בלאָקס. דו האָסט אַליין דערציילט, אַז מען יאָגט פון אייך אַרויס די נשמה אין דעם שאַפּ, כדי מען זאָל נאָכדעם קענען „אַפּלייגן" נאָך מער פּרויען.

און דו ביסט דאָך ניט די איינציגע, סילוויא קאָזלאָף. דו האָסט דאָך מסתמא געהערט וועגן מערי סמיט, וואָס אַרבעט פאַר 4 דאָלאַר אַ וואָך. פון די 4 דאָלאַר גיט זי אויס אַלע טאָג 20 סענט אויף קאַרפער, 25 סענט אויף לאָנטש און 20 סענט אויף דער דעי־נורסערי, וואו מען גיט אַכטונג אויף אירע קינדער. דאָס מאַכט אויס 3.90$ אַ וואָך. בלייבט איר אויף דירה־געלט און אויף אויסהאַלטן זיך מיט די קינדער 10 סענט אַ וואָך.

איז ווי־זשע קען מען דאָס טראָגן? און ווי אַזוי ניט פּראָטעסטירן? און ווי אַזוי פּראָטעסטירט מען, אויב ניט אַרויסגייענדיג אין גאַס צוזאַמען מיט דעם קלאַס און זאָגן זיך אַליין און דער גאַנצער וועלט, אַז מען וויל מער ניט ליידן אָט־די שמאַד.

:: :: ::

דאָקטוירים און דענטיסטן, לערער און זשורנאַליסטן, אפשר האָט איר געהערט וועגן דר. דזשאָזעף הערמאַן? ער האָט געלעבט אויף 152 צווייטע עוועניו מיט אַ פּאַראַליזירטן פאָטער און אַ טויבער מוטער. ער איז געווען אַ דענטיסט. ער האָט געליטן פון דעם קריזיס. מסתמא האָט ער געאַרבעט פאַר אָרימעלייט, וואָרים זיין פּראַקטיקע איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער. ער האָט ניט געוואוסט מיט וואָס מען לעבט. ער איז שוין געווען שולדיג פאַר דריי חדשים רענט — גאַנצע דריי הונדערט דאָלאַר. ווען דער מאַרשאַל דעיוויד לאָים איז צו אים געקומען מיט אַ „דיספּאָזעס", האָט דר. הערמאַן זיך העפלעך אַנטשולדיגט און געזאָגט, אַז ער דאַרף אַרויסגיין אויף

א מינוט אין צווייטן צימער. באלד איז ער צוריקגעקומען מיט א צעטל אין האנט. ער האט געזאגט דעם מארשאל:

— זייט אזוי גוט און לאזט וויסן די פערזאנען אויף אט־די טעלעפאן־נומערן. איך האב, דארפט איר וויסן, אקארשט איינגענומען סם.

ער האט איבערגעגעבן דאס צעטל און איז געפאלן אויף דער ערד א טויטער.

איר האט דאך מסתמא אויך געהערט די געשיכטע פון דער לערערין דזשענעט וויליאמס, וואס איז אזוי לאנג ארומגעגאנגען אן ארבעט און הונגעריג, אז זי איז געקומען אין דער „האום־רעליף" ביורא אין ניו יארק צו בעטן א מאלצייט. האט זי זיך גענומען אויס׳טענה׳ן, האט מען זי אנ־געשלאגן און מען האט זי ארעסטירט. אין געריכט, אויף וועסט 54טער גאס, האט מען זי באשולדיגט אין „שטערן דעם פרידן".

איר, אינטעליגענטן, איר מארך־ארבעטער, איר ווייסט דאך אלע, אז די צאל פון אזוינע הערמאנס און וויליאמסעס האלט אין איין וואקסן. איר האט זיך פארלאזט אויפן קאפיטאליזם, אז ער זאל אייך שאפן א גוט לעבן. איר האט געדינט דעם קאפיטאליזם. ער האט אייך פארראטן. ער ווארפט אייך ארויס אין גאס. ער דארף אייך מער ניט האבן. ער פארקלענערט די פראדוקציע פון קולטור. ער צעשטערט זיין אייגענע געשאפענע קולטור. טא קערט זשע זיך אפ פון אט־דעם בלוטיגן אפגאט. קומט צו אונז. קומט צום ארבעטער־קלאס. טרעט ארויס אין גאס מיט אונז צוזאמען דעם טאג פונעם ערשטן מאי.

⁘ ⁘ ⁘

און איר, ארבעטער־קינדער, איר האט אלע געלייענט די מעשה פון דעם קליינעם פיאנערל אין סקול. די לערערין האט געהייסן אנשרייבן א קאמפאזיציע אויף א טאג־פראגע. האט דאס פיאנערל אנגעשריבן א קאמ־פאזיציע וועגן דעם, אז די אומזיסטיגע „לאנטשעס" אין סקול באשטייען פון שלעכטער שפייז. די קאמפאזיציע איז געווען זייער גוט אנגעשריבן, אבער זי איז ניט געפעלן. איינער פון די שילער האט זיך אויפגעהויבן און געפרעגט:

— פארוואס גיט מען אונז ניט קיין קעש, וואלטן מיר זיך געקויפט וואס מיר ווילן?

האט מען אים געענטפערט:

— בעטלער זיינען ניט קיין איבערקלייבער („בעגערס אר נאַ טשוזערס").

אמעריקע

איר הערט, קינדער, וואָס מען זאָגט וועגן אייך? אויב איר זייט הונגעריג, אויב דער קאַפּיטאַליזם האָט באַראַבעוועט אייערע עלטערן און גיט זיי ניט די מעגלעכקייט צו מאַכן א לעבן, זאָגט מען אויף אייך, אז איר זייט בעטלער.

אויב דער קאַפּיטאַליזם האָט דערפירט דאָס לאַנד צו א ווילדן צושטאַנד פון אָרעמקייט אינמיטן רייכטום, הונגער אינמיטן לוקסוס, זאָגט מען אויף אייך, אז איר זייט בעטלער. איר, דער מאָרגן פון אונזער פאָלק, איר, די בלומען פונעם לעבן, איר, זאָגט מען חוצפּה׳דיג, זייט בעטלער.

זאָגן מיר אייך:

לאָזט זיך ניט דערנידעריגן! זייט מוטיג! זייט שטאָלץ! זאָגט די הערשער מיט זייערע משרתים, אַז עס קומט אייך, אַז אייך דאַרף געהערן די גאַנצע וועלט.

קינדער — ארויס אין גאַס! קומט מיט אונז צוזאַמען דעמאָנסטרירן דעם ערשטן מאַי.

זאָל לעבן אונזער ערשטער מאַי!

אַפּריל, 1933.

מענטשן פון דער באַוועגונג

פ ע ט

עס הענגט איבער אים דאָס דעפּאָרטאַציע־שווערדל. מען האָט אים שוין צוויי מאָל פאַרהאַלטן אין די מאַינער־סטרייקס פון פּענסילוועניע און ער האָט זיך נאָר געראַטעוועט דערמיט, וואָס ער האָט געלייקנט שטיין און ביין. ער איז ניט קיין אויסלענדער, האָט ער געזאָגט, ער איז פּעט אַ'לירי — און אַ געבוירענער אין סטאָונוויל, אָרעגאָן. ער האָט אַמאָל געקענט אַ בחור, וואָס האָט געהייסן אַ'לירי און האָט געשטאַמט פון סטאָונוויל — נוצט ער דעם נאָמען, און אַזוי ווי ער אַליין זעט אויס מיט זיינע ווערטערלעך און פּאַסטעמקעלעך ווי אַ טיפּישער אַמעריקאַנער יונג, האָט ער פאַררעדט די ציין די אימיגראַציע־באַאַמטע. מ'האָט אים ניט אינגאַנצן געגלויבט און מ'האָט געפאָדערט באַווייזן, און פּעט האָט זיך געבייזערט און גע'טענה'ט, אַז ער איז אַליין דער בעסטער באַוויז; און די באַאַמטע האָבן זיך ניט געוואָלט „באַדערן" און מ'האָט אים געזאָגט: „גיי, נאָר טאָמער פּאַקן מיר דיך אַ צווייטן מאָל, וועט מען שוין וויסן וואָס מיט דיר צו טאָן."

— אויב מען שיקט מיך ארויס — זאָגט מיר פּעט — איז קיין יוגאָ־סלאַוויע, און דאַרט האַלט מען פון דעם כּלל, אַז אַ טויטער קאָמוניסט איז בעסער פון אַ לעבעדיגן.

דערביי טוט ער אַ פריילעכן שמייכל און אַ טרייסל מיטן קאָפּ אַרויף, כּדי איינצואָרדענען די פּאַטליע האָר.

פּעט איז אויסגעוואַקסן אין די מינעס. ער קען די געגנט אויף הונדערט מייל אַרום. ער איז ניט דאָס, וואָס איר וואָלט גערופן אַ טוער. ער איז סך־הכּל אַ „דעילי וואָרקער" אַגענט, אָבער אין דער אַרבעט לייגט ער אַריין זיין גאַנצן יוגנטלעכן פייער. איצט, זאָגט ער, איז אים גרינגער, וואָרים ער אַרבעט נאָר צוויי טעג אין וואָך. אָבער אַרבעט צי ניט אַרבעט — ער מאַכט אַלע טאָג דעם שפּאַציר פון זיין שטעטל אין דער גרעסערער שטאָט אַריין, וואו ער קריגט דאָס בינטל צייטונגען. אין זיין שטעטל טאָר מען דעם „דעילי

װאַרקער״ ניט זען. טאָמער קריגט אימיצער צוגעשיקט די צייטונג, זאָגט מען אים אָפּ פון דער ארבעט. לעצטנס האָט דער פּאָסטמייסטער אויפגעהערט ארויסגעבן די צייטונג אפילו דעם שנײדער דזשעיקאָבסאָן און דעם גראָסער שמידט, וואָס האָבן ניט מורא אויסצוזאָגן, אַז זיי לייענען די טריפה'נע סחורה.

יעדן טאָג מאַכט פּעט דעם זיבן־מייליגן שפּאַציר הין און צוריק — און ערשט נאָכדעם הויבט זיך אָן די ארבעט פון פּארטייזל. ער קען ניט גיין דירעקט פון שטוב צו שטוב; ער קען ניט איבערגעבן די צייטונג פון האַנט צו האַנט. ער טראָגט דאָס בינטל אונטער דער פּאָלע. ער שטופּט אריין דעם אבאָנענט די צונויפגעוויקלטע צייטונג מיט א קונציגן רוק, אָניט לייגט ער זי אוועק ערגעץ אונטער א שטיין אָדער ער ווארפט זי אריין דורך א פענצטער, וואו ער ווייסט: מען וועט זי געפינען. דערביי פייפט ער א לידל אָדער ער זינגט מיט א זאָרגלאָז קול און ווינקט זיך איבער מיט די פארבייגייענדיגע בחורים — כלומרשט ווי ער גייט ארום פּוסטע־פּאַס.

דעם „שפּאַציר״ מאַכט ער אַלע טאָג, אין שניי און אין רעגן. כדי די „קאָזאַקן״ זאָלן אים ניט באמערקן אויפן וועג, ענדערט ער אַלע טאָג דעם מאַרשרוט. זעלטן וועט ער געלינגט אים אונטערצופאָרן אויף א פרעמדן אויטאָמאָביל. א יונגער שלעכט־געקליידעטער חברה־מאַן מיט א הונגעריגן פּנים קריגט ניט אזוי גיך קיין אומזיסטיגן „פאָר״.

פּעט'ס גרעסטע פרייד איז — צוקריגן א נייעם לעזער. אין אָט־דער ארבעט איז ער דער גרעסטער מייסטער. ער קוקט זיך לאַנג צו צו אַן ארבעטער, שמועסט מיט אים, לערנט אים א נײ לידל, ביז ער איבערצייגט זיך, אַז יענער וועט ניט „באַלבען״. נעמט ער אים אָן א זייט און ראָמט אים איין א סוד, אַז ער קען אים עפּעס ווײזן, וואָס ס'וועט אים שטאַרק פאַר־אינטערעסירן. ער שאַפט אַן אַטמאָספערע פון וויכטיגער געהיימעניש ארום דעם גאַנצן ענין. און גיבן גיט ער ניט די צייטונג גלאַט אזוי, נאָר ער קלייבט אויס אַן ארטיקל, וואָס האָט אים אַליין שטאַרק צוגעצויגן, און זאָגט: „נאַ, לייען, וועסטו עפּעס וויסן.״ נאָכדעם רעדט ער מיטן נייעם לייענער און האָט דערביי א טבע צו שילטן דעם שרייבער: „אָט א שאַרפע פּען, א קרענק אים אין די ביינער; טרעפט פּונקט אין פּינטל.״

אָט אזוי האָט ער אויסגעארבעט א לעזער־קרייז פון עטלעכע און פופציג מאַינערס — און קיינער פון זיי איז דערווייל ניט דורכגעפאַלן מיט דער צייטונג.

די ארבעט האָט פאַר פּעט'ן פּאָעזיע; זי האָט ריזיקע; זי האָט ראָמאַנ־

טיק. ער לעבט זיך אוים אין זיין שטענדיגער מלחמה מיט די צאַלרייכע געפאַרן.

פעט האָט איין גרויסן וואונטש: אַ ווינטער אין דער וואָרקערס סקול פון ניו יאָרק. פעט האָט אָבער אויך איין גרויסן טרויער: די פּוילישע מיידל אַנקאַ, וואָס האָט פאַרכאַפּט זיין האַרץ, איז אַ פרומע קאַטאָליטשקע און גייט אין קאָסציאָל. דעם וואונטש וועט מסתמא ניט שווער זיין צו דער־גרייכן: די אַרבעטער־שול נויטיגט זיך אין אַזוינע סטודענטן. דעם טרויער וועט שוין פּעט אַליין דאַרפן אָפּווישן דורך אויפקלערן דאָס מיידל.

מען זאָל אים נאָר ניט כאַפּן און דעפּאָרטירן.

די טענצערקע

טאַנץ איז איר הויפּט־פאַרלאַנג און הויפּט־טאַלאַנט. טאַנץ פּולסירט אינעם בלוט פון איר איין־און־צוואַנציג־יאָריגן קערפּער, און טאַנץ מאַכט פון איר איין ריטמישע דערשיינונג. ווען זי גייט אַריין אין אַ צימער — אָט ווי מענטשן טרעטן געוויינלעך אַריבער די שוועל און מאַכן אַ פּאָר שפּאַן ביז זיי דערגייען צו אַ שטול — איז דער איינדרוק: פּאָלקאָמענקייט פון באַ־וועגונג. אָט אַזוי און ניט אַנדערש דאַרף אַ מענטשלעכע באַשעפעניש זיך באַוועגן. עס דאַכט זיך, אַז דער טאַנץ זינגט אַרוים פון אירע אויגן — און דעריבער זיינען אירע גראָע אויגן אַזוינע ליכטיגע און רואיג־שטראָמענ־דיגע, ווי אַ טיפער טייך, אַ שטייגער, וואָס פליסט זיכער און גלאַט אין ים אַריין, טראָגנדיג אויף זיין רוקן די זון.

טאַנץ איז איר הויפּט־עלעמענט, אָבער זי האָט אויך אַ קלאָרן מח, וואָס נעמט אויף זאַכן פריש און פאַרשיידנזייטיג; זי האָט אַ גוטן רעדנער־טאַלאַנט און אַז זי שטעלט זיך אַוועק רעדן, אַ דינינקע, מיט שמאָלע פּלייצעס און קורץ־געשוירענע האָר, וואונדערן זיך מענטשן, וואָס אַזאַ יונגנט פאַרמאָגט שוין אַזוינע איבערציינגנדיגע ערנסטע ווערטער. זי קען אָבער אויך שרייבן; ווען מען דאַרף, וועט זי פאַרפאַסן אַן אויפרוף, אַ דעקלאַראַציע; זי האָט שוין פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרטיקלען אין דער פּרעסע.

הכלל, נאַטאַ איז אַ מענטש אַ באַגאַבטער ,און אַזוי ווי זי איז אַ קאָמיור־גיסטקע, איז ביי איר דאָ אַ קאָנפליקט צווישן דעם טאַנץ און דער געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט.

ס'הייסט, אייגנטלעך האָט זי פונעם טאַנץ אויך געמאַכט אַ געזעלשאַפט־לעכע אַרבעט. זי האָט אַ סך מאָל אָרגאַניזירט טאַנץ־גרופּן פון אַרבעטער־

קינדער. זי זאָגט, אַז דורכן טאַנץ קען זי צוציען אויך די עלטערן פון די קינדער. טאַנץ פאַר איר איז אַ מיטל פון קאַמף, אַ מיטל פון אייניגקייט, אַ מיטל פון קלאַסן־דערוואַכונג. דעריבער האָט זי זייער ליב צו טאַנצן מיט פּיאָנערן. איר דאַכט זיך, אַז דער טאַנץ גיט זיי עפּעס מיט אויפן גאַנצן לעבן, וואָס קיין ווערטער און קיין מעשים קענען דאָס ניט געבן. עס וואָלט זיך איר קיין זאַך בעסער ניט געוואָלט, ווי טאַנצן מיט קינדער.

איז זי אָבער אַ קאָמיוניסטקע. איז זי אַוועק אַרבעטן אין אַ פאַבריק, וואו עס אַרבעטן עטלעכע הונדערט מיידלעך. זי האָט זיך פאַרדונגען ווי אַן אַרבעטערקע — אַן אָנפאַנגערין. זי האָט זיך שנעל אויסגעלערנט די מלאכה — און נאָך שנעלער איז זי געוואָרן באַליבט צווישן די מיידלעך. זי איז געגאַנגען צו זייערע וועטשערינקעס און האָט איינגעלאַדן די לעבע־דיגסטע צו זיך אהיים. באַלד האָבן זיי געהאַט אַ טרעיד־יוניאָן גרופּע און אַ ביסל שפּעטער — אַן אַרבעטער־קלוב. נאַטאַ איז געווען פאַרנומען ביז איבערן קאָפּ: צוועלף שעה אין דער פאַבריק; נאָכדעם מיטינגען, באַ־געגענישן, צוגרייטונגען, בלעטלעך; אַ חוץ דעם — קאָמיוג; אַ חוץ דעם — די קולטור־אַרבעט פון דער קולטור־פעדעראַציע, וואו זי האָט אַרויסגעהאָלפן מיט וואָרט און טאַט.

מ׳האָט אַרויסגערופן אַ סטרייק אין דער פאַבריק — און מ׳האָט נאַטאַ׳ן „געסעקט” נאָך אַ דריי־טאָגיגן אַרעסט. קען מען ניט זאָגן, אַז דאָס איז פאַר איר געווען אַ גרויסער קלאַפּ. אַ באַרימטע אויסלענדישע טאַנץ־שול איז גראָד דעמאָלט געקומען קיין אַמעריקע — און נאַטאַ האָט געפונען אַ מעגלעכקייט אויפגענומען צו ווערן, כדי צו אַנטוויקלען איר קונסט.

ווי אַזוי האָט זי געלעבט? זי האָט גענייט קאָסטיומען פאַר די טענצערינס אין די פרייע שטונדן. די איבעריגע צייט האָט זי געטאַנצט מיטן קלאַס. דאָס האָט געהייסן אַרבעטן אַן אַכצן שעה אין טאָג, אָבער נאַטאַ איז געווען צופרידן. וואָס מאַכט דאָס אויס, וואָס דער קאָפּ איז שווער פון ניט־דערשלאָפן, אַבי דאָס האַרץ איז גרינג. וואָס מאַכט דאָס אויס, וואָס די פינגער זיינען צעשטאָכן פון דער נאָדל, אַבי די באַרימטע טאַנץ־מייסטערין קוקט אויף איר ווי אויף דער גרעסטער האָפענונג פון איר קלאַס. „אַ טאַלאַנט, אַ גרויסער אייגנאַרטיגער טאַלאַנט”, זאָגן אַלע. אָבער נאַטאַ פאַרגעסט ניט אירע פליכטן. צווישן די שילערינס האָט זי באַלד געגרינדעט אַ קאָמיוניסטישע גרופּע — וואָס האָט גענומען צוגרייטן קאַמפּס־טענץ, פּראָלעטאַרישע טענץ. די פאַרוואַלטונג האָט עפּעס דערשמעקט און געשראָקן מיט רעפּרעסיעס — האָט נאַטאַ געזאָגט דער פאַרוואַלטערין זייער רואיג און זייער ווירדיג, אַז

אויב עפּעס, רופט זי, נאַטאַ, ארויס א שול־סטרייק און מען וועט פּיקעטן די געביידע, וועט דאָס גאָר ניט זיין גוט פאַר דער שול. די פּאַרוואַלטערין האָט נאָכגעגעבן, און די גרופּע האָט געגומען אנטוויקלען א נייע קונסט.

גוט איז געווען נאַטאַ׳ן אין איר טאַנץ־געזעלשאַפט. פריילעך האָט זיך געאַרבעט. א דערמוטיגונג איז געווען צו זען ווי אַזוי צום ערשטן מאָל ווערן געשאַפן עלעמענטן פון אַן אמת׳ער פּראָלעטאַרישער טאַנץ־פאָרם. פאַרכאַפּט איז מען געווען אין דעם שפּעדישן ווירוואַר, פון וועלכן, צווישן מוזיק און קאָליר און יונגע זוכענישן, עס איז געוואַקסן עפּעס נייעס, עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳איז נויטיג פאַרן ארבעטער־קלאַס.

אָבער נאָך נויטיגער איז געווען פאַרן ארבעטער־קלאַס צו געווינען דעם קוילן־סטרייק אין אָהייאָ. און כדי צו געווינען דעם סטרייק, איז נויטיג געווען, אַז מען זאָל אַכטונג געבן אויף די קינדער פון די סטרייקער. האָט דער קאָמיטעט אוועקגעשיקט א גרופּע יונגען און מיידלעך אין די קוילן־פעלדער — באַזאָרגן די קינדער.

איך האָב געזען נאַטאַ׳ן אין פּיטסבורג, אויפן וועג צו איר אָרט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין א פּראָסט קליידל און האָט געטראָגן שווערע דאָרפישע שיך אויף אירע פיס. איר פּנים איז שוין געווען פאַרברענט פון דער זון — זי האָט געמאַכט די רייזע אומזיסט, בעטנדיג א „פאָר״; אירע הענט און אירע קליידער זיינען געווען שטויביג. אָבער אין די אויגן איז געווען דער שטענדיגער ריטמישער גלאַנץ, און ווען זי האָט געלאַכט, וויינדיג די ווייסע ציין, האָט זי אויסגעזען ווי א קינד.

זי האָט שוין אָרגאַניזירט, זאָגט מען מיר, עטלעכע פּיאָנערן־גרופּן צווישן די מאַינערס קינדער.

דער אַלטער

— טוט א קוק אויף דעם אַלטן — זאָגן מיר חברים, ווען מיר גייען אַריין אין א פאַרזאַמלונג־זאַל.

איך זע א מאַן א מאָגערן, מיט אַן אויסגעבויגענעם רוקן, מיט אַן איינגעשרומפּענעם רוקן, מיט א פּרענזל ווייסע האָר ארום דעם גלאַטן פאַרמעטענעם שאַרבן. די אונטערשטע ליפּ איז ביי אים א ביסל ארויסגערוקט, און די אויגן זיינען מונטערע, די ברעמען — טונקל.

— ווי אַלט, רעכנט איר, איז ער?

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ מענטש פון אַ יאָר זעכציג. אָבער די חברים לאַכן. עס איז אַ פאַקט, אַז ער איז איצט אַכט און זיבעציג יאָר.

— און ער גייט נאָך אויף מיטינגען?

מען דערציילט מיר זיין געשיכטע. ער איז געווען אַ שטאָל־אַרבעטער אַלע זיינע יאָרן — און איינער פון די ערשטע יוניאָן־מיטגלידער צוריק מיט פופציג יאָר. ער האָט געגלויבט אין קאַמף — און אים אָפּגעגעבן זיינע בעסטע כחות. אַ באַלעבאָס, האָט ער געוואוסט, איז אַ שונא, און אַרבעטער־איינינגקייט איז די גרעסטע קראַפט. זיינען אָבער געקומען נייע צייטן, מיט נייע פירער, מיט נייע פּראָגראַמען — און דעם אַלטן מעק'ן איז דאָס ניט געפעלן. „זיי האָבן געמאַכט פון דער יוניאָן אַ ביזנעס", האָט ער געזאָגט, „און צו די באַלעבאַטים זיינען זיי נענטער ווי צו אונז." האָט ער זיך צוריק־געצויגן. ער האָט שוין טאַקע ניט געקענט אַרבעטן אויך, געוואָרן אַלט. האָט ער געלעבט אַמאָל ביים זון, אַמאָל ביי דער טאָכטער — און האָט זיך שוין געקליבן שטאַרבן.

ערשט ס'האָט זיך אָנגעהויבן די לינקע באַוועגונג — און דער אַלטער מעק האָט אויפגעלעבט. אַ נייער גלאַנץ האָט זיך באַוויזן אין זיינע אויגן, אַ נייע רירעוודיגקייט אין זיינע גלידער. ער האָט גענומען גיין אויף מיטינגען; ער האָט אָנגענומען אין קאָמיטעס. ער העלפט בויען די מעטאַל־אַרבעטער־ליג. ער האָט גוטע איינפאַלן און טויג זיך אוים מיט אַן עצה.

און ניט נאָר דאָס. ער איז אַ גוטער אַגיטאַטאָר. ער האָט פון ערגעץ אַרויסגענומען און אויפגעלעבט אַ מאַסע דערפאַרונג, ווי צו רעדן צו שטאָל־אַרבעטער, צו מאַינערס. און ער רעדט. פּריוואַט — ניט פון פּלאַטפאָרמע. און זיינע רייד ווירקן. ער רופט אַלעמען „זון" — און מען הערט און מען האָט צוטרוי.

היינטיגן מאַי, ביי דער מאַסן־דעמאָנסטראַציע, האָט ער ניט אַנדערש געפאָדערט: ער וויל טראָגן די פאָן. מען האָט אים געוואָרנט: ס'איז ניט פאַר זיינע כחות. אָבער ער האָט זיך איינגעשפּאַרט. און ער האָט הויך געטראָגן די שווערע פאָן גאַנצע דריי בלאָק — ביז די פּאָליציי איז ניט געקומען מיט אירע אויטאָמאָבילן און גאַז־באָמבעס.

און אויך דעמאָלט האָט דער אַלטער מעק זיך ניט פאַרלוירן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די פאָן און איז מיט איר אַוועק אין אַ זייטיגער גאַס. דער פיינט האָט זי ניט באַקומען.

מ'האָט מיך פאָרגעשטעלט מעק'ן. מ'האָט אים געזאָגט, אַז איך קום פון

מ. אלגין

סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיין ערשטע פראַגע איז געווען: צי האָב איך ווען דאָרט געזען ביל העיוואוד׳ן? ביל העיוואוד און ער זיינען אַמאָל געווען קאַמפּס־ברידער.

שפּעט נאָכן מיטינג האָב איך געדאַרפט דערציילן מעק׳ן וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און וועגן ביל העיוואוד.

אויגוסט, 1932.

ווי אַזוי סלים איז געוואָרן אַ קאָמוניסט

איך וויל דערציילן, ווי אַזוי שטאָל-אַרבעטער טרעטן אַריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

לאָמיר נעמען איינעם מיטן נאָמען סלים (אין אַ שטאָל-שטעטל אַרום פּיטסבורג). ער איז אַלט 42 יאָר — אָבער ער זעט אויס אַ סך אינגער. ער האָט ליכטיגע האָר און אַ שמאָלן פּנים מיט אַ פּאָר שאַרפע אויגן. זיין קערפּער איז ווי אויסגעקנאָטן פון אייזן. ער איז אַ געבוירענער אַמעריקאַנער, אַ זון פון אַ פאַמיליע, וואָס לעבט שוין צוויי הונדערט יאָר אין אַמעריקע. ער איז געגאַנגען אין שול און איז גאַנץ אינטעליגענט.

אָט זיינען שטריכן פון זיין ביאָגראַפיע.

ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן צו 14 יאָר. געאַרבעט האָט ער אין אַ מאַין. זיין פאָטער איז געווען אַ מאַינער און אַן אַלטער יוניאָן-מאַן. סלים האָט מיר דערציילט מיט שטאָלץ, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ יוניאָן-מאַן פון דעם טאָג אָן, ווען די „יונאַיטעד מאַין וואָרקערס" האָט זיך אָרגאַניזירט. זיין פאָטער איז געווען סעקרעטאַר פון דעם לאָקאַל און עטלעכע מאָל אַ דעלעגאַט צו דער יוניאָן-קאָנווענשאָן. צוליב דעם, וואָס זיין פאָטער איז געווען אַ יוניאָן-מאַן, האָט סלים ניט געדאַרפט צאָלן קיין איינטריט-געלט.

שפּעטער איז ער אַריבערגעגאַנגען אין אַ שטאָל-פאַבריק. דאָ זיינען די אַרבעטער ניט געווען אָרגאַניזירט. ער, סלים, האָט ניט געקענט פאַרשטיין — פאַרוואָס. געאַרבעט האָט ער טיילווייז אין די קוילן-גרובן און טיילווייז אין דער שטאָל-פאַבריק — וואו ס'האָט זיך געמאַכט. אין 1920 איז ער אויף שטענדיג אַריבערגעגאַנגען אין דער שטאָל-פאַבריק פון קלערטאָן, פּענסילווייניע.

האָט ער ווען פריער געהאַט רעוואָלוציאָנערע אידייען? סלים גיט צו, אַז קיין פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערע אידייען האָט ער ניט געהאַט. וואָס דען? ער האָט פיינט געהאַט דעם פאָרמאַן. ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן זיין באַציאונג צו די אַרבעטער. ער האָט אויך ניט געקענט פאַרטראָגן דאָס, וואָס די באַלעבאַטים פּרואוון אַרויספּאָמפּען וואָס מער געלט פון די אַרבעטער.

אַט למשל, זאָגט ער, נעמט די פראַגע פון שלעכטער שטאָל. מ'האָט פאַר־שאָטן דעם אויוון מיט אַלע נויטיגע מאַטעריאַלן, ווי די אינזשענערן האָבן געהייסן; די אַרבעט איז פאָרגעקומען אונטער דער אויפזיכט פון אַ פאָרמאַן. די אַרבעטער האָבן געטאָן אַלץ וואָס מען האָט זיי געהייסן. די שטאָל איז אָפּגעקאָכט — און זי האַלט ניט אויס די פּראָבע. ווער איז שולדיג? פאַר־שטייט זיך, אַז ניט די אַרבעטער. אָבער פאַר אַזאַ קאַליע־געמאַכטן אויוון שטאָל האָט די קאָמפּאַניע ניט געצאָלט. דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסן.

אָדער נעמט אַן אַנדער פאַל. די קאָמפּאַניע האָט געצאָלט די אַרבעטער פער טאָן. סלים איז געווען אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער — דער ערשטער העלפער. גערעכנט האָט מען אים 2240 פונט צו אַ טאָן. אַזוי האָט ער געוואוסט: פאַר יעדע 2240 פונט שטאָל באַקומט ער אַזויפיל און אַזויפיל. אָבער אַז די קאָמפּאַניע האָט פאַרקויפט די שטאָל, האָט זי גערעכנט נאָר 2000 פונט אַ טאָן. דאָס הייסט, אַז אויף יעדער טאָן האָט די קאָמפּאַניע „פאַר־דינט "איבעריגע 240 פונט, פאַר וועלכע זי האָט די אַרבעטער ניט געצאָלט. אויך דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסן.

געווען אַנדערע אַקטן פון רויבעריי. אַ שטייגער: מען האָט אויס־געליידיגט דעם אויוון, מען וואַרט אַ צוויי שעה אויף „סקרעפּ" (ברוך־אייזן); דער „סקרעפּ" קומט ניט, ווייל די פאַרוואַלטונג האָט זיך פאַרשפּעטיגט. ווער איז שולדיג? ניט די אַרבעטער. אָבער פאַר דער צייט צאָלט מען זיי גאָרניט. מאַכט זיך אַמאָל, דער אויוון אָדער די מאַשינעריע ווערט קאַליע. מען דאַרף פאַרריכטן. ווער ליידט דערפון? די אַרבעטער. אויב די רעפּאַראַציע דויערט ווייניגער ווי צוויי שעה, צאָלט מען זיי נישט פאַר דער פאַרלאָרענער צייט.

און אַז דער אַרבעטער האָט עפּעס אַ קלאַגע — צו וועמען זאָל ער זיך ווענדן? קיין יוניאָן איז ניטאָ; קיין אַרבעטער־פאַרטרעטער איז ניטאָ. קען מען זיך, הייסט עס, נאָר ווענדן צום פאָרמאַן. אָבער אַז מען רעדט צום פאָרמאַן, דאַרף מען זיין פאָרזיכטיג. „מען טאָר ניט קיקן צופיל", זאָגט סלים, „אַניט ווערט מען אַרויסגעקיקט פון דער פאַבריק."

היינט די פּאָליציי, די ספּעציעלע קוילן־ און אייזן־פּאָליציי, וואָס האָט געהיט די מאַינס און די פאַבריקן; היינט די שפּיאָנען. רעדסט מיט אַן אַרבעטער, וואָס שטייט לעבן דיר ביים אויוון, און ווייסט ניט — אפשר איז ער אַ שפּיאָן.

אונזער סלים איז געווען אַ הויך־באַצאָלטער אַרבעטער, ער האָט גע־קראָגן אַן ערך 40 דאָלאַר אַ וואָך. אונטער אים האָבן זיך געפונען דער צווייטער העלפער, וואָס האָט געקראָגן נאָר $30 אַ וואָך, און דער דריטער

העלפער, וואָס האָט געקראָגן אַן ערך $25 אַ וואָך. אונטער זיי זיינען געווען די פּראָסטע ארבעטער, „לעיבאָרערס״, וואָס האָבן געקראָגן אַזוינע 20 דאָלאַר אַ וואָך.

ווי איז געווען סלים׳ס קולטור־לעבן? ער האָט ניט געהערט צו קיין קלוב אָדער צו קיין פּראָטערנאַלער אָרגאַניזאַציע. ער האָט אויך ניט ליב געהאַט צו שטודירן. לייענען האָט ער יאָ ליב געהאַט. איז אַז ער האָט געהאַט צייט, פלעגט ער זיצן אין דער היים, לייענען צייטונגען און ביכער. מער פון אַלצדינג האָט ער ליב געהאַט צו לייענען געשיכטע. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז בכלל נישט קיין געזעלשאַפטלעכער מענטש. ער האָט זיך ניט געמישט אין קהל׳שע זאַכן.

רעליגיעז איז ער פונדעסטוועגן ניט געווען. דאָס איז מיר אויסגעקומען צו הערן אַ סך מאָל צווישן די אַרבעטער. כאָטש ס׳איז געווען אומבאַוואוסט־זיניג, האָט מען פונדעסטוועגן נישט ליב געהאַט דעם גלח און די קירך. „איך האָב ניט געוואוסט, צו וואָס מען דאַרף דאָס אַלעם האָבן״, זאָגט מיר סלים. זיין פאָטער איז אויך ניט געווען רעליגיעז. זיין פאָטער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען אין קירך. דערפאַר איז די מוטער געווען אַ פרומע. זי האָט אים געשיקט אין סאָנדעי־סקול, אָבער צו 12 יאָר האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דער סאָנדעי־סקול און פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין ניט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג מיט דער קירך. אָבער זאָגן, אַז ער האָט אין גאָט ניט געגלויבט, קען ער ניט. ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט אַזאַ גאָט, ווי דער גלח מאָלט, אָבער ער האָט געגלויבט, אַז עס איז דאָ אַ העכערע באַשעפעניש און אַז אַ העכערער ווילן רעגירט איבער דער וועלט. ער האָט אויך געגלויבט אין לעבן נאָכן טויט.

דאָס ערשטע מאָל איז ער געגאַנגען צו די וואַלן אין יאָר 1912 און האָט געשטימט פאַר יודזשין דעבס. ווי קומט ער שטימען פאַר די סאָציאַליסטן? ער אַליין האָט זיך ווייניג אינטערעסירט מיט אַזוינע פראַגן, אָבער זיין פאָטער האָט געהאַט סאָציאַליסטישע סימפּאַטיעס און האָט גערעדט וועגן דעם אין דער היים. צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט זיין פאָטער ניט געהערט. שפּעטער האָט אונזער סלים געשטימט אַמאָל פאַר דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און אַמאָל פאַר אַן אומאָפּהענגיגן קאַנדידאַט. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די אומאָפּהענגיגע קאַנדידאַטן זיינען די בעסטע.

— איר זעט דערפון — זאָגט ער מיר — אַז איך בין גאָר ניט געווען באַוואוסטזיניג. איך קען איצט זאָגן: איך בין געווען אַ גאָר־גאָר אָפּגע־שטאַנענער מענטש. וועגן געזעלשאַפטלעכע פראַגן האָט מען אין מיין קרייז

ניט גערעדט. איר פרעגט: ווי קומט עס? גאַנץ איינפאַך. איך האָב געלעבט אין אַ קליין דערפל הינטער קלערטאָן. סך־הכל איז דאָרט געווען אַ 30־40 הייזער מיט לויטער קליינבירגערלעכע אַמעריקאַנער. זיי זיינען געווען 100־פראָצענטיגע, האָבן געגלויבט אַלצדינג, וואָס די ציישונגען און די פּאָליטישנס דערציילן — און איך האָב געטיילט זייערע איבערגלויבנס און זייער פּוסטן לעבן.

סלים פאַרטראַכט זיך, און זיינע ברוינע אויגן ווערן, דאַכט זיך, טונקעלער און קלענער. ער רעדט נאָכדעם אַרויס זייער לאַנגזאַם:

— און פונדעסטוועגן, ווען איך קוק זיך אום אויף צוריק, זע איך, אַז די גאַנצע צייט האָט אין מיר געלעבט עפּעס אַן אומרו. איך בין געווען אומצופרידן. די אומצופרידנקייט האָט מיך גענאַגט אינעווייניג, ווי עס נאָגט אַ שוואַכער צאָן־ווייטאָג.

אין 1924 איז ער אַריבערגעפאָרן אין קלערטאָן. דאָס איז אַ קאָמפּאַני־שטעטל, איינגאַנצן אין דער מאַכט פון דעם שטאָל־טראָסט. קיין אָרגאַני־זאַטאָרס האָבן זיך אַהינצו ניט דערוועגט צו קומען. פון אַרבעטער־פאַרזאַמ־לונגען האָט מען דאָרט ניט געוואוסט. בכלל איז דאָרט ניט געווען קיין מאָדע צו רופן מיטינגען, אַ חוץ אין דער צייט פון אַ וואַל־קאַמפּאַניע, ווען עס פלעגן האַלטן רעדעס די דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנישע פּאָליטישנס. קיין סאָציאַליסטישע רעדנער האָט מען אין קלערטאָן ניט געהערט. וועגן רעדט שוין פון קאָמוניסטן.

אָט אַזוי האָט דער שווערער אַרבעטער אין דער שטאָל־אינדוסטריע געלעבט אַ באַלעבאַטישן צוריקגעשטאַנענעם לעבן. אָבער סלים האָט גע־גלויבט אין דעמאָקראַטיע. ער האָט געגלויבט, אַז אַלע איבלען פון די פאַר־אייניגטע שטאַטן קענען באַזייטיגט ווערן דורך דעם, וואָס מען וועט אויס־קלייבן די ריכטיגע מענטשן פאַר באַאמטע. ער איז ניט געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר קולידזש'ן אָדער הואווער'ן, אָבער ער האָט געשטימט פאַר רוזוועלט'ן אין 1932.

הכלל, אַ פּאָליטיש־בלינדער מענטש — ווי מיליאָנען פון זיינע ברידער.

צום ערשטן מאָל האָט ער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט אין יאָר 1930, דאָס הייסט, נאָכן אָנהויב פונעם קריזיס. אין קלערטאָן איז אָרגאַניזירט געוואָרן די „אינדעפּענדענט וואָטערס ליג" (ליגע פון אומאָפּהענגיגע וויילער). אונזער סלים האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט פּאָליטיק. ער האָט געטראַכט: מיר האָבן אַ געלעגנהייט אַריינצוזעצן די פּאַסיגע מענטשן אין אַמט. ער איז געגאַנגען ווייטער און האָט געזאָגט:

לאָמיר אויסקלייבן אַן אייגענע שטאַט־אַדמיניסטראַציע אין קלערטאָן. לאָמיר אויסרייניקן די אַדמיניסטראַציע, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן דורכן שטאָל־טראָסט.

אונזער סלים האָט גענומען קעמפן פאַר „אייגענע מענטשן". די ליג האָט אַרויסגעשטעלט און אויסגעקליבן איינעם ראָבערט אַסטערמאַיער פאַר מעיאָר אין קלערטאָן. אָבער ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ליגע פון די אומאָפּהענגיגע ווײַלער האָט אונטערגעשאַצט די מאַכט פונעם שטאָל־טראָסט. אַסטערמאַיער האָט זיך באַלד איבערגעקוליעט און גענומען דינען דעם שטאָל־טראָסט. ער איז געגן סטרייקס, געגן יוניאָניזם, געגן די אַרבעטלאָזע קאָונסילס. ער לאָזט ניט אָפּהאַלטן קיין פאַרזאַמלונגען פון לינקע אָרגאַני־זאַציעס, אפילו ווען זיי דינגען דערצו אַ פּריוואַטן „לאָט".

— דאָס — זאָגט מיר סלים — האָט מיר פאַרשאַפט ניט איין שלאָפלאָזע נאַכט. איך האָב זיך געמוזט אָפּגעבן אַ חשבון. איך האָב זיך געזאָגט, אַז מיר האָבן געלעבט אין חלום.

פעברואַר, 1935 (פראַגמענט).

ווען וועט קומען אונזער יום־טוב?

יום־טוב׳דיגער טומל אין די גאַסן. מענטשן לויפן, איילן, טראָגן פּעקלעך, בלומען. אומעטום פילט זיך אַ געהויבענע שטימונג. די שטאָט האָט שוין אָנגעצונדן אירע יאָלקעס. די שטאָט חנ׳דלט זיך מיט אַלערליי־קאָלירנדיגע לעמפּלעך. נאָר נאָך אַ ביסעלע שניי — אַי וואָלט דאָס געווען אַ פרייד! עס פרעגט זיך נאָר, צי וועט מרס. מאַרגאַרעט האָז געניסן פון דעם יום־טוב. איר געדענקט דאָך, וואָס מיט איר איז געשען. די „קאַפּס" האָבן זי געכאַפּט ביים גרויסן פאַרברעכן. זי האָט אַרומגעוואַנדערט ביינאַכט איבער דעם ריזיגן ניו יאָרק. זי האָט ניט געקענט אָנווייזן קיין אַדרעס, וואו זי וואוינט. האָבן די געזעץ־היטער זי געבראַכט פאַרן ריכטער ניקאָלאַס פּינטאָ. האָט זי זיך מודה געווען, אַז, אמת, זי איז באַגאַנגען דעם שווערן פאַרברעכן: אַזוי ווי זי איז אַרבעטלאָז און היימלאָז און האָט ניט קיינעם אויף דער וועלט, וואָס זאָל איר העלפן, האָט זי זיך אַרומגעבלאָנקעט אין שטאָט. זי האָט גענעכטיגט אין קאָרידאָרן, אין קעלערס. האָט ריכטער פּינטאָ אויף איר שטאַרק רחמנות געהאַט — אַן עלטערע פרוי, 56 יאָר אַלט — האָט ער זי פאַר׳משפּט אויף דרייסיג טעג אין געפענגעניש. איז וואָס פאַר אַ יום־טוב׳דיגע שטימונג לעבט זי איבער הינטער אייזערנע גראַטעס?

די שטאָט איז פול מיט כל טוב. די געשעפטן פּלאַצן שיר ניט מיט די זאַפטיגע פרוכטן, די בייכיגע וואורשטן, די אַראָמאַטישע געבעקסן. די זעלטנסטע געווירצן. בערג מיט גרינסן, ציכטיגע טישן איבערגעלאָדן מיט פליישן. אויף בעטן פון אייז ליגן די פרישע פיש פונעם ים און פון די טייכן. אין די שוי־פענצטער בעטן זיך זעק מיט צוקער, פושקעס קאַווע, מחיה׳דיגע בייגל: קום, נעם, דערקוויק זיך! אָבער מרס. ראָזעלאַ דאַלמאַן האָט אפילו ניט געקענט וואַרטן ביז דער גוטער פרייטאָג וועט קומען. פרייטאָג, האָט מען איר געזאָגט, וועט שוין איר פאַמיליע קריגן רעליף פון דער שטאָט שעיען (וואַיאָמינג). ביז פרייטאָג האָט מען אָבער געמוזט הונגערן. האָבן די דריי עלטערע קינדער פאַרשטאַנען, אַז מ׳האָט ניט קיין ברירה. ניט אַזוי די אינגערע, די אַכט־יאָריגע לענאָנאַ. זי האָט געמאָנט עסן. זי האָט אויך געפאָדערט אַ קריסטמעס־מתנה. זי מוז עפּעס געפינען אין זאַק, האָט זי

גע׳טענה׳ט. האָט די מוטער ניט אויסגעהאַלטן און דינסטאָג האָט זי זיך אויפגעהאַנגען אויפן בוידעם פון איר אָרעמער וואוינונג.

„פרידן אויף דער ערד, וואוילגעפיל צווישן מענטשן". מען וועט גיין גוט־יום־טוב ביטן איינער צום צווייטן. מ׳וועט זיך ווינטשן אַל־דאָס גוטס. מ׳וועט זיך געבן מתנות. מען וועט דערפרייען דאָס האַרץ מיטן גוטן פייערדיגן טראַפּן. מען וועט זינגען סיי יעזוס־הימנען, סיי גלאַט פריילעכע לידער. אידן, וואָס קערן זיך ווייניג אָן מיטן געבווירענעם גאָט׳ס זון, וועלן אויך מאַכן יום־טוב. ווארים אַז מען האָט ניט קיין אייגענע ימים־טובים, איז קריסטמעס אויך אַ געלעגנהייט צו פאַרברענגען. אָבער אין אָט־דער אַלגעמיינער יום־טוב׳דיגקייט בלאָזט אריין אַ קאַלטער טויטלעכער אָטעם; אין דער פריילעכקייט באַוויזט זיך אַ ביינערדיגע האַנט, וואָס צייכנט אויף אַ שוואַרצן טאָוול: „ארבעטלאָזיגקייט — הונגער — טויט".

עפּעס צופיל אומגליקן האָבן אָנגעהויבן ארויסשפּרינגען אויף די שורות פון דער טאָג־כראָניק. דאָרט האָט אַ דרייצן־יאָריג אינגל זיך אויפגעהאַנגען, ווייל ער האָט ניט געקענט איבערטראָגן די ליידן פון דער פאַמיליע, וואָס האָט געקראָגן זיבן דאָלאַר אַ וואָך רעליף (די פאַמיליע טרעלער, גרינפּאָינט, ניו יאָרק). אַ פאָטער פון זעקס קינדער, וואָס האָט אָנגעוואָרן זיין רעליף־ארבעט צוליב קראַנקהייט, הענגט זיך אויף אין פאַרצווייפלונג, ווייל די רעליף־נדבה איז נאָר ווי אַ חוזק איבער דער נויט פון די זיבן פאַרשוינען (די פאַמיליע קאָהען, ברוקלין). דזשעימס קאַטאַלאַנאָ, וואָס האָט העכער צוויי חדשים געוואַרט אויף האָום־רעליף, פאַלט אַ טויטער אין דעם רעליף־אָפיס פּונקט דעמאָלט, ווען מען גרייט זיך שוין אים געבן דעם טשעק (ניו יאָרק). אַ יונגע מוטער לאָזט איבער איר פיר־יאָריג מיידעלע אויף גאָט׳ס באַראָט אינעם קאָרידאָר פון אַ קינדער־שפּיטאָל, ווייל זי האָט אויסגעגעבן די לעצטע גראָשנס און האָט ניט מיט וואָס צו דערנערן איר קינד (ניו יאָרק). אַ מוטער און אַ זון באַשליסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד צוזאַמען, ווייל זיי האָבן שוין אויספאַרקויפט דאָס לעצטע שטיקל מעבל און האָבן ניט קיין אויסזיכט אויף הילף (די פאַמיליע דאָולינג, ניו יאָרק). עס מערן זיך פאַרצווייפלונגס־אַקטן צווישן די פאַמיליעס, וואָס קריגן שוין יאָ דאָס ביסל רעליף. זעקס, זיבן, אַכט דאָלאַר אַ וואָך פאַר אַ פאַמיליע פון פיר, פינף אָדער אַפילו אַכט און מער פּערזאָן איז ביים איצטיגן יקרות אַזאַ נעבעכדיגע נדבה, אַז עס באַשיצט ניט פון הונגער. אודאי קען דאָס ניט באַזאָרגן מיט אַ קלייד אויפן לייב. און נאָך ווייניגער קען עס באַוואָרענען געגן קראַנקהייט.

עס ליגט אַ קללה אויף דעם אומגליקלעכן רעליף. צוריק מיט עטלעכע

וואָכן האָט דער וועלפעיר־קאָמישאָנער פון ניו אירק וויליאַם האָדסאָן גע־מעלדעט, אַז גאַנצע 57 פּראָצענט פון די, וואָס באַקומען רעליף, זיינען שוין ניט פעיאיג צו קריגן באַשעפטיגונג אין פּריוואַטע אינדוסטריען. די מעלדונג האָט אַרויסגערופן אַ סך אויפמערקזאַמקייט אין געזעלשאַפטלעכע קרייזן. מ'האָט אָנגעוויזן, אַז פּערזאָנען עלטער פון 50 יאָר ווערן ניט אַריינגענומען אין אַ סך פאַבריקן, אַז די אינדוסטריען היינט־צו־טאָג האָבן צוגעפּאַסט זייערע מאַשינען צו אינגערע הענט און אַז צווישן די רעליפניקעס זיינען דאָ אַ סך יונגע קינדער, וואָס קענען בכלל ניט אַרבעטן. ס'האָבן זיך אָבער אויך געפונען אַזוינע, וואָס האָבן אָנגעוויזן, אַז ווער עס לעבט אַ לענגערע צייט אויף רעליף, ווערט אַזוי אָפּגעשוואַכט פון שלעכטן עסן, שלעכטער וואוינונג און ניט־דערעסן, אַז ער טויג שוין ניט פאַר פּראָדוקטיווער אַרבעט. מיט אַנדערע ווערטער: דער האָום־רעליף פאַרקריפּלט די מענטשן.

און וויפיל איז דאָ הונדערטער טויזנטער, וואָס קריגן בכלל ניט קיין רעליף? און וויפיל דאַרף זיך אַ פאַמיליע אָנמוטשען, ביז זי קריגט שוין די מיזעראַבלע נדבה?

דער אומגליק איז, וואָס דאָס איז אַ נדבה, ניט קיין לוין, וואָס די פעדעראַלע און לאָקאַלע רעגירונג זאָלן מוזן צאָלן. דער אומגליק איז, וואָס די מלוכה איז נאָך אַלץ פריי פון יעדער פאַרפליכטונג פאַרן אַרבעטלאָזן. די אַרבעטלאָזיגקייט ווערט באַטראַכט ווי אַ פּריוואַטע זאַך, אַ שטייגער ווי פאַרלירן געלט פון דער קעשענע אָדער מאַכן שלעכטע געשעפטן. די אַרבעט־לאָזיגקייט ווערט ניט פאַררעכנט פאַר אַ רעזולטאַט פון געזעלשאַפטלעכע סיבות, וואָס דאַרף אַרויפלייגן אויף דער געזעלשאַפט געזעצלעך־באַשטימטע פליכטן.

„דאָס איינגעבוירענע רעכט אויף אַרבעט איז איינע פון די עלעמענטאַרע פּריווילעגיעס פון אַ פרייעם פאָלק", האָט רוזוועלט געזאָגט אין זיין ראַדיאָ־רעדע דעם 16טן יאַנואַר. „לאַנג־דויערנדיגע אוממעגלעכקייט צו פאַרזיכערן אָט־דאָס רעכט און אָט־די פּריווילעגיע פאַר יעדן איינעם, וואָס וויל אַרבעטן און נויטיגט זיך אין אַרבעט, איז אַן אַרויסרוף אונזער ציוויליזאַציע און אונזער זיכערקייט."

גוט געזאָגט. דאָס רעכט אויף אַרבעט דאַרף זיין גאַראַנטירט פאַר יעדן איינוואוינער פונעם לאַנד. דאָס רעכט אויף אַרבעט דאַרף זיין די פּריווילעגיע פון יעדן פרייעם פאָלק, דער עיקר נאָך אין אַזאַ לאַנד, ווי די פאַראייניגטע שטאַטן. האָבן מיר דען ניט אַ וואונדערבאַר לאַנד, מיט קאָלאָסאַלע נאַטיר־לעכע אוצרות, מיט די בעסטע אינזשענערן און טעכניקער, מיט אַ הויך־

אַנטוויקלטער אינדוסטריע און אַגריקולטור, מיט אַן אַרבעטער־באַפעלקערונג, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכן אין דער וועלט? פאַרוואָס זאָל אָט־די באַפעלקערונג ניט האָבן קיין מעגלעכקייט צו אַרבעטן, כדי צו פאַרדינען זיך אויפן לעבן?

„פרידן אויף דער ערד" — דאַרפן מיר האָבן, אָבער נאָר אין אונזערע אייגענע רייען: פרידן, אייניקייט, פאַרשטענדעניש צווישן די האָרעפּאַשניקעס, כדי מען זאָל קענען מיט ריזיגע קרעפטן אָנפירן דעם קאַמף קעגן די פיינט פונעם פאָלק — די עקספּלואַטאַטאָרס און זייערע געזעצגעבנדיקע פאַרטרעטער.

אונזער יום־טוב וועט קומען, ווען מיר וועלן זיך האָבן גאַראַנטירט דאָס רעכט צו לעבן.

דעצעמבער, 1937 (פראַגמענט).

אַ גרוס דעם נייעם יאָר

דאָס נייע יאָר קומט־אָן אויף די פליגל פון באָמבע־וואַרפער, איבערן פייער־וועג פון גראַנאַטן, מיט דעם אַנגסט־געשריי פון מענטשן־בלוט, וואָס גיסט זיך איבער פרישע חורבות. דאָס נייע יאָר נידערט אַראָפּ אין אַ וואָלקן פון גאַזן, פון הינטער וועלכע דאָס מאָנסטער־פּנים פונעם שד פון צעשטערונג לאַכט זיין וואַנזיניג־רוויטן געלעכטער. טאָלעדאָ, בילבאַאָ, מאַדריד... שאַנכאַי, פּעיפּינג, נאַנקין, צינגטאַאָ...

דאָס נייע יאָר לאָזט הערן זיין קול אינעם קנאַל פון בייטשן, וואָס כוואַשטשען איבער דער לענג און ברייט פון אַמאָל גרויסע בליענדיגע לענדער מיט מיליאָנען פּייאיגע, פאַרנינפּטיגע, ערלעכע מענטשן. דאָס נייע יאָר איז פּאַרטאַיעט אינעם האַרץ־קלאַפּ פון אומציייליגע האָרעפּאַשנע ברידער, וועמעס הענט זוכן פּראָדוקטיווע אַרבעט און געפינען פאַרהאַקטע טויערן און שטעכיגע צאַמען און אין וועמעס אינגעווײדן עס נאָגט און ברענט און סמ'ט דער הונגער.

מלחמה—פאַשיזם—הונגער—פאַרצווייפלונג — די פיר שוואַרצע פאָנען באַווייען דעם שוועל פונעם ניי־געבוירענעם יאָר; די פיר ווילסטע אונטער־פירער באַגלייטן־אַריין דעם פריש־צאַפּלדיגן גאַסט אין דעם תהו ובהו פון אונזער לעבן.

דער סימבאָלישער קינסטלער, וואָס וואָלט געוואָלט נוצן אַן אַלט אָבער ניט־פאַרעלטערט בילד, וואָלט געדאַרפט מאָלן אַ יונג אומשולדיג באַשעפעניש, מיט ברייט־געעפנטע אויגן און מיט אַ צער־גרימאַסע אויף די חנ'עוודיגע ליפּן. עס שטייט, אָט־דאָס ווייס־געקליידטע ריינע וועזן, אינמיטן אַ לאַנד־שאַפט, וואו אַן ערד־ציטערניש האָט אָקאָרשט געפּראַוועט איר גלזנ'ישן יום־טוב, און עס פרעגט מיט אַ זיסן קול: וואוהין האָט איר מיך געבראַכט? וואָס וועל איך דאָ טאָן?

און ווען מיר וואָלטן געוואָלט פאַרזעצן דאָס בילד פונעם קינסטלער, וואָלטן מיר אוועקגעשטעלט אַנטקעגן דעם יונגן גאַסט אַ קרעפטיגן באַ־יאָרנטן מענטשן, מיט קאַרבן פון ערנסטן דענקען אויפן שטערן און מיט קנייטשן פון פעסטן ווילן אַרום די ליפּן, און דער מענטש וואָלט געענטפערט

מיט א טיפן זיכערן קול: האָב ניט מורא, קינד! עס וועלן באַלד אַנטשווינגן ווערן די וואולקאַנען; די זון וועט ווידער אַרויס אויפן הימל; נייע שפּראָצונגען וועלן באַלעבן די ערד. די צייט איז אויף אונזער זייט — אויף דער זייט פון לעבן. די צייט איז אונזער שותּף. זיי געגריסט, ניי־יאָר!

יאָ, די צייט איז אונזער שותּף — וואָרים מיר האָבן זיך פאַראייניגט מיט די קרעפטן פון לעבן. די צייט איז געגן אונזערע שונאים, ווייל זיי האָבן זיך געשטעלט אינעם דינסט פונעם טויט.

עס איז דער פּסק־דין פון דער געשיכטע, אַז דאָס לעבן זאָל זיגן, אַז די טרעגער פון טויט זאָלן אָפּגעווישט ווערן פונעם פּנים פון דער ערד. עס איז אַ געזעץ פון דעם געזעלשאַפטלעכן אויפשוואונג, אַז ד ימחנות קאָרע־פּאַשנע מענטשן, וואָס רייסן זיך צו אַ ליכטיגן ברייט־אָטעמדיגן מאָרגן, זאָלן אומוואַרפן, צעזייען, פאַרטרייבן, פאַרווישן די טונקעלע מחנות, וואָס ווילן זיי פאַרצאַמען דעם וועג. אונזערע טעג זיינען די תּקופה פון שאַפן צוזאַמענ־שטויס; אונזער לעבן גייט דורך אין דעם ריזן־גרויסן פאַרמעסט פון באַלעבאָס און אַרבעטער, רויבער און באַרויבטן, הערשער און באַהערשטן, דינער פון אונטערדריקונג און טרעגער פון באַפרייאונג. שווער איז די מלחמה. געדיכט פאַלן די פּיילן. הייס איז דאָס בלוט, וואָס טריפט פון אונזערע וואונדן. אָבער פון דעם בלוט וועט אויפשטיין די פרייהייט.

אונזערער איז דער מאָרגן. מיט אונז איז די צייט. מיר באַגעגענען דעריבער דאָס נייע יאָר מיט אַ האָפּערדיג געמיט. זיי געגריסט, ניי־יאָר! דו וועסט אונז ברענגען פרייד.

יאַנואַר, 1938 (פראַגמענט).

אין ליכט פון נייעם טאָג

קאַרטשעט זיך אַ וועלט אין פּיין. שטעכן זיך נאָדלען פון הונגער און מענטשלעכע לייבער, און דער טויט גייט אַרום און שאַרט מיט אַ גרויסער לאָפּעטע אומגעציילטע פּאַרוויסטע יאָרן.

קינדער קרענקען אין דער זוניגער קאַליפאָרניע. פּעלאַגראַ פרעסט קער־פּערס אין די בערג און טאָלן פון דער סאַוט. מענטשן וואַרפן זיך פון די בריקן צווישן מאַנהעטן און ברוקלין. צווישן קופּעס אייזן און גריבער ליים אויף די פראַכט־הויפן פון די באַנען טוליען זיך די אַמעריקאַנישע „בעז־פּריזאָרני״. אין די חנ׳עוודיגע פּאַרמס מיט די האַרבסט־באַגילטע סעדלעך קלאַפּט אין פענצטער דער הונגער מיט אַ ביינערדיגער האַנט.

אַזוי פיל מענטשן! אַזוינע נויטיגע מענטשן! אָט־יענער־אַ האָט צוואַנציג יאָר געגראָבן קוילן. אָט־דער איז אַ ספּעציאַליסט — אַ באַן־מאַשיניסט. יענער האָט געבויט די שטאָלצע הייזער־טורעמס פון אונזער גרויסער שטאָט. אָט־די פרוי מיט די בלאָע פלעקן אונטער די אויגן איז אונזער גרויסע וועבערין: זי האָט אין איר לעבן אָנגעוועבט אַזוי פיל זייד, אַז מען וואָלט דערמיט, ווי מיט אַ גאַרטל, גענקענט אַרומנעמען די וועלט. אָט יענער „באָם״ האָט אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פאַרן נייעם סאָבווע', און יענער מיט די פיס־פינגער, וואָס קריכן פון די צעריסענע שיך, האָט פאַר־בעסערט די מאַשינען אויפן עלעקטראָטעכנישן זאַוואָד.

אַזוי פיל מענטשן! אַזוינע קונציגע מענטשן! פּלאַנצערס! גראָבערס! בויערס! באַלייכטערס! באַקליידערס! לערער, שרייבער, דערפינדער! ביי אַלע בעטן זיך די הענט נאָך אַרבעט. ביי אַלע בענקט דער מח נאָך טעטיגקייט, נאָך אָנשטרענגונג, נאָך שאַפן.

וואַרפט זיך אין פּיין אַ וועלט. שרייען פעלדער: פּלאַנצט אונז! רופן מאַשינען: גיט אונז אַרבעט! בענקען פאַבריק־קוימענס נאָך פייער און רויך. שטייען פאַרגליווערטע לאָקאָמאָטיוון, טרוימען פון אַ מעכטיגן יאָג איבער פּרעיריס און דורך באַרג־טונעלן. הוידען זיך שיפן אויפן וואַסער: גיט אונז פּאַרע. הילכט אַ קלאַנג אין ליידיגע הייזער: קומט, וואוינט, לעבט!

זאָגט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי צו אָט־די אַלע הונגעריגע, אויסגע־

מאטערטע, נאָך־ארבעט־דאַרשטיגע מענטשן; ס'איז אייערס; ס'איז די פּרוכט פון אייערע הענט. איר וואָלט געקענט א גאַס טאָן אייער ארבעטס־קראַפט אין אָט־די אַלע פאַבריקן, וואָלטן זיי אָנגעהויבן הודזשען. איר וואָלט געקענט א וועק טאָן די ערד, וואָלט זי געגעבן אייזן, קוילן, קופּער, זילבער, גאָלד, אויל. איר וואָלט געקענט א גלעט טאָן די פעלדער פון אונזער לאַנד, וואָלט געוועזן א בארג מיט ברויט. איר וואָלט געקענט ארויסצויבערן פּאַלאַצן פון דער ערד — פאַר דער באַקוועמלעכקייט און פרייד פונעם פאָלק. איר זייט דאָך שטאַרק. איר ווייסט דאָך ווי מען שאַפט. איר ווייסט דאָך ווי מען אָרגאַניזירט. איר זייט דאָך די בעסטע ארבעטער און די בעסטע פאַרוואַלטער אין דער וועלט.

זאָגט די קאָמוניסטישע פּארטיי צו די אַלע שאַפער: צווישן אייך און די פּראָדוקציע־מיטלען, צווישן אייך און דעם שאַפונגס־פּראָצעס, וואָס קען פאַרזיכערן אַלעמען א זוניג מענטשלעך לעבן, שטייט דאָס הייפל רויבער מיט זיינע שלעגער און שרייער. צווישן אונזער שטעכיגער פּיין פון היינט און אונזער לויטערער פרייד פון מאָרגן איז אָנגעוואַקסן אָט־דאָס ווילד־פלייש, וואָס האָט א געזעצלעכע פּרעטענזיע אויף אונזערע לעבנס און א געזעצלעכן אויסרייד פאַר אונזער טויט.

זאָגט די קאָמוניסטישע פּארטיי: מען דאַרף פאַרטרייבן די רויבער. מען דאַרף אויסשניידן דאָס ווילד־פלייש. מען דאַרף אומקערן די פּראָדוקציע־מיטלען צו די פּראָדוצירער. מען דאַרף צוריק אַוועקשטעלן די וועלט אויף די פיס. דו קענסט דאָס טאָן, דו ארבעטס־מאַן, ווען דיין שטאַרקער אָרעם וויל. דו דאַרפסט נאָר פאַרפעסטיגן דיין כח. דו דאַרפסט צונויפפּרעסן אַלע דיינע פויסטן אין איין גרויסער שטאָלענער פויסט. צעברעכן דאַרף מען די הערש־מאַשין פון די פאַרכאַפּער. הערשן זאָל דער מענטש פון ארבעט!

זאָגט די קאָמוניסטישע פּארטיי: שטיי ניט מיט אַראָפּגעלאָזטע אָרעמס. בעט ניט; פאָדער! רייס ארויס היינט כאָטש א הויפן, וועסטו מאָרגן ארויס־רייסן א פולע האַנט. וואַקס! גלייך אויס דיין רוקן. ביסט א ריז. דערקען דיין כח.

קאָרטשעט זיך א וועלט אין פּיין. שטעכט דער הונגער אריין דעם שטורעם־געדאַנק אין בלוט פון באַרויבטע; זינגט דער רעוואָלט־רוף ארויס פון די פאַר'יתומ'טע פאַבריקן; שפּאַנט דער נייער אומרו איבער די אויס־געליידיגטע פעלדער! גייט א כוואַליע פייער פון די צעמאַטערטע הערצער, שפּרייט זיך מיט ראַדיאָ־שנעלקייט פון האַרץ צו האַרץ, פון קאָפּ צו פויסט. ביילן זיך פויסטן. פאָרמירן זיך באַטאַליאָנען, שוואַרץ און ווייס, אַלט און

יונג. הויבט זיך אויף אין רויטן ליכט די פאַן. פון אַן אַנדער זייט וועלט, איבער קאָנטינענטן און אָקעאַנען, קומט אַ גרוס, אַ פריידיגער, מונטערער גרוס.

:: :: ::

ווען דיין שטאַרקער אָרעם וויל... מיר — די מיליאָנען; זיי — דאָס ביסל. מיר — די גאַנצע מאַכט; זיי — די גאַנצע רויב. מיר — די שאַפער; זיי — די צעשטערער. מיר — די בויער פון לעבן; זיי — די ברענגער פון טויט. מיר — דער טאָג, וואָס גייט אויף; זיי — די פינצטערע נאַכט, וואָס מען דאַרף אָפּווישן פונעם פּנים פון דער ערד.

איר קענט אָפּווישן אָט־די פּלאָג. איר קענט אָפּרייניקן אונזער ערד. שימל קען ניט בייַשטיין געגן פייער. באַצילן ווערן צעשטערט אין ליכט פון דער זון. וואָס מען קען ניט אויסהיילן מיט רפואות, דאַרף מען אָפּשניידן.

ריין זאָל ווערן די ערד — פריי פאַר נייער אַרבעט, ברייט פאַר נייעם בויען. העל — פאַר אַ מענטשלעך לעבן.

נאָוועמבער, 1932.

מיר, אַמעריקאַנער

איך האָב ליב אַמעריקע

מיר איז ליב די אַמעריקאַנישע רחבות. פאָרסט און פאָרסט — אין אויטאָמאָביל, אין שנעל־צוג, אין „באָס", און ווידער אין אויטאָמאָביל, און ווידער אין באַן; פאָרסט אַ טאָג און צוויי און דריי און פיר אין איין און דערזעלביגער ריכטונג — און ס'איז אַלץ נאָך אַמעריקע, און ביסט נאָך אַלץ ניט דערפאָרן. די רחבות צעלייגט זיך אַרום דיר אין גראַנדיעזע פּאַנאָראַמעס. די רחבות רופט, מאַניעט, לאָקט. ווייטקייטן נעמען דיך אַרום, וויקלען זיך איינע אין איינער, שטרעקן אויס האָריזאָנטן אין דער גרויסער וועלט אַריין, גיבן דיר דאָס וועלט־געפיל, דאָס וועלט־באַוואוסטזיין. ס'דאַכט זיך: ביסט אויסגעוואַקסן גיגאַנטיש, קאָנסט זען אויף אומגעציילטע מיילן, קאָנסט דערלאַנגען מיט איין האַנט צום בלאָען אַטלאַנטיק, מיט דער אַנדערער צום פערלדיגן פּאַסיפיק. אַ לאַנד אַזאַ גרויס, אַ לאַנד אַזאַ גבורה'דיגס איז באַשטימט צו טאָן אויף דער וועלט גרויס־געשיכטלעכע זאַכן. אַמעריקע דאַרף דאָך ערשט אָנהויבן לעבן, ווי עס פּאַסט איר.

איך האָב ליב אַמעריקע פאַר דער אַמעריקאַנישער שפע. וואָס באַגעגנט איר דען ניט, ווען איר טוט אַ פאָר איבער די טראַקטן און ביי־וועגן פון אונזער צעשפּרייטן קאָנטינענט. וואָסערע רייכקייטן, וואָסערע שאַפונגען, וואָסערע אוצרות!

מיר — אונזער קלאַס — האָבן דאָס דאָך אַלץ אַרויסגעאַרבעט פון די שטאָפן פון אַ געבענטשטער נאַטור! מיר האָבן אַרויסגעהאָרעוועט קוילן אַרום פּיטסבורג; מיר האָבן אויסגעשמאָלצן בערג מיט אייזן און שטאָל אין די שטעט און שטעטלעך פון פּענסילוועניע, אָהאַיאָ, אילינאָי; מיר שיפן געהילץ פון מישיגען איבער שטורעמדיגע וואַסער־וואַליגע טייכן אַרונטער־צו, קיין דרום; מיר האָבן צוגעדעקט קענזעס און מינעסאָטאַ און די דאַקאָטאַס מיט דעם גאָלדענעם קרויז־מאַנטל פון ווייץ; מיר האָבן אויסגעהעפט אויף אַלאַבאַמאַ, מיסיסיפּי, די קאַראָלאַינעס און ווייטער די קונציגע טעפּיכער פון קאַטן; מיר גראָבן קופּער פון די מאָנטאַנאַ־סקאַלעס, וואָס שפּאַרן־אונטער דעם הימל; מיר פּאָמפּען אויל אין אָקלאַהאָמאַ; מיר האָבן אַרומגעגאַרטלט אונזער ערד־טייל מיט אַ געדיכטער נעץ פון גלאַטע סאַמעטענע

באַן און אויטאָ־וועגן; מיר האָבן אַרומגעגאַרטלט אונזער ערד־טייל מיט ליכטיגע און לופטיגע שטעט אפילו דאָרט, וואו ס'איז נעכטן געווען אַ מדבר; מיר האָבן אָנגעצונדן דעם רויטן גלי פון צייטיגע אָראַנזשן אין די גרינע בוימלעך פון קאַליפאָרניע; מיר האָבן אַרויפגעשאָסן צו די וואָלקנס הימל־קראַצערס — וואונדער פון אַרכיטעקטור־קונסט; מיר האָבן אַרויסגעלאָזט ווי פון אַ צויבער־שאַץ־קאַמער אַ מחנה פויגלען — פּילאָטן איבער די רוימען פון אונזערע לופט־אָקעאַנען. און דאָס איז אַלץ דאָך נאָר אַן אָנהויב, נאָר אַ פּראָבע. זאָל מען אונז לאָזן, וועלן מיר ערשט ווייזן, וואָס מיר קענען אַרויסטאַלאַנטעווען פון אונזער וואונדער־רייכער ערד.

מיר איז ליב אַמעריקע פאַר אירע מענטשן. פּייאָנירע, טאַלאַנטפולע, געאיבטע, זיכערע מענטשן מיט גאָלדענע הענט און אַן אַכטונג פאַר אַרבעט און פאַר זיך ווי טרעגער פון אַרבעט. אונזער אַמעריקאַנישן מענטשן — יענקי, וועסטערנער, איד, איטאַליענער, שוועד, נעגער, פּויל, מעקסיקאַנער, מאַשין־מאַכער, קראַן־שיבער, טראַקטאָר־פירער, קאָרן־מאָלער, קאָטן־וועבער, ראַדיאָ־סיגנאַליזירער, לופט־באַצווינגער — דאַרף מען דאָך ניט אָנהויבן ערשט לערנען, אַז אַרבעט איז ערע, אַרבעט איז שאַפונג, אַרבעט איז מענטש־לעבער שטאָלץ. ביי אונז איז דאָס איינגעזאַפּט מיט דער מאַמעס מילך, אַריינגעלערנט מיטן לערבוך אין שול, איינגעאָטעמט מיטן רויך פון אויטאָ־מאָביל, מיטן פייף פון פאַבריק־סיגנאַלן, מיטן וויבריר פון אונזערע הערצער און גערוכטן שטאָטישן פּאַרקער, מיטן ווינט־געזאַנג און די שטאָלענע קעיבלס פון שלאַנקע בריקן, וואָס האָבן זיך גראַציעז און יוגנטלעך־מוטיג אַריבער־געוואָרפן איבער טייכן און וואַסערפאַלן און ים־אויסגוסן און ווילד־צעקאַרבטע ערד־וואונדן — קעניאָנס. אונזער אַמעריקאַנער איז אַ מענטש פון אַרבעט, אַ מענטש פון איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט. טוט אַ קוק, ווי פּינקטלעך צו דער סעקונדע ער קומט אָן אויף דער סטאַנציע מיט זיין „שטראָם־ליניעגן" לאָקאָמאָטיוו, ווי קונציג ער פירט זיין אויטאָמאָביל, פּילנ־דיג ווי אַ האַרץ־קלאַפּ די אַרבעט פונעם מאָטאָר, מיט וואָס פאַר אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט ער באַלאַנסירט אויף דעם שטאָל־באַלקן אויפן צוואָנציגסטן שטאָק, כאַפּנדיג די רויט־גליענדיגע ניטן און אַריינזאָגנדיג זיי מיטן עלעקטרישן שווייסער — פאַר אַן אייביג געוועד. ניט געאיילט, ניט גליאַרעמט, ניט פאַרפלאָנטערט זיך, פונקציאָנירט אונזער אַמעריקאַנער אין דער גרויסער אַרבעט־געמיינשאַפט, וואָס הייסט די פאַראייניגטע שטאַטן. מען זאָל אים נאָר לאָזן אַרבעטן, מען זאָל נאָר ניט פאַרשפּאַרן פאַר אים די געצייגן און די מאַטעריאַלן פאַר דער אַרבעט!

מיר איז ליב אַמעריקע פֿאַר דעם בעסערן, וואָס זי האָט אויסגעאַרבעט אין אירע מענטשן, הי־געבוירענע ווי אָנגעקומענע און אַריינגעזאַפּטע אינעם גרויסן אַמעריקאַנער פֿאָלק. מיר איז ליב די פֿריי־געביגקייט פֿונעם אַמעריקאַנער, זיין גרויס־וועלטיגקייט, זיין פֿונדאַמענטאַלע פֿריינטלעכקייט צום מענטשן. ווילסטו אַ שוועבעלע — נאַ דיר דאָס גאַנצע ביכעלע אומזיסט. גייסט צו־פֿוס און זעסט אויס אַ ליטווישער בחור — קום, איך וועל דיר געבן אַ „ליפט". דאַרפֿסט זיך זען מיט מענטשן — אָט שטייען די געמיינשאַפֿטלעכע האָטעל־זאַלן („לאַבי") פֿאַר יעדן איינעם; קום, זיץ, שמועס, קיינער וועט דיך ניט טשעפּען. דאַרפֿסט אינפֿאָרמאַציע — פֿרעג, שרייב, קלינג, דריי אַ מח, מען וועט דיר ענטפֿערן געדולדיג, פּינקטלעך, זאַכלעך, מען וועט ניט ווערן מיד, מען וועט דיר געבן געדרוקטן מאַטעריאַל אומזיסט. ווילסטו — גיי אַריין אין אַ ביבליאָטעק, וועסטו געפֿינען אַ מוסטערהאַפֿטע אָרדענונג, אַ זאַך־קענטעניש, אַ פֿלינקייט פֿון באַדינונג, וואָס וועט דיר לייכט מאַכן דיין אַרבעט און דיך לאָזן פֿילן, אַז דו ביסט אַן אָנגעלייגטער גאַסט, אַז דו ביסט ווי ביי זיך אין דער היים.

מיר געפֿעלט אין אַמעריקאַנער זיין גרייטקייט צו קאָאָפּערירן מיט אַנדערע, זיין געפֿיל פֿון „לעבן און לאָזן לעבן", זיין פּערזענלעכע ווערדע, זיין אָפּטימיזם, זיין גלויבן אין פּראָגרעס, זיין יושר־געפֿיל, זיין גראַדער פֿאַרשטאַנד. אודאי ווייס איך, אַז די אַלע גוטע אייגנשאַפֿטן ווערן אָפֿט פֿאַרטושט און אָפּגעטעמפּט דורך שלעכטער פּראָפּאַגאַנדע און בייזוויליגער אָדער קורצזיכטיגער פֿירערשאַפֿט. אָבער טאַקע ווייל אינעם גרויסן אַמעריקאַנישן פֿאָלק מיט אַלע זיינע נאַציאָנאַלע גרופּן זיינען דאָ אַזוינע גוטע פֿונדאַמענטאַלע מידות, און ווייל דאָס גרויסע אַמעריקאַנישע פֿאָלק איז אַ קולטור־פֿאָלק, אַ געבילדעטס, אַ פֿייאיגס, אַ פֿאָרגעשריטנס, מיט אַ הויך־אַנטוויקלטן גערעכטיגקייט־געפֿיל, איז לייכטער אַרונטערצורייסן די צבועקן־מאַסקע דאָרט וואו זי ווערט אָנגעטאָן, איז לייכטער צו באַזייטיגן דעם ליגן־שלייער דאָרט וואו ער ווערט געוועבט, איז לייכטער צו פֿאַנאַנדערבלאָזן דעם פֿאָראורטייל־טומאַן דאָרט וואו ער ווערט געשפּרייט — און טאַקע דערפֿאַר איז מיר ליב און טייער אונזער גרויס אַמעריקאַניש פֿאָלק.

מיר איז ליב אַמעריקע פֿאַר איר טעמפּאָ. אַמעריקע פֿאַרשעמט די פּעסימיסטן. אַמעריקע מאַכט איבעראַשונגען, וואָס פֿאַרגאַפֿן די וועלט. אַמעריקע בלייבט — און וועט זיין אויף לאַנגע יאָרן — דאָס לאַנד פֿון אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן. געדענקט איר, ווי אַזוי ערשט ניט לאַנג האָט מען געפֿרעגט קשיות: פֿאַרוואָס איז ניטאָ אין אַמעריקע קיין מעכטיגע יוניאָן־

באוועגונג? צוריק מיט פערטהאלבן יאָר האָט דער אַלטער פּרעזידענט פון דער שטאָל־ארבעטער יוניאָן אין פּיטסבורג מיך פאַרזיכערט, אַז ס'איז „ניט מעגלעך" צו יוניאָניזירן די שטאָל־פּאַבריקן אַ דאַנק דער מאַכט פון די שטאָל־טראַסטס. איז געקומען די „סי־אַי־אָ" און האָט זיך אויסגעלאַכט פון די קלוגע נביאות. צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָבן אַפילו ראַדיקאַלן באַהויפּטעט, אַז קאָמוניזם איז מערסטנס „אַן אייראָפּייאישער פּראָדוקט" און אַז אין אַמעריקע איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ קאָמוניסטישער מאַסן־פּאַרטיי. אַ סימן — די קאָמפּאַרטיי פון די פאַראייניגטע שטאַטן איז קליין און אָרעם אין איינפלוס. איז געקומען די פּראַקטיק — און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז קאָמוניזם איז דוקא יאָ אַן אַמעריקאַנישע זאַך. מיר האָבן שוין אַ הונדערט טויזנט אָרגאַניזירטע פּאַרטיי־קאָמוניסטן און עטלעכע הונדערט טויזנט סימפּאַטיזירער. דער איינפלוס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז נאָך גרעסער איידער איר נומערישער כח. דער אַמעריקאַנישער קאָמוניזם איז אַ מאַרקס־ענגעלס־לענין־סטאַלינישער קאָמוניזם, ער איז אָבער אויך אַן אַמעריקאַנישער, אַזוי עכט־אַמעריקאַניש, ווי דזשעפערסאָן, פּעין און לינקאָלן. און אַלעמאָל, ווען איר באַטראַכט, וואָס אַמעריקע האָט אויפגעטאָן אויפן וועג פון פּראָגרעס, מוזט איר זיך זאָגן: — דאָס איז אַלץ נאָר אַן אָנהויב.

אַז מיר אין אַמעריקע וועלן זיך אַ נעם טאָן אָפּווישן רעאַקציע און איינפירן סאָציאַליזם, וועלן מיר ערשט איינשטעלן וועלט־רעקאָרדן, וואָס מ'האָט ביז אַהער ניט געזען.

אַ טייער לאַנד, אַמעריקע. פאַר אונז אידן, ווי פאַר אַלע האָרעפּאַשנע מענטשן. עס איז מיר ליב פאַר דער פרייהייט־שטרעבונג, וואָס לעבט אין באַוואוסטזיין פון מיליאָנען אַמעריקאַנער. עס איז מיר ליב פאַר זיינע גרויסע ביז־אַהער דורכגעלעבטע פרייהייטס־קאַמפן און פאַר זיין נאָך גרעסערער פרייער צוקונפט.

יוני, 1938, אויפן וועג צווישן קענזעס סיטי און לאָס אַנדזשעלעס.

אַמעריקאַנישע פאַנאָראַמע

מען זאָגט אויף אַמעריקע, אַז זי איז אומעטום אַלץ־איינס. סינקלעיר לואיס האָט אַמאָל אָנגעשריבן אַ ראָמאַן „מעין סטריט” און האָט געזאָגט: אָט־דאָס איז אַמעריקע. פאָרן פון שטאָט צו שטאָט, פון איין אָקעאַן צום צווייטן, האָט ער געזאָגט, הייסט אַריבערפאָרן פון איין מעין סטריט אין אַן אַנדערער, וואָס אַלע זיינען זיי גלייך, ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט.

מיר, אַריבערגעקומענע פון אייראָפע, האָבן אַ טבע צו זאָגן, אַז אייראָפע איז פאַרשיידנאַרטיג בשעת אַמעריקע איז מאָנאָטאָן. וואָרים טאַקע באמת: טוט אַ פאָר אויף טויזנט מייל אין אייראָפע, קענט איר זיך אַריבערטראָגן פון ענגלאַנד איבער האָלאַנד און בעלגיע קיין פראַנקרייך און, דאַכט זיך, דערפאָרן קיין שווייצאַריע. האָט איר דאָרט אַ בייט פון לאַנדשאַפטן און זיטן און בוי־סטילן און שפּראַכן — און איר קענט זיך ניט קלאָגן, אַז איין שטעטל איז גלייך צום צווייטן. טוט אָבער אַ פאָר אויף טויזנט מייל איבער אַמעריקע, וועט איר דערפאָרן פון באָסטאָן קיין שיקאַגאָ, און וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, איז דאָ פאַר אַן אונטערשייד, אַ שטייגער, צווישן וואוסטער—מאַסאַ־טשוזעטס, אירי—פענסילווייניע, טאָלידאָ—אָהאַיאָ, און סאַוט בענד—אינדיאַנאַ? די זעלבע מעין סטריט, די זעלבע האָטעלן, די זעלבע גאַזאָלין־סטאַנציעס, די זעלבע קראָמען מיט די זעלביגע סחורות.

אַזוי איז דאָס שוין איינגעוואָרצלט אין אונזער אימיגראַנטישן באַ־וואוסטזיין, אַז אַמעריקע איז מאָנאָטאָן און אַז פון דער מאָנאָטאָנקייט שלאָגט מיט לאַנגוויל. אַזוי זאָגן דאָס מענטשן, וואָס זיינען אָפט גאָרניט געפאָרן ווייטער ווי פון ניו יאָרק אין די קעטסקילס און צוריק — כאָטש אין די קעטסקילס גופא איז דאָ אַ וועלט וואָס צו זען און אַבי מ'אינטערעסירט זיך נאָר, קען מען געפינען אַ סך זאַכן.

נו, בין איך געפאָרן איבער אַמעריקע אַ ביסל פאַוואָליער, ווי אויף די אַמאָליגע לעקציע־טורס מיט זייער גרויסן „האָרי־אָפ”. איך האָב זיך אַ פאָר מאָל אָפגעשטעלט אינמיטן וועג און ניט גראָד דאָרט, וואו די לעקציעס האָבן דאָס געפאָדערט. טייל וועג בין איך געפאָרן אין אויטאָ־

מאביל. דער איינדרוק, וואס האט זיך באקומען, איז אנדערש, ווי אויף פריערדיגע רייזעס.

עס איז דא א סך אלץ־איינקייט אין גאנץ אמעריקע, דאס וועט ניט לייקענען קיינער. די וועגן זיינען אויסגעפלאסטערט לויט דער זעלביגער מעטאדע. די אויטאמאבילן זיינען אומעטום פון די זעלביגע פארבן. די סחורות, וואס די קראמען פארקויפן, זיינען אפט פון די זעלביגע פירמעס: איר האט קאלגעיט'ס זייף און וואטערמאנ'ס טינט און דזשילעט'ס ראזיר־מעסערל און קעמל'ס ציגארעטן און קאקא־קאלא צום טרינקען און ריגלי'ס טשואינג־גאם צום קייען און א טויזנט אנדערע אזוינע זאכן אומעטום, וואו־הין איר זאלט ניט פארן. איר האט דעם זעלביגן „לאנטש־רום" מיט דעם זעלביגן שפייז־צעטל און אויך מערסטנס מיט די זעלביגע מאכלים פון ניו יארק ביז סאן פראנציסקא. די גייסטיגע שפייז איז אויך אלץ־איינס: עס גלאנצן אומעטום די שרייענדיגע פארבן פון די שער־בלעטלעך אויף דער זעלבער „סאטורדעי איווענינג פאסט", „ליבערטי", „לאיף", „טריו סטארי", „דעטעקטיוו סטאריס" און די צענדליגער אנדערע ביליגע זשורנאלן. עס קען זיך דאכטן, אז צייטונגען זיינען ארטיגע: יעדע צייטונג טראגט דעם נאמען פון איר שטאט און שטאט, און ס'איז קוים פאראן א שטעטל פון א צוויי־דריי טויזנט איינוואוינער, וואס זאל ניט האבן קיין אייגן בלאט. אבער אז איר קוקט אריין אינעווייניג, זעט איר, אז גאר ווייניג שפיגלט זיך דא אפ דאס ארטיגע לעבן; ערשטנס, זיינען דאס מערסטנס צייטונגען פון דעם זעלביגן סינדיקאט — „טשעין"־צייטונגען קען מען דאס רופן — ווי, א שטייגער, די סקריפ־האוארד גרופע אדער די הוירסט־גרופע, וואו דער גרעסטער טייל מאטעריאל איז דער זעלביגער, ווי אין די ניו יארקער הויפט־צייטונגען פון די זעלביגע באלעבאטים; צווייטנס, געפינט מען אפילו אין די „אומאפהענגיגע" צייטונגען די טעלעגראמעס פון די זעלביגע נייעס־אגענטורן („אסאשיעיטעד פרעס", „יונאיטעד פרעס" און אנד.) און ארטיקלען פון די זעלביגע „פיטשור"־שרייבערס: דאראטי טאמפסאן, וועסטברוק פעגלער, דזשארדזש סאקאלסקי, וואלטער ליפמאן. די קארי־קאטורן (קארטונס) זיינען אויך אפט געמאכט פון די זעלביגע ניו יארקער קינסטלער. קומט אוים, אז פונקט ווי מ'עסט אין קענזעס סיטי דעם בעיקאן פון די זעלביגע שיקאגער שלאכט־הייזער, ווי מ'עסט אין ניו יארק, אזוי געניסט מען דארט די זעלביגע גייסטיגע שפייז, וועלכע ווערט אונטער־געטראגן דער מאסע אויף די ברעגן פונעם האדסאן. (דער אונטערשייד איז נאר, וואס דער בעיקאן איז געשמאק און פון די צייטונגען שלאגט

חלשות.) אָפּט איז די אָרטיגע צייטונג נאָך אַביסל מער רעאַקציאָנער, ווי איר שוועסטער אין ניו יאָרק.

מסתמא קען עס אַנדערש ניט זיין אין אַ קאַפּיטאַליסטישן לאַנד מיט אַ גרויסער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, מיט גרויסע טראַסטס, וואָס באַ־הערשן דעם מאַרק פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן, און מיט די בעסטע פאַר־קער־מיטלען אין דער וועלט. די באַלעבאַטים פון אונזער לעבן זיינען פאַר־אינטערעסירט, אַז די מאַשין־פּראָדוקציע פון זייערע פאַבריקן זאָל זיך פאַנאַנדערגיין אומעטום — און וואָס מער סטאַנדאַרדיזירט עס איז דער געשמאַק פון די פאַרבראַוכער, אַלץ גרעסער קען זיין די סטאַנדאַרדיזאַציע פון דער אַרבעט און קלענער, בערך, די פּראָדוקציע־קאָסטן. פּונקט אַזוי איז גוט פאַר די באַלעבאַטים ,אַז אומעטום זאָל די באַפעלקערונג אי טראַכטן, אי פילן אַלץ־איינס — לויט דעם ביישפּיל, וואָס ווערט געשאַפן אויפן באַפעל פון וואָל־סטריט. ערשט אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועט ווערן אַ סוף צו דער אַלץ־איינקייט, און אייגנאַרטיגקייט, אָריגינעלקייט, אינדיווי־דועלע דערפינדערישקייט וועלן באַהערשן און באַ׳חנ׳ען סיי דאָס פּלאַנירן פון שטעט, סיי דאָס בויען פון וואוין־הייזער און געזעלשאַפטלעכע בנינים, סיי דאָס אָנטאָן, דאָס אויסזען און די מאַנירן פון די מענטשן. אַפילו אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט (די נידעריגערע שטופע פונעם קאָמוניזם) איז נאָך ניט מעגלעך אָפּצוואַרפן די ירושה פונעם קאַפּיטאַליזם — די סטאַנדאַרדיזאַציע פון געברויך־אַרטיקלען פאַרן טעגלעכן לעבן.

אָבער אַפילו איצט, אַז מען פאָרט איבער אַמעריקע מיט אָפענע אויגן, קאָן מען דערזען אַ סך פאַרשיידנאַרטיגקייט, וואָס איז פאַרשטעלט דורכן אויסנווייניגסטן מאָנאָטאָן. מען קען דערזען אַ סך שיינקייט, וואָס דער שאַבלאָן האָט ניט געקאָנט באַהאַלטן.

אָט איז פּיטסבורג. די געשעפט־גאַסן דאַון־טאַון זיינען שטאַרק ענלעך אויף די געשעפט־גאַסן ערגעץ אין ראַטשעסטער אָדער קליוולאַנד. אָבער אָט גייט איר אַרויס צום טייך מיט די עטלעכע בריקן, איינע ניט ווייט פון דער אַנדערער, און אייך פאַרכאַפּט זייער שיינקייט. שלאַנק און גראַציעז און שטאַרק — אָן אייביג געוועקר — האָבן זיי זיך אַריבערגעוואָרפן איבער די אומרואיגע וואַסערן אונטן, און אַלעם צוזאַמען גיט אַ בילד פון רחבות, אינגאַנצן אומגעריכט אין אַזאַ ענגער שטאָט ווי פּיטסבורג. אין אָוונט גלאַנצן דאָ פאַרשיידנאַרטיגע לאַמטערנס ; פון דער טונקלקייט אויף יענער זייט לייכט אַמאָל אַרויס אַ פייער־זייל — מסתמא פון אַ שמעלץ־אויוון. דער טייך אונטן איז פול מיט סוד, און איינצלנע שטראָמען לייכטן־אויף און ווערן פאַר־

לאָשן און לייכטן ווידער אויף. אינמיטן דערינען דאַכט זיך אייך גאָר, אַז איר זעט ניט אינעם רויכיגן, טשאַדיענדיגן פּיטסבורג, נאָר אויף די פּאַריזער ברעגן פון דער סענע, און אָט וועט באַלד פון ערגעץ אַרויסטרעטן דער מערקווירדיגער פּאַסאַד פונעם נאָטר דאַם, וואָס איז אונז פון די יונגע יאָרן געוואָרן אַזוי נאָענט, אַ דאַנק היוגאָ׳ס ראָמאַן מיטן זעלבינן נאָמען.

אָדער נעמט אַן אַנדער טייל פון דעם זעלבינן פּיטסבורג — דאָרט, וואו דער וועג פירט אייך אויף איין זייט פונעם טאָל, איבער גאַסן און געסלעך אויף איין באַרג־זייט, און זען קענט איר דעם אַנדערן באַרג־זייט מיט די שטאָל־פאַבריקן, קוילן־גרובן, אייזן־גיסערייען און רויטלעכע טייך־וואַסערן אונטן אין טאָל. ניטאָ ,דאַכט זיך, קיין גלייכן צו אָט־דעם בילד אין קיין איינציגער פון די איבעריגע שטעט אינעם לאַנד.

אָט אַזוי קענט איר אויספאָרן פונעם אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק און אומעטום געפינען עפּעס אייגנס, אייגנאַרטיגס, אַזוינס, וואָס פאַרכאַפּט, אַזוינס, וואָס פאַרגאַפט, אַזוינס, וואָס לאָזט־איבער אַ ניט־צו־פאַרגעסנדיגן איינדרוק. ניו יאָרק אַליין איז דאָך אויך פון די שטעט, וואָס האָבן צו זיך ניט קיין גלייכן. באַשר מיר, ניו יאָרקער, האָבן זיך אַזוי צוגעוואוינט, אַז עס מאַכט שוין אויף אונז אַ קנאַפּן רושם. אָבער אָט בין איך אַ פּאָר טויזנט מייל פון ניו יאָרק — און די שטאָט שטייט אויף פאַר מיר, ווי אַ ווייס וואונדער אויפן ברעג פון אַ בלאָען ים.

דעטראָיט — ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטן אויף דעטראָיט ? — האָט איצט אויסגעזען אַ סך גרויסשטאָטישער און שוואונגרייכער, ווי אין די פריערדיגע צייטן. דאָס קאָן דאָך אַנדערש ניט זיין אין אַ שטאָט, וואָס איז אין גאָר אַ קורצער צייט אַרויסגערופן געוואָרן ווי פון דער ערד דורך דעם אויפשטייג פון איין גרויסער אינדוסטריע — די מאָדערנסטע אין דער עפּאָכע פון אינדוסטריאַליזם. אויפן הינטערגרונט פון אָט־דער גרויס־שטאָטישקייט, כמעט איירעפּיאישקייט, אויב איר ווילט—קאָסמאָפּאָליטיש־קייט, האָט די אַרבעטלאָזיגקייט זיך אָנגעזען מיט אַ באַזונדערן ווייטאָג — צוויי דריטל פון דער באַפעלקערונג אַרויסגעשטויסן פון זייערע דזשאָבס און אָפּגעשניטן פון חיונה־קוואַלן ; צוויי דריטל פון דער באַפעלקערונג — שלינג און שלאַנג, און דוקא אַ סך מיט „אייגענע" אויטאָמאָבילן און מיט גאַנצע און צוגעפּוצטע קליידער. אַ קאָשמאַר אַזאַ אינמיטן העלן טאָג, אַן אַמעריקאַנישע פּאַנאָראַמע : הונגער לייטיש צוגעקליבן, נאָר מיט גאַנצע שיך, קצבה (רעליף) מיט אַן אָנגעפּודערטן פּנים און פאַרב אויף די בלאַסע ליפּן...

שיקאַגאָ האָט זיך פאַר דער צייט זינט מיין לעצטן באַזוך שטאַרק אויס־געפּוצט און אויסגעמענטשלט. די נייע בולוואַרן ביי דער מישיגען־אָזערע זיינען אַ צירונג. אַזוינע פאָנטאַנען מיט קאָלירנדיגע ליכט מיט אַ מערק־ווירדיגן פאַרבן־שפּיל האָב איך נאָר געזען אויף דער פּאַריזער אויסשטעלונג פאַראַיאָרן, אי דאָס זיינען זיי דאָרט אויך ניט געווען אַזאַ פּראַכט.

פּאָרט מען אַרויס פון שיקאַגאָ צו מערב־צו מערן זיך די מערקווירדיגע אַמעריקאַנישע זאַכן, וואָס מען ווייסט וועגן זיי ניט ביים אַטלאַנטיק און וואָס בעטן זיך, מען זאָל וועגן זיי דערציילן.

יולי, 1938.

אויפן וועג קיין פיטסבורג

דער וועג שלענגלט זיך לענג־אויס בארג. א טאָל אריין, א טאָל ארויס — און די בערגלעך פון בײדע זייטן פארשטעלן די וועלט.

ס'איז הימל און בארג און רעלסן. אונטן א שמאָלער טייך. די בערג־זייטן באדעקט מיט שיטערן וואלד. צייטנווייז אן אָפּגעשניטענע זייט פון א פעלז. גרינע, גראָע, געלבלעכע שטיין־פּלאַסטן איינגעפּרעסט אונטער א לאַסט פון ערד. ווידער בארג און בערגל און טאָל. ווידער טוט א בלישטש אונטן דער טייך.

אָבער דאָס איז אַלץ ניט דער עיקר. די לאַנדשאַפט איז דאָ ניט געקומען צוציען מיט איר שיינקייט. אַמאָל טוט זיך א וויקל־ארויס דוקא א חנ'עוודיגע פּאַנאָראַמע: פעלדער שוין גרינע, הייזלעך אויסגעפּוצטע, א בוימעלע הויבט אָן צוויטען מיט גאָלד. אָבער די פּיטסבורג־טעריטאָריע איז ניט פאַר לאַנד־שאַפט. בארג און טאָל און טייך און פעלז דינען נאָר ווי א ראַם, אין וועלכער עס זיינען אריינגעשטעלט די מינעס און זאַוואָדן.

די בערג זיינען גאָר ניט הויך; די וועלדלעך זיינען שיטער; די טייכן זיינען פלאַך. די נאַטור איז דאָ, קאָנטיג, אָרעם. זעלטן ווען עס וואַרפט זיך דורך א באַארבעט שטיקל פעלד אָדער א גאָרטן. אָבער אַז עס וויקלט זיך ארויס פון צווישן די וועלדלעך א קוילן־גרוב, איז דאָס א מאַכט. ליגן שיכטן מיט קוילן, שוואַרצע, גלאַנציגע, פעטע. ציען זיך געביידעס — באַלאַגאַנעס, באַראַקן, שטאַלן, טיף־איינגעפונדעוועט אין דער ערד. שטעקט ארויס צום הימל א הויכער קוימען, איז ער ווי א קאָמאַנדיר איבער א גאַנצער געגנט. גייט א רויך פון דער גאַנצער רחבות'דיג־צעלייגטער מינע, ווי א באַלעבאָס א יוסטער, אַן אָנגעפּאַשעטער, וואָלט געזעסן אין זיין ברייטן פאָטער־שטול און זיך ארומגעוויקלט מיטן רויך פון א גרויסן ליולקע־ציבעך:

דער טאָל און דער בארג נעמען ארום די מינע, טוליען זיך צו איר, בויגן זיך פאַר איר גדלות, באַשירעמען זי מיט זייערע מאָגערע אברים. און אָט איז דאָס אַלעס פארשוואונדן. אָט לויפט שוין דער צוג אריין אין א שמאָלן שטיין־קאָרידאָר, וואו עס קלעטערן פון בײדע זייטן פעלזיגע ווענט און ס'איז האַלב־טונקל. ווען מיר פאָרן ווידער ארויס אין דער ליכטיגקייט,

הענגט אַן אייזערנע בריק איבערן קאַפּ, און ביי דער זייט ציט זיך אַ שטאָל־פּאַבריק.

פּעסטע דריי־גאָרנדיגע פיל־פּענצטערדיגע בנינים — יעדער אפשר אַ האַלבע מייל די לענג. צווישן די בנינים — קוימענס, צו עטלעכע צוזאַמען. הינטן — דער שפּוע פון אַ בארג. פאָרנט — וואַגאָנעס אָנגעלאָדענע מיט רערן, שטאַבעס, רעלסן, שטאָלענע קלעצער. דאָ דערביי — אָנגעלייגטע סטאָסעס מיט שטאָלענע רערן. אַ ביסל ווייטער — לאַנגע קופּעס קוילן. ניט ווייט — ברעטער אין הויכע שטאַבעס. ווידער געביידעס, ווידער קוימענס, ווידער פיר־קאַנטיגע פענצטער איינגעפּאַסט אין צעמענט — בייזע, פאַר־שלאָסענע פענצטער. קוילן. שטאָל. קאָנקריט. מאַכט.

צווישן אויסגעקרימטע בערג־זייטן פאַרדרייט זיך דער צוג אויף רעכטס. דער וועג — איינגעשניטן אין פעלז. אראָפּ גייט אַ גלייכע וואַנט צום טייך, וואָס יאָגט זיך דאָ מיט אַ סך שוים און שפּריצעריי. דורך מיין פענצטער אינעם אכטן וואַגאָן פונעם לאָקאָמאָטיוו זע איך דעם פאָדערשטן טייל פון אונזער צוג. קומט עס אויס ווי גאָר ניט אונזערער. אַקוראַט ווי עפּעס גלאָט אַ צוג פאָרט זיך אויף דער באַרג־זייט. באַלד גיט ער זיך אַ קירעווע לינקס — און פאַרן פענצטער טוען אַ יאָג ביימער.

שוין ווידער איז דער צוג אַרויסגעפאָרן אינמיטן אַ ברייטערן טאָל — און ביי דער זייט הויבן זיך ציגל־פאַבריקן, גלאָז־פאַבריקן, עלעקטריק־פאַבריקן, מאַשין־פאַבריקן. אָט האָט אַ זעץ געטאָן אַ העליש פייער — עס דאַכט זיך, ס'וועט צעטראָגן די טונקעלע ציגלנע געביידע. דאָס פייער איז רויט און רויכיג, און דורכן אָפענעם טויער זעט עס אויס ווי אַ גרויסער גליאיגער קנויל. אָט ווערט עס ליכטיגער, געלבלעך־רויט, גאָלדן־רויט; עס זעצט פון אים אַרויס אַרויף־צו אַ לאַנגע דורכזיכטיגע צונג. דער שפּיץ אויבן איז אַ רויכיג־בלאַסער. מען שמעלצט אייזן.

שטאָל און אייזן. קוילן און אייזן. קאָנקריט און שטאָל. אַ וועלט פול מיט אייזן און שטאָל. קאָלאָסאַלע האַמערס פאַלן אויפן אייזן, קנעטן עס, ציען עס, פורעמען דערפון דעם רוקן־ביין פון דער גאַנצער אינדוסטריעלער סיסטעם. אָט פון דאַנען און פון נאָך אַ צוויי־דריי צענטערס: אינדיאַנאַ, אילינאָי, אַלאַבאַמאַ, ווערט אויסגעשמידט דער סקעלעט פון אונזער גאַנצער ציוויליזאַציע. עס שמידן מיליאָנען פלייסיגע, פלינקע, געבענטשטע הענט. אַרבעטער־פאָלק.

מען זעט קוים וועמען פונעם אַרבעטער־פאָלק. פאַרנומען. מסתמא, אין שאַפּ אָדער אויפן „דאַבליו־פּי־עי"־דזשאַב. מאָדנע, ווי ליידיג ס'זעען אויס

די שטעטלעך ביים וועג. אַפילו דעמאָלט, ווען די אַרבעט איז געענדיגט, ליגט אַן עלנט אויף די קוילן־ און שטאָל־ישובים. פונעם וואַגאָן מערק איך נאָר אַ פּאָר מענטשן לעבן אַ גאַראַדזש. אַ פרוי הענגט אַרויס וועש אויף אַ הינטערשטן גאַניק פון אַ הייזל. אַ אינגל פון אַ יאָר פינף גראָבט זיך אין מיסט לעבן אַ הויפן קוילן.

אין די שטעטלעך איז שטיל. די שטעטלעך זעען אויס וויסט. די הייזער זיינען אַלע גראָ און חושך. אין רייען און רייען שטייען די הייזער, וואָס די „קאָמפּאַני" פאַרדינגט אירע „הענט". הילצערנע צוויי־גאָרנדיגע קעסטלעך, פּירעקעבדיגע, אָוועקגעשטעלט אינמיטן דער ערד, אָן אַ צאַם. ברעטערנע קעסטלעך, אָפּגעבאַרעט, אָפּגעשמיסן פון ווינט און רעגן און שניי, איינגעשוואַרצט פון רויך און סאַזשע. אַ סך הייזלעך, לאַנגע ציילן — און יעדע הויז קוקט איינזאַם, ווי איינס אַליין אינמיטן אַ פּוסט פעלד. אָפּגעפּאָרן אַ ביסל — איז אַ בית־עולם פון אויטאָס: צעבראָכענע, צעקאַרדאַשעטע רעדער, בלעכן, מאָטאָרס, גאַנצע טראָקלעך. שמוץ, שטויב, מיסט. ווידער הייזלעך. איצטיגס מאָל — נאָך קלענערע. אין יעדן גאָרן — צוויי פענצטער. אין יעדן גאָרן וואוינט מסתמא אַ גאַנצע פאַמיליע פון שטאָל־גיסער אָדער קוילן־גרעבער.

גיגאַנטן־פאַבריקן — קאַרליקלעך־הייזער. רחבות אין פּראָדוקציע — דחקות אין אַרבעטער־לעבן. שוואונג און קראַפט אין פאַבריק און זאַוואָד — גראָקייט און צמצום אין מענטשן־קאָלעקטיוו.

אַפּריל, 1937.

אין פלאָרידע

פון דזשעקסאָנוויל ביז לאָס אַנדזשעלעס איז אַ שפּרונג פון קנאַפּע דריי טויזנט מייל. מען פאָרט דורך איין מאַלערישע געגנט נאָך דער צווייטער. מען האָט אָבער קיין צייט ניט אָפּצושטעלן זיך און באַטראַכטן די נאַטור. עס פליט דער צוג, פּאַנאָראַמעס וויקלען זיך, שטייען אויף, בייטן זייער אויס־קוק, בלייבן הינטן, בלייבן ווי אַ שוואַכער אָפּקלאַנג אין מח. איך ווייס ניט, צי ס'איז מעגלעך איבערצוגעבן נאַטור־בילדער מיט ווערטער. דאָס, וואָס מען לייענט ,איז געוויס אַנדערש פון דעם, וואָס מ'האָט געזען. עס ווילט זיך אָבער פאַרצייכענען אַ פּאָר שטריכן. איך וועל פּרוּאוון. אפשר וועט דערפון עפּעס ווערן.

אינדערפרי געלאָזט הינטער זיך די ברייטע וואַשינגטאָנער גאַסן. וואַשינגטאָן איז שטיל אַפילו אין די באַלעבאַטישע שטונדן. וואַשינגטאָן איז אויסגעפּוצט, ווי אַ גלאַט־אויסגעפּאַשעטער פּאָליטישן אין אַ פראַק מיט אַ ווייסער געפּרעסטער וועסט איבער אַ ווייסן געקראָכמאַלעטן העמד. אַלעס ציכטיג, רייך און רעספּעקטאַבל. וואַשינגטאָן איז ניט קיין שטאָט: ס'איז אַן „אָפּיס" מיט קוואַרטירן. עס קאָנסומירט, אָבער פּראָדוצירט ניט. און עס זעט אויס, ווי געמאַכט מיט אַ כיון.

דער צוג פאָרט אַלץ ווייטער אין דרום. פון ביידע זייטן — וועלדער, וואָס וואַקסן פון זומפּן. אַ שעה נאָך אַ שעה פאָרט דער צוג איבער וועלדער. אומעטום זעען אויס די נאַקעטעביימער אונטער אַ גראָען ווינטערדיגן הימל. דאָ און דאָרט וואַרפט זיך דורך אַ סאָסנע, איז איר גרינקייט אויך איבער־געמישט מיט ברוינע פלעקן. אַלצדינג זעט אויס זשאַווערדיג, נאַס, פאַרצאָגט, פאַרזונקען אין אַ שנייַלאָזן ווינטערדיגן הינער־פּלעט. מיר טראַכטן זיך, אַז שוין בעסער אַ ווינטער מיט אַ פראָסט און אַ שניי־דעק, איידער אַ גראָע נאַקעטקייט מיט זומפּיגע באָדנס. אַזוי מאַנאָטאָן איז די לאַנדשאַפט אין ווירדזשיניע און צפון־קאַראָליינע.

דער צוג פאַרשלעפּערט. די וועלדער אויף ביידע זייטן שטייען אומ־באַוועגלעך, צייכענען אויפן נידעריגן הימל אַ נעץ פון צאַרטע ליניען. דאָ און דאָרט ליגט אַ שטאַלענע דעק, פון אַ וואַסער. ווילדע גראָזן זייגען צו־

געלאָפן צו די סאַמע שינעס, פלעכטן זיי האַרטע שטענגלעך, ציען זיך אַרויף ווי זיי וואָלטן וועלן אַנטלויפן פון דעם פייכטן וואַלד־האַרץ. אָבער וואָס איז דאָס? עפּעס אַ באַקאַנט געוויקס: גרין, קיילעכדיק, פּעכער־בלעטער פון אַלע זייטן, אַ נידעריגער שטאָם. קען דאָס זיין? אָט איז נאָך איינס. יאָ, ס'איז אַ פּאַלמע. אינמיטן גראָען ווינטער־וואַלד אַ גרינע לעבעדיגע פּאַלמע. באַלד מערט זיך זייער צאָל. באַלד לויפן זיי שוין ביי די זייטן באַן־וועג. עס קומט אַ צווייטער סאָרט פּאַלמען, דינע און שלאַנקע, מיט עטלעכע גרויסע בלעטער פון אויבן. ווי אַנדערש זיי זיינען פון דעם איבעריגן ווינטער־וואַלד; ווי קאַלט עס מוז זיי זיין אין אומפריינטלעכע טעג!

אָבער זיי לעבן. מיר זיינען אין דרום.

אַריינגעפאָרן קיין דזשעקסאָנוויל, דערפילט מען שוין דעם דרום אין דער לופטן. ס'איז וואַרעם. עס ברענט אַ הייסע זון. מען טוט אויס דעם אויבער־מאַנטל. מ'טוט אויס דאָס רעקל. מען זיצט אויף דער ווערענדע אין איין העמד. די גאַנצע שטאָט איז, פאַרשטייט זיך, איין גרויסע ווערענדע. אין גאָרטן, הינטער דער שטוב, שטייט אַ בוימל, אויפן בוימל זיינען אָנגע־האָנגען אָראַנזשען, ווי צוגעטשעפּעט צו אַ קריסטמעס־בוימל אויף קאַטאָוועס. איך גיי צו אַ טאַפּ טאָן, צי דאָס איז ריכטיג. יאָ, זיי הענגען: רייפע, העלע, זאַפטיגע, געדיכט איינער לעבן צווייטן. איך וואונדער זיך, וואָס אַזאַ קליין בוימל קען אויסהאַלטן אַזאַ מאַסע פרוכט.

— ביי אונז וואַקסט אַ גאַנץ יאָר — זאָגט מיר דער אייגנטימער מיט שטאָלץ, אַקוראַט ווי דאָס וואַקסן אַ גאַנץ יאָר איז זיין ספּעציעלער אויפטו. און איך אַליין פאַרגעס, אַז דאָס איז אַ נאַטירלעכע זאַך, און מיר דערמאָנט זיך אַלץ דער קאַלטער עסנדיגער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן אין ניו יאָרק אינעם טאָג פון מיין אָפּפאָר, און מיר דאַכט זיך, אַז איך זע דאָ וואונדער איבער וואונדער. אָן דאָרט וואַקסן היאַצינטן. אָן דאָרט קלעטערן אויף דער גאָרטן־וואַנט רויטינקע בלימלעך, וואָס איך קען ניט זייער נאָמען. אָט דאָ ליגן אויף דער ערד, צווישן ברייטע בלעטער, פרישע גרינע אוגערקעס. אַז ס'איז פאָרט דאָס זעלבע וואָס זומער, כאָטש אַ טייל ביימער שטייען אָן בלעטער, ווייל זיי מוזן איינמאָל אין יאָר בייטן זייער אָנטאָן.

איז אַז איר קומט פון דעם פאַרהאָוועטן קורץ־אָטעמדיגן ניו יאָרק, וואָס האָט שוין וואָכן קיין זון ניט געזען, און נאָך טומלען זיך אין אייער גוף און אין אייער ווערן די וויבראַציעס פון ניו יאָרקער שטאָל און שטיין, און נאָך האָט איר זיך ניט אויסגעקרעמפּעוועט נאָך דער וואַגאָן־אָפּטיילונג, וואָס איז אייגנטלעך אַ פאָרזעצונג פון ניו יאָרקער סאָבוועי, און איר דערפילט

פּלוצלונג, אַז דאָ איז רחבות, ליכט, זון, צעפּאַרעטע ערד, גרינס אָן אַ שיעור, אַז די לופט אַליין מאַכט די מענטשן לאַנגזאַם, זיכער און ברייטלעך (וואוהין זאָל מען זיך איילן ?), פאַרגעסט איר דאָך אויף אַ ווייל די אַלע זאַכן, וואָס מאַטערן אייך כסדר, און עס ווערט אייך עפּעס זינגענדיג־לייכט אויף דער נשמה.

עס איז נאָר אויף אַ ווייל, און אויב איר בלייבט דאָ כאָטשבי אויף צוויי וואָכן, וואָלט איר זיך מסתמא געפילט אויך אונטער די פּאַלמען אַזוי געוויינלעך, ווי אונטער די ביימער פון יוניאָן סקווער. אָבער ווער דאַרף טראַכטן וועגן דעם, וואָס ס'וואָלט געווען. דערווייל איז אייך גוט. דערווייל קענט איר צו זיך ניט קומען, וואָס איר גייט צווישן רייען פּאַלמען ; דערווייל פילט איר די ברייטקייט און בלאָקייט פונעם הימל ווי אייער אייגענע מתנה, וואָס מ'האָט עקסטרא צוגעגרייט אייך צו דערפרייען. דערווייל גיסט זיך די פרישע יום־טוב'דיגקייט דורך יעדן גליד און יעדן נערוו.

פאָרן מיר, הייסט עס. וואוהין ? קיין סאַנט אויגוסטין. פאַרוואָס עפּעס אַהינצו ? פאַרוואָס ניט. מען דאַרף ערגעץ פאָרן. און סט. אויגוסטין איז „די עלטסטע שטאָט אין די פאַראייניגטע שטאַטן".

איך ווייס ניט, צי ס'איז אַ מעלה, וואָס די שטאָט איז די עלטסטע. אָבער אַז דער שאָסעי איז גלאַט, ווי אַ טיש, און גלייך, ווי אַ סטרונע, דער אויטאָמאָביל פאָרט פופציג מייל אַ שעה, דער שמעקעדיגער ווינט פּאַטשט אין פּנים אַריין דורך אַלע אָפענע פענצטער, די פּאַלמען גייען אַ טאַנץ ביים זייט וועג און פעלדער בייטן זיך אויף וועלדער און וויקלען זיך ווידער אַרויס פון צווישן ביימער — אַלץ באַשווערטע מיט אַלערליי געדיכטע גראָזן — איז זאָל זיין סט. אויגוסטין. אגב איז אַמעריקע אַזוי יונג, אַלטע דענקמעלער זיינען אַ יקר המציאות, איז פאַרוואָס טאַקע ניט אַ קוק טאָן אויף אָט־דעם חידוש ?

נו, מילא, ניטאָ קיין סך וואָס צו זען. אַ שטאָט ווי אַלע אַמעריקאַנישע שטעט. עטלעכע האָטעלן, עטלעכע גאַסן, איינציגע גאַנץ שמאָלינקע, אַ מאַרק־פּלאַץ מיט גאַזאָלין־פּאָמפּעס. אויפן מאַרק איז אָבער נאָך געבליבן אַ שטיינערנע פּאָדלאָגע, עטלעכע פוס די הויך, פון וואַנען מען פלעגט אַמאָליגע יאָרן פאַרקויפן שקלאַפן. נו, מילא, דאָס איז דאָך ביי אונז ניט קיין נייעס. שקלאַפן האַלטן זיך אַלץ נאָך אין פאַרקויפן — נאָר אין אַנדערע פּאָרמען. און מיט וואָס זיינען די נעגערס אין דרום בעסער ווי שקלאַפן ?

אין שטאָט איז דאָ דאָס „קליינע אַלטע הויז", וואָס לויט דער לעגענדע, האָט איינער אַ שפּאַניער דאָן טאָלעדאָ עס אויסגעבויט פאַר זיין אינדישער כלה אינעם זעכצענטן יאָרהונדערט. דאָס הויז איז געבליבן כמעט אומ־

פֿאַרענדערט. די זעלביגע מעבל, די זעלביגע טירן אַפֿילו. מיר גייען דורך דעם הויז. אינטערעסאַנט. אַלטערטימלעכע זאַכן. געשיר, בילדער, באַפּוצונג. ווייזט אויס, געווען אַ פֿאַרמעגלעכער מענטש, דער דאָן טאַלעדאָ (די שפּאַניער זיינען דאָך געווען די ערשטע וואָס האָבן באַזעצט און עקספּלואַטירט יענעם טייל פֿון אַמעריקאַנישן קאָנטינענט). עס וואַרפֿט זיך אין די אויגן, אַז נאָך צוריק מיט פֿיר הונדערט יאָר האָבן פֿאַרמעגלעכע מענטשן געוואוסט, ווי צו מאַכן באַקוועם און קאָמפֿאָרטאַבל זייער לעבן. דאָס הויז איז קליין פֿון דרויסן, גראָם אינעווייניג — און נאָך היינט וואָלט אַ ניו יאָרקער פֿאַמיליע געווען גליקלעך צו האָבן אַזאַ וואוינונג.

עטלעכע קוואַרטאַלן ווייטער געפֿינט זיך די פֿעסטונג מאַריאָן — אַ שלאָס לויטן אַלטן סטיל, מיט גראָבנס אַרום און אַרום, מיט הענג־בריקן, טורעמס, שיס־לעכער, טעראַסן, דיקע ווענט און אַלערליי זאַכן. אַ פֿעסטונג ווי אַ פֿעסטונג. איצט איז דאָס אַ מוזיי. איר גייט און טראַכט, אַז אַט אַזוינע פֿעסטונגען האָט מען געניצט אויף איינצונעמען אַ קאָנטינענט. אַט דאָ האָט מען זיך געשיצט פֿאַר אינדיאַנער — ביז מ'האָט זיי פֿאַרניכטעט. אין שלאָס איז דאָ אַ צימער, וואו עס שטייען קוקלעס פֿון אָרטיגע אַמאָליגע אינדיאַנער. קיין אינדיאַנער אַליין איז ניט געבליבן.

אין פֿעסטונג איז דאָ אַן אונטערערדישער קאַרצער. אין קאַרצער איז דאָ אַ צווייטער קאַרצער, טיף אין דער ערד, וואו די פֿינצטערניש איז אַבסאָ־לוט. די לופֿט איז פֿייכט און שטיקנדיג. מער ווי צוועלף שעה, זאָגט אונז דער פֿירער, האָט אַ מענטש דאָ ניט געקענט לעבן. אגב איז דער באָדן דאָ פֿון זאַמד, וואָס ציט אריין און פֿאַרשלינגט. האָט מען אַריינגעלאָזט אַן אַרעסטאַנט, האָט אים דער זאַמד פֿאַרצויגן — און ס'איז פֿון אים קיין זכר ניט געבליבן. די שולד פֿון די אַרעסטירטע איז געווען: זיי האָבן פֿאַרטיידיגט זייער לאַנד.

ווען מיר גייען אַרויס, לייכט אַ זון, און דער ים שפּרייט זיך אַרום און אַרום, העל, שוימיג, הילכיג.

מערץ, 1928.

אַרום דענווער

שטייען בערג פון אַלע זייטן אינעם האַרץ פון קאָלאָראַדאָ. איז איינגעשלאָסן אין די בערג אַ גרויסער פלאַכער פּלאַץ, פיר טויזנט פוס די הויך. ליגט אינמיטן פלאַך די חנ׳עוודיגע דענווער. שמייכלט זי זיך איבער מיט די בערג פון ווייטנס, מיט די גרינע פעלדער — פון דער נאָענט.

וואַנדערט איר איבער די גאַסן פון דענווער און איר פילט, אַז איר געפינט זיך אין אַ הויכער געגנט. די לופט איז שיטערער, קלאָרער. דער הימל איז לויטער. דאָס גרינס פון די ביימער איז פרישער. די גאַנצע שטאָט איז אויסגעבאָדן אין קילער, שאַרפער לופט. עס אָטעמט זיך לייכטער, ווי אונטן, אין דער נידער. עס פילט זיך אַ רחבות.

און רעדט איר מיט די מענטשן, איז יעדער דריטער — אַ קראַנקער אָדער אַ געוועזענער קראַנקער, אַ האַלב־פאַרהיילטער.

זיי קומען אַהער פון אַלע שטעט. אין די סוועט־שעפּער פון ניו יאָרק, אין די אַרבעט־גיהנומס פון פילאַדעלפיע, אין די לעבער פון באָסטאָן, שיקאַגאָ, דעטראָיט ווערן צוגעגרייט קאַנדידאַטן פאַר דענווער. מען אַרבעט איבערן כח, מען אָטעמט איין די שטויביגע גיפטיגע איבערגעהיצטע לופט, מען באַקומט צעלעכערטע לונגען. מען הוסט — און מען אַרבעט. מען שוויצט ביינאַכט — און מ׳אַרבעט ווייטער. מען שפּייט מיט בלוט — און מ׳אַרבעט. ווען עס איז שוין אויסגעשעפּט דאָס לעצטע ביסל כח, טראַכט מען וועגן דענווער. דענווער — דער גן־עדן. דענווער — אַ פאַרלענגערונג פונעם לעבן. דענווער! אַ שיינענדיגע האָפענונג פון געפּלאָגטע! אַרום און אַרום איז אין די דענווער־אַנשטאַלטן ניטאָ קיין פּלאַץ מער ווי פאַר עטלעכע הונדערט פּאַציענטן. און פאָרן פון ניו יאָרק קאָסט אַזוינע זיבעציג־אַכציג דאָלאַר.

ווען מיר האָבן די מאַכט, וואָלטן מיר ניט געוואַרט ביז מענטשן ווערן קראַנק. מיר וואָלטן גענומען שוואַך־לונגיגע האָרעפּאַשניקעס און זיי געשיקט אַהער זיך באַוואָרענען פאַר דער קרענק. זאָלן זיי פאַרברענגען אַ חודש אָדער צוויי אין דער קרעפטיגער באַרגיגער לופט. זאָלן זיי ווערן שטאַרקער. וועלן זיי אויסמיידן די סכנה. מיר וואָלטן געמאַכט פון דענווער איין גרויס אָפּרוהיז פאַר די אַרבעטער פון אונזער לאַנד. מיר וואָלטן אויפגעשטעלט

געזונטהייט־פּאַלאַצן אויף אַ־די גרינע בערגלעך ביים פוס פון די גרויסע בערג. מיר וואָלטן זיי אַרומגערינגלט מיט סעדער און בלומען. די מלוכה־באַנען וואָלטן אומזיסט געפירט אונזערע וואַקאַציאַניסטן. עך, ווען מיר האָבן די מאַכט!...

:: :: ::

איבער דענווער ליגט אַ קלאָרער אויסגעהאַמערטער הימל. די לופט טרינקט זיך ווי אַ שטאַרקע משקה. דער שניי אויף די ווייטע בערג פינקלט. דער בעז אין די גערטנדלעך בליט. פון דעם גראָז אין סאַניטאַריום־הויף קריכן געלע בלימלעך — זעט דאָס אויס יום־טוב׳דיג און יונג. קוקן אויף מיר צוויי גרויסע אויגן פון אַ חבר. ברייט־געעפנטע, היציגע, טרוימערישע, אין פיבער און ווייטאָג אויסגעבאָדענע אויגן. איז דאָס ווייסל — בלאָלעך און דער שוואַרצאַפּל — קויל־שוואַרץ. ברענט דאָרט אַ בענקשאַפט. ברענט דאָרט אַ פראַגע: „אַנו, וואָס מאַכן די חברים?... איר לעבט דאָרט איבער שטורעמדיגע צייטן... עס איז פריילעך צו לעבן... עס איז אַ גוטע צייט פאַר אַרבעט... ברייטע אַרבעט! מאַסן־אַרבעט!"

איבער דענווער לויפט אָן אַ וואָלקן, טוט אַ שפּריץ מיט אַ רעגן, אָבער אויף די בערג ליגן פלאַכטעס זון, און דער רעגן איז דורכגעוועבט מיט שטראַלן. באַלד איז דער גראָז נאָך פרישער, און אויף די געלע בלימעלעך בלישטשען בריליאַנטן.

:: :: ::

פּאַיק׳ס פּיק, דער הויכער שפּיץ פון די קאָלאָראַדאָ־בערג, איז נאָך ניט אָפן פאַר טוריסטן: צופיל שניי אויפן וועג. אָבער די „הייל פון די ווינטן" איז אָפן. די הייל פון די ווינטן איז אַ סיסטעם פון קאָרידאָרן און זאַלן אינעם האַרץ פון אַ שטיינערנעם באַרג. צוריק מיט צענדליגער טויזנטער יאָרן איז דאָ געווען אַן אונטערערדישער טייך. דער טייך איז פאַרשוואונדן. די לעכער זיינען געבליבן. די לעכער האָבן אָנגענומען אַלערליי געשטאַלטן. אַמאָל איז דאָס אַ שמאָלער געשלענגלטער דורכגאַנג צווישן צוויי ווענט פון שטיין. אַמאָל איז דאָס אַ קיילעכדיגער צימער מיט אַ דאַך ווי אַן איבערגעקערטע שיסל. אַמאָל איז דאָס ווי אַ צעעפנט מויל פון אַ שטיינערנער חיה. אומעטום האָט דאָ די וואַסער באַשאַפן קונסט־ווערק. די וואַסער איז גערונען דורך די מינעראַלן, וואָס ליגן אין בויך פון דער ערד. די וואַסער האָט אַראָפּגע־קאַפּעט פונעם דאַך פון די היילן: די וואַסער האָט מיטגעשלעפּט די מינעראַלן. האָבן זיי זיך אויסגעפורעמט אויף דער סטעליע אין אַלערליי טשיקאַווע גע־

שטאלטן. אַט הענגען שווערע לאַנגע ליכט מיט די קנויטן אַרונטער. אַט הענגען צאַפּנס, ווי אייז פון אַ סטריכע. אַט איז אַ בינטל געפלאָכטענע שטיינערנע בלומען. אַט זיינען בלעטער. אַט איז אַ קאָפּ פון אַ חיה, אַט — אַ האַנט פון אַ מענטשן. אַלצדינג איז פון ווייכן שטיין, פון מינעראַל, וואָס די וואַסער האָט מיטגעבראַכט. אויף דער פּאָדלאָגע פון דער הייל שטייען געשטאַלטן מיט די שפּיצן אַרויף — די זעלביגע צאַפּנס, ליכט, צילינדערס, פיגורן וואָס דערמאָנען אָן חיות.*) אַמאָל הענגט פון דער סטעליע אַ קאָנוס און פּונקט אַנטקעגן אים הויבט זיך פון דער פּאָדלאָגע אַ צווייטער קאָנוס. די פיגורן קוקן זיך אָן מיט זייערע שפּיצן.

ס'איז מאָדנע שטיל דאָ אינעווייניג, אין בויך פון דעם באַרג. לעשט מען אויס די עלעקטרישע לאָמפּן, איז אַבסאָלוט פינצטער. די קאָרידאָרן ציען זיך מיילן. ערשט דאָ ניט לאַנג, דערציילט אונז דער פירער, האָט מען אַנטדעקט אַ דורכגאַנג פון אַ מייל מיט אַ פּערטל, וואָס פירט אַרויס אויף יענער זייט באַרג.

ס'איז איינס פון די וואונדער פון דער נאַטור, אָבער ס'געפינט זיך אין פּריוואַטע הענט. איר באַצאָלט אַ דאָלאַר פאַרן קוקן. טאָמער גיט איר ניט דעם פירער קיין טרינק־געלט, זייט איר ניט קיין לייטישע מענטשן. פאַרן פון דענווער אהערצו קאָסט ניט ווייניגער ווי אַ דאָלאַר. מען פאָרט מיט אָן אויטאָמאָביל. איז קיין וואונדער ניט, וואָס טויזנטער איינוואוינער פון דענווער האָבן ניט געזען די הייל פון די ווינטן. ס'איז ניט פאַר זייערע מיטלען.

ווען מיר קומען אַרויס, פאַרהילכן אונז די פּאַרקויפער מיט געשרייען:
„קויפט קאַרטלעך! קויפט שטיקלעך שטיין! קויפט אַנטיקן!" איר גייט צווישן צוויי שורות פאַרקויפער, ווי „סקוואַז סטראַי". איר פילט זיך שולדיג, וואָס איר קויפט ניט.

דער ליבהאַרציגער קאַפּיטאַליזם האָט געפונען אַ מיטל צו פאַר'סמ'ען אייך דאָס שענסטע נאַטור־בילד.

:: :: ::

די ערד אַרום דענווער איז אַ פעטע, אַ געבענטשטע; זי דערמאָנט מיר אָן דער ערד אַרום קיעוו. דאָס איז אַ לאַנד פון גרינסן און פון תבואה. לעטוס,

---

*) די וויסנשאַפטלעכע נעמען פאַר אָט־די שטיין־פאָרמאַציעס זיינען: סטאַלאַק־טיטן פאַר די אויבערשטע און סטאַלאַגמיטן פאַר די אונטערשטע.

אוקערקעס, שוואמען, ווייץ, קארן, אלפאלפא. ס'איז אנהויב פרילינג, אבער די פעלדער זיינען גרינע. די פעלדער אטעמען; עס דאכט זיך: זיי שטרעקן די גלידער אין דער זון. זיי ווערן זאפטיגער און ווייכער יעדע מינוט.

אט הויבן זיך אן די בוריקעס־פעלדער. דער צוקער־בוריק איז איינער פון די וויכטיגסטע אינדוסטריע־ארטיקלען ארום דענווער. עטלעכע און צוואנציג טויזנט ארבעטער זיינען דא יעדן זומער באשעפטיגט אויף די בוריק־פלאנטאציעס. די ארבעט ווערט געטאן מיט מאשינען. די פראדוקציע איז א גרויס־אינדוסטריעלע. די בוריקעס ווערן איבערגעארבעט אויף צוקער טאקע דא, אין די צוקער־פאבריקן פון דענווער.

ס'ארא ברייטקייט! ס'ארא פרייקייט! פעלדער — גלאטע ווי סאמעט. וועגן — אויסגעפלאסטערטע, ברייטע. בוימלעךביים וועג — קוטשעראווע קינדער. ווייסע וואלקנדלעך איבערן קאפ; א ריח פון ערד און פון בעז אין דער לופטן. די יונגע בוריקעס האבן אקארשט ארויסגעשטעקט פון דער פוכיקער ערד די ערשטע צוויי בלעטלעך. זיי טרינקען זאפט, אטעמען און וואקסן פאר די אויגן.

אינמיטן די פעלדער, ביים ראנד פונעם וועג, שטייען דא און דארט גוט־געבויטע, פעסטע און געראמע הייזער. דא וואוינען די פארוואלטער פון די פעלדער אדער די ארענדאטארס. די פעלדער געהערן פריצים. די פריצים זיינען אדער אליין די פלאנטאטארס און פארוואלטן מיט זייערע פעלדער דורך געדונגענע מענטשן, אדער זיי פארדינגען די ערד צו ארענדאטארס, ד. ה., סוב־קאנטראקטארס, וועלכע צאלן דעם פריץ רענט. אי די אי יענע ארבעטן ניט אליין: זיי דינגען ערד־ארבעטער. די ארבעטער זיינען מערסטנס מעקסיקאנער. זיי וואוינען טאקע אט־דא, אויף די פעלדער. זיי פארדינען דורכשניטלעך 350 דאלאר א יאר. זיי ארבעטן פון מאי ביז נאוועמבער — ד. ה., זיבן חדשים. אין די ווינטער־חדשים מוזן זיי אויך לעבן אויף אט־די פארדינסטן, ווייל ס'איז ניט מעגלעך צו קריגן קיין אנדער ארבעט.

אט איז א שטיבל פון אן ארבעטער. עס איז אכט פוס די לענג, זיבן די ברייט. עס איז צונויפגעקלאפט פון אומגעהובלטע ברעטער און זעט אויס ווי א שלעכט־געמאכטער קאסטן. די ברעטער האבן זיך צעטריקנט, און עס זיינען דא לעכער און שפארונעס. צוויי קליינע צעבראכענע פענצטער זיינען פארקלעפט מיט פאפיר.

אינעווייניג אין שטיבל איז דא אן אויוון פון אייזן, א פליטע צום קאכן, א בעט, צוויי צעבראכענע שטולן, א קעסטל, אלצדינג איז ענג אנגעשטעלט איינס לעבן צווייטן, ניט צו געבן זיך קיין ריר. דאס שטיבל איז, דאכט זיך,

פול מיט שמאַטעס. אַט דאָ, אויף אַ שטח פון זיבן אויף אַכט, לעבט אַ פאַמיליע: אַ מאַן, אַ פרוי, אַ קינד פון ניין יאָר, אַ קינד פון זעקס יאָר און אַ זוויג־קינד. עס אַרבעטן מאַן און ווייב און דאָס עלטערע קינד. זיי פאַר־דינען אַרום און אַרום 485 דאָלאַר אַ יאָר. זיי וואוינען אינעם שטיבל ווינטער און זומער. דער אייגנטימער פונעם שטיבל איז דער פּלאַנטאַטאָר. ער נעמט קיין רענט ניט ביי זיין אַרבעטער, אָבער קוילן קאָסט איבערן יאָר אַזוינע 25־30 דאָלאַר.

איך פאַרשטיי בשום אופן ניט, ווי אַזוי די גאַנצע פינף פאַרשוין פּאַטויפּען זיך אינעם שטיבל. מיט מיר רעדן זיי אינדרויסן. דער מאַן — אַ ברייט־פּלייצעדיגער געשטופּלטער מעקסיקאַנער, ווייזט מיר אויף אַ הויפן ברוך־אייזן לעבן זיין שטיבל. ביז צוריק מיט אַ זעקס חדשים איז דאָס געווען אַן אַלטער פאָרד. ער האָט מיט אים שטאָלצירט. ער האָט אים געהאַט אָפּ־געקויפט אויף אויסצאָלן פאַר 27 דאָלאַר. איצט איז דאָס ברוך, וואָס האָט קיין ווערט ניט. די פרוי איז אַ שעמעוודיגע, אַן איינגעהאַלטענע. דער מאַן איז שוין אַ מער באַוואוסטזיניגער, שעמט ער זיך ניט מיטן דלות. דער דלות קריכט אַרויס פון יעדן לאָך. די קינדער זיינען האַלב־נאַקעט. די ערד אַרום איז שטויביג. דאָס באַלופּקעלע שטייט אינמיטן אַ לאַטע ערד, אַ יִעגעץ די גרויס.

איך פרעג:

— גיט מען אייך גאָר ניט קיין שטיקל ערד צו פאַרפּלאַנצן אַן אוגערקע, אַ קאַרטאָפל? אַזוי פיל ערד אַרום און אַרום!

דער מאַן ענטפערט אויף זיין געבראָכענעם ענגליש:

— די ערד — זי איז פאַר בוריקעס. די בוריקעס — זיי ברענגען פּראָפיטן. ערד פאַר אונז — נישט.

מען לעבט אינמיטן דער רייכער ערד — און מען קויפט גרינוואַרג צום עסן. מ'איז אָרעם צווישן אַ וועלט פון שפע, וואָס מען האָט אַליין געהאָלפן שאַפן.

— יאָ, אַזוי איז דאָס. אַלץ פאַרן פּלאַנטאַטאָר — זאָגט דער מאַן און טוט אַ מאַך מיט אַ האַנט, וואָס זעט אויס ווי אַ שוואַרצע קלאָץ. — אָבער מיר'ן סטרייקן. גלויב מיר — ס'וועט קומען אונזער צייט.

יאָ, טייערער חבר. ס'וועט קומען די צייט.

אָט־די בערג און פעלדער וועלן נאָך זען גרויסע שטורעמדיגע קאַמפן. זיי וועלן אָראָפּשמייכלען אויף שקלאַפן, וואָס דעראָבערן זיך רעכט.

מאַי, 1930.

מענטשן, וואָס בענקען

אזוי איז שוין אַפּנים באַשערט, אַז די פּראָווינץ זאָל בענקען.

זיצן אַרבעטער און געוועזענע אַרבעטער אין אַ דרום־שטאָט. ס׳איז גערעם. ס׳איז שטיל. ס׳איז לייכטער צו פאַרדינען אויפן לעבן, איידער אין אַ גרויס־שטאָט. מען האָט אַן אייגן הייזל. מען האָט אַן אייגענע „מאַשינקע". וואָרים, ווי זאָגט מען דאָס אין דער פּראָווינץ, אָן אַן אייגענעם וועגעלע קאָן מען זיך ניט רירן פונעם אָרט. מ׳איז, דאַכט זיך, איינגעפונדעוועט אין די נייע מקומות. און מען בענקט. דאָס האַרץ נאָגט. עס ציט, עס שלעפּט, עס רופט צו דער גרויסער שטאָט, צו דער ברייטער באַוועגונג, צו ניו יאָרק, צו יוניאָן סקווער...

עס איז אַ טאָפּלטע בענקשאַפט. ערשטנס, ווילט זיך זיין אינמיטן קאָך, אויף די צוואַנציג־טויזנט־קעפּיגע דעמאָנסטראַציעס אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, אין די פייערדיגע מאַסן־פאַרזאַמלונגען, אפשר מיט די פּיקעטס אין קאַמף געגן שונא. פון דער ווייטנס זעט דאָס אַלץ אויס גלאַנציג, שטורעמדיג, אָטעם־פאַרכאַפּנדיג, פריידיג! צווייטנס, בענקט מען נאָך אַ פּראָלעטאַרישער סביבה. דער אידישער לינקער אין די דרום׳דיגע פּראָווינץ־שטעט איז אָפּטמאָל ניט קיין לוין־אַרבעטער, העכסטנס איז ער דאָס, וואָס מען רופט אומבאַשטימט „אַ האָרעפּאַשניק". אין די לינקע קרייזן באַגעגנט מען, פאַרשטייט זיך, אַי שניידער, אַי סטאָליאַרעס, אַי עלעקטריקער, אַי קלוירקס, וואָס לעבן פון אַרבעט. עס באַגעגענען זיך אָבער אויך קרעמער, פּרוכט־הענדלער, זעלבסטשטענדיגע שניידער, וואָס האַלטן אַן אַרבעטער אָדער צוויי; דאָ און דאָרט טרעפט מען אַפילו אַ קאָנטראַקטאָר, וואָס באַשעפטיגט אַ צענדליג אַרבעטער און מער. דער באַשטאַנד פון די לינקע אָרגאַניזאַציעס איז, בכן, אַ געמישטער; אָפּטמאָל איז די מערהייט ניט־פּראָלעטאַריש.

ווייסן מיר אַלע, אַז ניט פון אַזוינע מענטשן קען געבויט ווערן אַ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי און אַז אויב די לינקע באַוועגונג זאָל האָבן אַ מערהייט אָדער אַפילו אַ גרויסע מינדערהייט פון אַזוינע מיטגלידער, וואָלט זי ניט געקענט אויספירן איר שליחות. ווייסן מיר אָבער אויך, אַז די לינקע באַוועגונג

דאַרף זיך ניט אָפּזאָגן פון הילף־גרופּן און הילף־עלעמענטן אַפילו ווען, לויט זייער סאָציאַלן באַשטאַנד, זיי זיינען ניט פּראָלעטאַריש.

איז ביי אונז, אין פּאַרטיי־קרייזן און יוניאָן־קרייזן, שוין לאַנג פאַראַן אַן אויסגעאַרבעטע פריינטלעכע באַציאונג צו די דאָזיגע אַלע סימפּאַטיקער, שטיצער און חברים. איז אָבער די מעשה, אַז זיי אַליין איז ניט אַזוי גרינג שלום צו ווערן מיט זיך. זיי ווייסן, אַז אַן אמת׳ער קאָמוניסט קאָן נאָר זיין אַ לוין־אַרבעטער, וואָס פּראָדוצירט מערווערט. זיי זיינען גענוג קלאַסן־באַוואוסט צו פאַרשטיין, אַז אויב אַ מענטש איז, עקאָנאָמיש, אַ קליין־בירגער, מוז דאָס סוף כל סוף באַאיינפלוסן זיין נשמה, זיין באַציאונג צום לעבן. זיי האַלטן זיך דעריבער אין איין פאַרענטפערן פאַר זייער עקאָנאָמישער לאַגע. זיי האַלטן אין איין באַווייזן אי זיך, אי יענעם, אַז זיי זיינען ניט ערגער פון אַלע.

— נו, בין איך טאַקע אַ גראָסערימאַן. איז וואָס? איך האָב אָפּגעאַרבעט ביי קלאָוקס אַכצן יאָר. אַרויסגעאַרבעט פון זיך לייב און לעבן. געקומען אַהער אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס. וואָס טוט מען? חברים האָבן זיך צונויפגעלייגט און מיר געהאָלפן עפּענען אַ קרעמל. איצט האָרעווע איך אַכצן שעה אין טאָג און פאַרדין אויפן לעבן. מיט וואָס־זשע בין איך ערגער פון אַן אַרבעטער? גלויבט מיר, איך האָרעווע שווערער...

— איך האָב טאַקע אַן אייגענע שאַפּקע, ניט פאַר קיין לינקן געדאַכט. מיר אַרבעטן זאַלבע־צווייט מיט מיין חבר׳טע. אַמאָל, אין אַ הייסער שעה, דינג איך אונטער אַ פּרעסער. מיר פּרעסן און פאַרריכטן קליידער, און איך האָב זיך אַ ביסל פאַרריכט דאָס געזונט. אין סאָוועטן־לאַנד וואָלט מען אַזוינעם גערופן „קוסטאַר״. דאָ בין איך אַ „באָס״, הלואי אויף ראַקעפעלער׳ן און פאָרד׳ן געזאָגט געוואָרן. אָבער איינס וויל איך אייך זאָגן: ווען איך וואָלט געאַרבעט ביי יענעם, וואָלט איך שוין לאַנג געווען אויפן עולם האמת. און ווי זאָגט דאָרט דער פּסוק: בעסער אַ לעבעדיגער קוסטאַר, איידער אַ טויטער פּראָלעטאַריער.

— די פּאַרטיי־דירעקטיוון פאָלג איך אויס הונדערט פּראָצענט. איך שטיי אונטער פּאַרטיי־דיסציפּלין. מיינע אַרבעטער ווייסן, ווער איך בין; זיי זיינען אויך, מערסטנס, חברים. מיר האָבן ניט קיין סכסוכים. אויב ס׳וואָלט נויטיג געווען, גיי איך דער ערשטער אַרויס פּיקעטן, כדי צו העלפן אין אַ סטרייק פון די אַרבעטער אין וועלכן־ניט־איז פאַך. דער פאַקט איז, אַז איך אַליין האָב שוין געפּרוּווט זוכן פאַרבינדונגען מיט דער קאַטן־פאַבריק...

— זאָל נאָר קומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע, גיב איך אָפּ מיין שטוב מיט מיין ביסל פאַרמעגן. גלויבט מיר, אַז אָן מיר וועט ניט זיין קיין מניעה.

אַזוי שמועסט מען אי איינציגווייז, אי אין גרופּן. מסתמא איז מען ערגעץ אין אַ ווינקל נשמה צופרידן, וואָס מ'האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פונעם שאָפּ. אין קאַליפאָרניע און פלאָרידע זיינען דאָ צענדליגער טויזנטער גע־וועזענע אַרבעטער, וואָס האָבן עמיגרירט פון אַנדערע געגנטן צוליבן געזונט. אַרבעטן אין שעפּער האָבן זיי ניט קיין כח. אויך איז ניטאָ גענוג שעפּער אין יענע ניט־אינדוסטריעלע ערטער. איז ניט געבליבן קיין ברירה, ווי אַליין ווערן אַ געשעפטסמאַן. טוט עס הנאה, וואָס מ'טויג זיך צום עסק. אָבער — מ'האָט דאָך אַ נשמה! מען גלויבט דאָך אין דער באַוועגונג. מען וויל דאָך עפּעס טאָן פאַר דער באַוועגונג. מען איז דאָך איבערגעגעבן דעם אַרבעטער־קלאַס „מיט לייב און לעבן". מען וואָלט זיך אַליין אַריינגעוואָרפן אין קאַמף, ווען ניט...

אָט־דער „ווען ניט" קאָלופּעט ביים האַרצן, שפּרייט אַ בענקעניש אין גאַנצן בלוט. עך, ווען מען קען נאָר! עך, ווי גוט עס איז צו זיין אַן אַר־בעטער־קעמפער! ווי העל און רחבות'דיג עס מוז זיך פילן יענע אמתע פּראָלעטאַריער און די אמתע אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציעס מיט דער אמתער באַוועגונג!

אַז עס קומט צו די דאָזיגע מענטשן „אַ גאַסט פון ניו יאָרק", רינגלען זיי אים אַרום מיט אַ באַזונדערער ציטערנדיגער אויפמערקזאַמקייט, מיט כמעט אַ וויטאָגדיגער ליבשאַפט. יענער קומט דאָך „פון דאָרטן". ער טראָגט דאָך אין זיינע ווערטער דעם אָפּקלאַנג פון „יענע" שלאַכטן. ער וועט באַלד ווידער אַוועק אַהין, וואו עס לויכט דער פייער פון קאַמף...

הערצער פלאַטערן. אויגן גליען. שטראָמען פון בענקשאַפט גיסן זיך.

:: :: ::

עס זאָל פאַרצייכנט ווערן, אַז אָט־די האַלב־ און פערטל־פּראָלעטאַרישע לינקע אָרגאַניזאַציעס זיינען די איינציגע, וואָס טוען פּאָליטישע און קול־טורעלע אויפקלערונג־אַרבעט אין דרום צווישן די אידישע מאַסן. זיי זיינען אויך די איינציגע, וואָס פּרובירן אָרגאַניזירן פּאָליטישע פּראָטעסט־באַ־וועגונגען אין יענע מקומות.

די לינקע האַלטן־אויף קינדער־שולן. זיי העלפן די אַרבעטער־קאַמפן, האַלטן אויס קולטור־קלובן מיט לעקציעס, דיסקוסיעס און קאָנצערטן; זיי האַלטן אויס אַרבעטער־צענטערן; זיי האַלטן אויס פרייהייט געזאַנג פאַר־

איינעו, וואָס טראָגן אריין אַ ביסל שיינקייט אין דער אָרטיגער געזעלשאַפט־לעבער ארבעט; זיי האַלטן אויס פרויען־פּאַראייַנען מיט עקאָנאָמישן (קאָנסומערס ליגס) און קולטורעלן כאַראַקטער; זיי האַלטן אויס קאָאָפּעראַטיוון; זיי האַלטן אויס דעם „איקאָר” און אַנדערע הילף־אָרגאַניזאַציעס; זיי פאַרשפּרייטן ליטעראַטור און זיי אָרגאַניזירן ברייטע מאַסן־לעקציעס פאַר דער גאַנצער שטאָטישער מאַסע. דאָ און דאָרט אָרגאַניזירן זיי פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען (סאַקאָ און וואַנזעטי, יובילייִ פון דער רוסישער רעוואָלוציע, לעניןמעמאָריאַל און אַז. וו.). דאָ און דאָרט פּרובירן זיי זיך פאַרבינדן מיט די ניט־אידישע ראַדיקאַלע גרופּן פון דער שטאָט (הגם דאָס ווערט ניט געטאָן אין אַ גענוגנדיגער מאָס; דאָ איז פאַראַן אַ סאַך אַ ברייטערער פעלד). אָפטמאָל קומט אָט־די חברים אויס אָנצואווענדן אַזוי פיל קאַמף־לוסט, אויסגעהאַלטנקייט, עקשנות, סטראַטעגיע און קלוגשאַפט, אַז ס'וואָלט געקלעקט אויף אַ סך אַ גרעסערער באַוועגונג. אָפטמאָל באַגעגענען זיך דאָרט ענערגישע גוט־אַנטוויקלטע אַגרעסיוו־קעמפערישע קאָמוניסטן, וואָס ארבעטן ווי די בינען, כאָטש מיטן קאָפּ און מיטן הארצן לעבן זיי אין ניו יאָרק און שיקאַגאָ.

און דאָרט לייענט מען די „פרייהייט”. ניט מען לייענט, מען שטודירט די „פרייהייט” אין דער פּראָווינץ, מען קען און מ'שעצט יעדן שרייבער, מען טייטשט יעדעס וואָרט, מען פאָלגט נאָך יעדן ארטיקל, מען לייענט צווישן די שורות, מען וואַרט אויף אַ פאַרזעצונג — הכלל, מ'איז פאַרכאַפּט אין דער „פרייהייט” ווי אין עפּעס וואָס באַפרייט פון גלות.

איך האַלט, אַז אונזער צענטער דאַרף אָפּגעבן מער אויפמערקזאַמקייט דער פּראָווינץ. מען נויטיגט זיך דאָרט שטאַרק אין פּאָליטישע ראַט־געבער, אין אָרגאַניזאַטאָרס, אין לעקטאָרס. מען איז גרייט צו ארבעטן, צו העלפן ניו יאָרק (מען גיט געלט דער „פרייהייט”!). מען פאַרלאַנגט אָבער ניט נאָר אידעאָלאָגישע אָנפירערשאַפט, נאָר אויך ממשות'דיגע אָרגאַניזאַציאָנעלע שטיצע.

מערץ, 1928.

אָראַנזשען און הינטלעך

אָראַנזשען, וואַסער, זון און מיידלשע קערפּערס.

מ׳האָט אַריינגעוואָרפֿן אין וואַסער עטלעכע טויזנט אָראַנזשן. האָבן זיי אַ טאַנץ געטאָן אויף די כוואַליעס, ווי גאָלדענע באַלונען. עטלעכע צענדליק מיידלעך אין פֿיל־קאָלירנדיקע באָד־קאָסטיומען האָבן זיך געלאָזט שווימען צווישן די אָראַנזשן. קוקט די זון פֿון אויבן מיט אַ ברייטן בליציקן שמייכל. לייכטן פֿייערלעך אויף דער בלאָער וואַסער, אויף די געלע פּרוכטן, אויף די לאַכנדיקע פּנים׳ער, אויף די מיידלשע אָרעמס. וואַרפֿן זיך די מיידלעך מיט די אָראַנזשן, שפּריצן זיך מיט וואַסער, רופֿן זיך איבער, שטיפֿן. ליגט אַ לויטערער הימל פֿון אויבן, אָן אַ וואָלקנדל, אָן אויסגעבאָדענער אין בלאָער גלות. שטייען ביימער ביים וואַסער — איבערגעלאָדענע מיט זאַפֿטיקע פּרוכטן. שטייט אַן עולם ביים ברעג — אַפּלאָדירט, שרייט, רופֿט. דאַכט זיך: אַלצדינג אַ יום־טוב, אַלצדינג אַ פֿרייד.

אָבער האָט ניט קיין טעות. דאָס איז ניט קיין פֿאָלקס־פֿאַרוויילונג. דאָס איז אַפֿילו ניט קיין פּיקניק. דאָס איז ביזנעס. דאָס איז די אָראַנזשן־אויסשטעלונג פֿון דרום־קאַליפֿאָרניע פֿאַר הייַנטיקן יאָר — „די צענטע וואַלענסיאַ־אָראַנזש־שאָו אין אַנאַהיים״, ווי זי הייסט אָפֿיציעל. דאָס דאַרף מען פּאָפּולאַריזירן די הויפּט־פּרוכט פֿון דרום־קאַליפֿאָרניע אַגריקולטור. דאָס דאַרף מען צוציען קויפֿער. די מיידלעך גופֿא זיינען מסתמא געדונגענע — צו אונטערהאַלטן דעם עולם. וויפֿיל, אַ שטייגער, צאָלט מען זיי אַ טאָג פֿאַר זייער אַקראָבאַטישער אַרבעט?

ס׳איז ביזנעס — און דעריבער איז ניטאָ קיין נשמה. ניטאָ קיין מענטש־צו־מענטש פֿריינטשאַפֿט. מ׳איז פֿרעמדע. דער גרויסער עולם טומלט, אָבער מעכאַניש. מען וויל זיך פֿרייען און מען קען ניט. עס פֿעלט אָט־דאָס פּינטעלע, וואָס מאַכט פֿון אַלעמען איין משפּחה. עס העלפֿן אַפֿילו ניט די רויזן אין די לאַצן פֿון גרויס און קליין. עס העלפֿט ניט די מונטערקייט פֿון קאַליפֿאָרניער לופֿט. ס׳איז געשעפֿט. ס׳איז דאָלאַרן. די גאַנצע הערלעכע וועלט, די וואונדערבאַר־שאַפֿנדיקע נאַטור, די וואונדערבאַרע מענטשלעכע שיינקייט, דאָס וואונדער פֿון ריטמישער מענטשלעכער באַוועגונג — אַלצדינג איז געפֿאַנגען אין נעץ פֿון דאָלאַר.

אָראַנזשן, אָראַנזשן, אָראַנזשן. בערג פון אָראַנזשן, קופּער אָראַנזשן. קערב און קערב מיט אָראַנזשן. די גאַנצע לופט איז איבערגעלאָדן מיטן ריח פון אָראַנזשן. אָבער מיינט ניט, אַז איר קויפט זיי אַ סך ביליגער ווי אין ניו יאָרק. אמת, מען פאַרשפּאָרט דאָ די קאָסטן פון פּאַקן און טראַנספּאָרטירן. די פרוכטן וואַקסן טאַקע אָט־דאָ, איבער אייערע קעפּ. אָבער דער מאַרק, קאָנטראָלירט פון די פאַראייניגטע אָראַנזשן־פּלאַנטאַטאָרס, וויל דערפון ניט וויסן. דער מאַרק דאַרף האַלטן זיין פּרייז. טאָמער וועט די גערעטעניש זיין צו גרויס, טאָמער וועט אויסוואַקסן מער פרוכט ווי געוויינלעך, וועט מען אַ טייל פון זיי לאָזן פוילן אויף די ביימער, אָבער אין מאַרק וועט מען נאָכאַנאַנד פאַרקויפן לויט אַ באַשטימטן פּרייז. אַזוי איז די לאָגיק פון קאַפּיטאַליזם. טאָמער גייט איר פאַרביי אַן אָראַנזש־גאָרטן אין אָט־דעם געבענטשטן לאַנד, טאָמער גיט אייך אַ צי און איר שטרעקט אויס אַ האַנט נאָך איינעם פון אָט־די גאָלדענע באַלן, וועט איר די נאַכט פאַרברענגען אין אַ קאַליפאָרניער תפיסה.

:: :: ::

אַן אָראַנזש־גאָרטן מאַכט דעם איינדרוק פון אַ גוט־איינגעאָרדנטער לאַבאָראַטאָריע, וואו מ'האָט אוועקגעשטעלט אויף אַ שוואַרצן טיש אַ ריי אַפּאַראַטן צו פּראָדוצירן אַ געוויסן מאַטעריאַל. דער טיש — גוט צעגראָבענע און באַמיסטיגטע ערד. די אַפּאַראַטן — גוט אויסגעכאַוועטע און אַרומגעפּוצטע ביימלעך. צווישן איין ביימל און צווייטן — פּונקט אַזוי פיל און אַזוי פיל פוס, ניט ווייניגער און ניט מער. די ביימלעך אויסגעשטעלט אין רייען, אַזוי אַז ס'באַקומט זיך אַ שאָך־ברעט. אין דער ערד לייגט מען אַריין פּונקט די נויטיגע מאַטעריאַלן און פּונקט אין דער נויטיגער מאָס, כדי ס'זאָלן זיך באַקומען פרוכט פון דער נויטיגער גרויס. טאָמער פעלט וואַסער, באַגיסט מען. טאָמער פעלט וואַרעמקייט, שטייען אונטער די ביימלעך קעראָסין־אויוועלעך, וואָס מען צינדט זיי אָן אין קאַלטע טעג.

צווישן די ביימלעך זעען זיך דאָ און דאָרט שווייגנדיגע שאָטנס. זיי זיינען פּונקט אַזוי טונקל, ווי די ערד. זיי זיינען שווייגעדיג, ווי די ביימלעך. זיי פּאָרקען זיך. זיי טוען אַרבעט. זיי טוען די גאַנצע אַרבעט אין דער פּלאַנטאַציע פאַר אַ הונגער־לוין. זיי וואוינען אין אומגעהייצטע שטיבלעך־געצעלטן צונויפגעשלאָגן פון ברעטער. זיי אַרבעטן פון פרי ביז נאַכט. אין אָט־די פרוכטן, וואָס גיסן זיך אַן צווישן טונקל־גרינע בלעטער, איז דאָ ניט נאָר דער זאַפט פון דער ערד און דער לופט, נאָר אויך דאָס בלוט און דער שוויים פון אָט־די שווייגעדיגע טונקל־הויטיגע מענטשן, פון זייערע ווייבער

און קינדער. דער אמת איז, אז ניט די ביימער עקזיסטירן פאר זיי, נאר זיי פאר די ביימער. דער בוים איז דער עיקר, זיי זיינען א צוגאב. דער בוים קריגט גענוג שפייז און גענוג לופט און ליכט. דער בוים קריגט גענוג ווארעמקייט.

— מיר? וואס זיינען מיר? — הער איך א פארביטערטע שטים. — ווען א בוים ווערט קראנק, האקט מען אים ניט אפ. מען רופט א דאקטאר — א בוים־ספעציאליסט. מען שפייזט אים מיט רעצעפטן. מען וויקלט אים אין טיכער. מען ווארעמט אים מיט אויוונס. ווען אונזער איינער ווערט קראנק, איז אפגעזאגט — און פארטיג. ס'איז דא צען אנדערע אויף זיין ארט.

— אין קאלטע נעכט — זאגט א צווייטער — ווען איך קען זיך ניט דער־ווארעמען אין געצעלט, זעץ איך זיך אוועק אונטער א בוים, לעבן איינגע־הייצטן אויוון. איך גנב'ע א ביסל ווארעמקייט ביי די ביימער. ווען דער באס כאפט מיך, שרייט ער: איך קען נאך פארשאטן די פרוכט. מיין אומ־ריינער אטעם, זאגט ער, איז א סם פאר די אראנזש־בליטן...

א רויזן־קוסט שטייט דערביי, בויגט זיין שווערן קאפ, שאקלט אים ארויף און אראפ, ווי ער וואלט באדויערט די נארישקייט פון מענטשן. ווער הייסט זיי לײדן אזא משוגעת?

:: :: ::

ביים ראנד פון דער פלאנטאציע, ארייגערוקט צווישן אקאציעס, זשאס־מינען און העליאטראפ־קוסטן, שטייט דעם פלאנטאטאר'ס „שטיבל". מען רופט עס ניט: „פאלאץ". מען רופט עס ניט „הויף". מען רופט עס מיט באשיידנקייט: „אונזער הייזל". אין דעם הייזל איז דא צוויי־דריי גרויסע זאלן פאראייניגט דורך ברייטע ארקעס; עס איז דא א שיינער עס־צימער, צוויי־דריי שלאף־צימערן, א קאבינעט פארן הער, אן ארבעט־צימער פאר דער מאדאם, א גרויסע קיך, א צימער פאר די דינסטן, א פאר קאמערן, צוויי־דריי באד־צימערן, א זון־פארלאר, א לאנגע גערעקטע וועראנדע ביי דער זייט פונעם הויז, א וועראנדע ביי דער הינטערשטער זייט פונעם הויז, א גאראזש פאר צוויי אויטאמאבילן און, אויף יענער זייט דעם אינעווייניגסטן גארטן — צוויי־דריי שפייכלערס. דער אינעווייניגסטער גארטן איז פארפלאנצט אין הויף און ארומגעבויט פון אלע זייטן. דאס איז א קאמבינירטע אראנזשעריע און גארטן. ווען מען וויל, טוט מען א קוועטש א קנעפל, לאזט זיך אראפ איבערן גארטן א גלעזערנער דאך; ווען מען וויל, רוקט ער זיך אן א זייט. אין דעם גארטן שווינדלט עס מיט טראפישע פלאנצן, וואס קריכן פון דער ערד, וויקלען זיך ארום שטאמען, הענגען פון דער לופטן, פילן אן די לופט

מיט א מאָדנער שמעקעריי.

אין דעם „שטיבל" איז תמיד לופטיג, שאָטנדיג און קיל, אפילו אין די גרעסטע היצן. דער פוס ווערט פארזונקען אין שווערע טעפּיכער, דאָס אויג פארהאלט זיך אויף גוטער מעבל און שלכטע בילדער.

דאָס אלעס קומט פון דעם „אָראנזש-וועלדל", וואו שטילע שקלאפן דרייען זיך ארום צווישן סאָלדאטיש-אויסגעשטעלטע בוימלעך.

:: :: ::

לעבן לאָס אנדזשעלעס ליגט האליוואוד, וואו דער אמעריקאנישער קאפּי־טאליזם האלט אין לוקסוס זיינע פּארווילער. דאָ איז אלצדינג „אין גרענד סטאיל". ווילעס — פּאלאצן; קאָסטיומען — פון פּאריז; מעבל — פון די מיטלאלטערלעכע שלעסער אין אייראָפּע; אויטאָמאָבילן — דרייסיג-טויזנט דאָלארדיגע, אויף ספּעציעלער באשטעלונג; הוליאנקעס — דול־הייזער, וואו מען ווייסט אליין ניט וואָס צו טאָן מיטן אייגענעם לאנגווייל.

האליוואוד צאָלט פאר איר לוקסוס — מיט לאנגווייל. א קולטור־מענטש האָט דאָרטן ניט מיט וואָס צו לעבן. די פילם־שטערן גופא לאנגווייליגן זיך צום טויט, אויב זיי אינטריגירן ניט איינער געגן צווייטן. דאָס גאנצע וועלטל איז איין גרויסע נעסט פון פערזענלעכע אמביציעס, קאָנקורענץ פאר געלט, רייסערייען.

אז מ'האָט ניט וואָס צו טאָן, איז א הינט־אויסשטעלונג אויך אן ענין. האָט מען געעפנט אין פּראכטפולן אמבאסאדאָר טעאטער אן אינטערנאציאָנאלע אויסשטעלונג פון הינטלעך. טויזנט הינט זיינען אָנגעקומען פון אלע טיילן פון אמעריקע, פון מעקסיקאָ, פון קאנאדע, אפילו פון אלאסקע. אויף יעדן הונט האָט מען אויסגעגעבן טויזנטער דאָלארן. טויזנט מאָל טויזנט איז א מיליאָן. די אויסשטעלונג וועט מסתמא קאָסטן מער. די האליוואודער אריסטאָקראטיע וועט זיך האָבן מיט וואָס צו פארווילן. די הענדלער אנאָנסירן נייע שפּייז־פּראָדוקטן פאר קעץ און הינט! „קעץ און הינט געזינטער און גליקלעכער זינט וויטאמאנט איז געקומען אין זייער לעבן." וויטאמאנט איז א געקאָכטע שפּייז, פארטיג צום סערווירן.

אין די הינטער־געסלעך פון האליוואוד שפּילן זיך מאקסיקאנישע קינדער אין שטויב, הונגעריגע קינדער.

אויף גרויסע סלופּעס ברענען אין דער לופטן העלע פּלאקאטן: „קאלי־פאָרניע — דער גן־עדן פון אונזער גרויסער מדינה."

מאָי, 1930.

זיי געזונט, קאַליפאָרניע!

עס קלעמט אַ ביסל אין בוזעם און עס איז אַ ביסל טרויעריגלעך אויף דער נשמה, ווען מען זאָגט אַ „זיי־געזונט" דעם גאָרטן פון אונזער לאַנד — קאַליפאָרניע. עס איז דאָך אייגנטלעך מער ווי גאָרטן און מער ווי לאַנד. וואָרים קען מען דען אָפּטיילן די טייערע קאַליפאָרניער פריינט פון דער געגנט, אין וועלכער זיי וואוינען און אַרבעטן? קען מען דורכפירן אַ ליניע צווישן לאַגונאַ ביטש און די געשפּרעכן, וואָס מען האָט געפירט מיט חברים, ווען מען האָט זיך אַהינצו געיאָגט אויף אויטאָמאָבילן? קען מען זיך פאַנאַנדער־קלייבן, וואו עס ענדיגן זיך די מיטינגען און עס הויבן זיך אָן די פייערלעך, וואָס באַצירן אין אָוונט דעם שטח פון לאָס אַנדזשעלעס?

ביי מיר היינטיגס מאָל האָט זיך מער ווי שטענדיג איבערגעמישט דאָס געזעלשאַפטלעכע מיט דער נאַטור אין איין ליכטיגן קאָנגלאָמעראַט: בעווערלי הילס, די געגנט וואו עס וואוינען די קינאָ־שפּילער — אַ געגנט פון קונסט־ווערק־הייזער און קונסטווערק־גערטנער — קייטלט זיך מיט די באַגעגענישן מיט די טוער פון דער מואווינג־פּיקטשור אינדוסטריע. די אידישע באַוועגונג, וואָס איז מערסטנס קאָנצענטרירט אַרום באָיל האַיטס, פאַרקניפּט זיך אין זכרון מיט דעם אומפאַרגליכלעכן מעדיצינישן פּאַלאַץ, דעם מעדי־צינישן צענטער פון לאָס אַנדזשעלעס, וואָס איז אַזוי אידל, אַזוי גראַציעז, ניט־געקוקט אויף זיין קאָלאָסאַלן פאָרנעם, אַזוי פריינטלעך, ניט־געקוקט אויף דער פאַרבינדונג מיט מענטשלעכער קראַנקהייט און ליידן, אַז מיר דאַכט זיך: מיט אַזאַ בנין מעג מען זיך ניט שעמען אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

עס ווילט זיך ניט אָוועקפאָרן. די זון איז צו ליטער, דער הימל — צו בלוי, די בלומען — צו ליכטיג און פאַנאַנדערגעשאָטן וואו מען ריכט זיך אויף זיי ניט, די געביידעס — צו חנ'עוודיג, צו פאַרכאַפּנדיג, די שמייכלען פון מענטשן — צו פריינטלעך און פריי, אַז עס זאָל זיך וועלן אָוועקפאָרן אַט ווי מען פאָרט אַוועק פון אַן אַנדער געגנט. עפּעס איז דאָ אַזוינס אין דער קאַליפאָרניער לופט, וואָס מאַכט אייך אַ ביסל גראַמער אויף דער נשמה. עס איז לייכטער צו טראַכטן וועגן סאָציאַליזם אין קאַליפאָרניע, כאָטש ווייסן

ווייסן מיר, אז קומען וועט מסתמא דער סאָציאַליזם גיכער פון פּיטסבורג און עקראָן און סעאַטל און ניו יאָרק, איידער פון לאָס אַנדזשעלעס און סאַנטאַ באַרבאַראַ און סאַנטאַ קאַטאַלינאַ און פּאַסאַדינאַ און די אַלע וואָס פּלעצער מיט אַ סך ווילאַס מיט שיינע קלינגענדיגע שפּאַנישע נעמען.

לאָמיר פונדעסטוועגן מאַכן אַן אויסנאַם פאַר סאַן פראַנציסקאָ. דאָס איז אַ שטאָט מיט אַ באַזונדערן טאָן און מיט אַן אייגענעם אימפּעט. סאַן פראַנציסקאָ איז אַ וועלט־צענטער פון דער שיף־טראַנספּאָרט אינדוסטריע — און די מאַטראָסן זיינען צווישן די רעוואָלוציאָנערסטע אַרבעטער אין די פאַראייניגטע שטאַטן. אָבער דאָ ווייס איך, אַז לאָס אַנדזשעלעס וועט זיך פילן שרעקלעך געקריוודעט און וועט פייערדיג פּראָטעסטירן. און אפשר וועט זי זיין גערעכט אויך. וואָרים לאָס אַנדזשעלעס איז לעצטנס ניט צו דערקענען. ס'הייסט, דערקענען דערקענט מען זי יאָ: די זעלביגע רחבות'דיגע גאַסן, די זעלביגע שיינענדיגע בולוואַרן — נאָר נאָך אַ ביסל שיינענדיגער און שענער; די זעלביגע אָראַנזש־בוימלעך אָנגעטאָן פון אויבן ביז אַרונטער מיט קיילעכדיגע זונפאַרביגע לאַמטערנדלעך־אָראַנזשן; די זעלביגע פּאַלמען, דער זעלביגער אָקעאַן, וואָס גייט־צו אזא היימישער און פריינטלעכער צו די סאַמע פיס פון די שטאָטישע בערגלעך, נאָר דערביי לאָזט ער אייך פילן דורך אַ כוואַליע אָדער צוויי, וואָס פאַר אַ גיגאַנט ער איז; די זעלביגע ווייכקייט פון לופט און די זעלביגע מוזיקאַלישקייט פון שפּראַך און געלעכטער — אַ סך מער מוזיקאַליש ווי אין אַנדערע געגנטן פונעם לאַנד; אַלצדינג, דאַכט זיך, דאָס זעלבע — אָבער אריינגעפּלאַכטן האָבן זיך אין דעם גרויסן דאָרף, וואָס לאָס אַנדזשעלעס איז אַמאָל געווען, אַ גאַנצע מאַסע עלעמענטן גאָר נייע, עלעמענטן פון אינדוסטריעלער שטאָט. לאָס אַנדזשעלעס האָט זיך שוין אָנגעהויבן באַרימען, אַז זי האָט אַ סך זאַכן פון די „גרעסטע”: די גרעסטע אויטאָמאָביל־אינדוסטריע, ניט דוקא אין שטאָט גופא נאָר אין אַ ריי שטעט־לאַך פאַנאַנדערגעוואָרפן אַרום לאָס אַנדזשעלעס און באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיגן טאַקע פון לאָס אַנדזשעלעס אַלס צענטער; די גרעסטע אויל־אינדוס־טריע — אָדער אפשר די צווייט־גרעסטע, כ'וועל ניט קאַווירן, באַרימען זיך איז יעדנפאַלס דאָ מיט וואָס; דער גרעסטער צענטער פון דער אינדוסטריע פון פּרעזערווירטע פרוכטן. דער עיקר באַרימט זיך לאָס אַנדזשעלעס מיט דעם, וואָס זי איז מער אויסגעוואַקסן ווי אַנדערע שטעט איבערן לאַנד. די באַפעלקערונג פון לאָס אַנדזשעלעס האָט זיך שיר ניט פאַרטאָפּלט אין אַ משך פון צען יאָר. קאָלאָסאַל פאַרגרעסערט האָט זיך אויך די אידישע באַ־פעלקערונג. ניין, לאָס אַנדזשעלעס וויל איצט ניט אָפּטרעטן קיין אַנדער

שטאַט אויפֿן פּאַסיפֿיק דעם טיטול „גרעסטער צענטער" — און זי באַרימט זיך, אַז אין פּרט פֿון רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿאַרנעמט זי אויך גאָר־גאָר אַ פֿירנדיקן פּלאַץ. לאָס אַנדזשעלעס זאָגט, אַז זי איז גאָר ניט זיכער, אַז דער סאָציאַליזם וועט זיך ניט אָנהויבן גראָד אויפֿן פּאַסיפֿיק — און מיר האָבן ניט דעם מוט צו באַהויפּטן דעם היפּוך. פֿאַרוואָס זאָלן מיר עס טאָן?

נו, טאָ זיי מיר געזונט, קאַליפֿאָרניע־לאַנד! איך וועל דיך אַזוי באַלד ניט פֿאַרגעסן. איך וועל טראַכטן וועגן דײַנע גאַסן — גערטנער, גאַסן — בלומען־בייטן, גאַסן — פּאַסן פֿון ליכט, און איך וועל זיך דערמאָנען אָן יענער וועראַנדע אין אַ שיינעם גאָרטן אין וועסט לאָס אַנדזשעלעס, אײַנגע־וויקלט אין נאַכטיקן טוי, אַרומגערינגלט מיט נאַכטיקן נעבל, אָנגעזאַפּט מיט דעם שווערן פּאַרפֿיום פֿון נאַכטיקע בלומען, אָנגעהויכט מיטן מעכטיקן אָטעם פֿון דער דרום־קאַליפֿאָרניער נאַכט — און ס'וועט זיך דערמאָנען דער שפּעט־אין־דער־נאַכט־אַרײַן געפֿירטער געשפּרעך פֿון די מענטשן אין דער מואָווי־אינדוסטריע, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג אַנטוישט אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער ריכטונג, וואָס ווייזט זיי אַ וועג צו פֿרייהייט, צו פֿרייען שאַפֿן, צו קולטורעלן אויפֿשוואונג אין אַ פֿרייער מענטש־לעכער געזעלשאַפֿט. איך וועל מיטנעמען מיט זיך ניט נאָר די העלע בילדער פֿון אַ שטאָט, וואָס זעט אויס ווי אַ פֿיל־קאָלירנדיקער איידלשטיין אוועק־געלייגט ביים ראַנד פֿון אַ בלאָען טעפּיך — דעם אָקעאַן; אויך דאָס וועט זיך ניט פֿאַרגעסן, געוויס ניט; איך וועל געדענקען דעם טיפֿן אײַנדרוק, וואָס עס מאַכט לאָס אַנדזשעלעס בײַנאַכט, ווען מען קוקט אויף איר פֿון די בעווערלי־בערגלעך: אַ מייסטער־האַנט האָט אויסגעוועבט אויף אַ דעק פֿון טונקלקייט אַ מערקווירדיקן צויבער־אוצר פֿון ווייס, בלאָ, רויט און געלבלעך ליכט — און דאָס ליכט מיניעט זיך, פֿינקלט, טאַנצט, שעמערירט, און עס דאַכט זיך: דאָ קאָנען נאָר לעבן גליקלעכע און ליכטיקע מענטשן; איך וועל אָבער אויך ניט קאָנען פֿאַרגעסן, ווי אַזוי טאַקע יענעם אָוונט האָבן מיר זיך אַרײַנגעפּלאָנטערט אין די אָרעמע קוואַרטאַלן און ווי אַזוי אויף אונז האָט אַ הויך געטאָן די אַרבעטלאָזע אָרעמקייט, די צווייט־גראַדיקע און דריט־גראַדיקע בירגערשאַפֿט פֿון דער פֿערלדיקער שטאָט: די מעקסיקאַנער, די אַנדערע „אויסלענדער", וועלכע זײַנען אייגנטלעך פּונקט אַזוינע בירגער, ווי יעדער געבוירטיקער יענקי, נאָר וואָס ווערן געהאַלטן אין האַלבער שקלאַפֿערײַ. עס וועלן אויפֿשטיין די פֿיגורן פֿון מענטשן — שאָטנס, וואָס זיצן דאָרטן אויף די סקוועערן גאַנצע נעכט, ווײַל זיי האָבן ניט וואו צו נעכטיקן. אין דער סוב־טראָפּישער דופּטיקער טונקלקייט טוט אַ בלאָז אַרײַן דער קאַלטער

אָטעם פון אַ דריטל לאַנד אַנדזשעלעס, וואָס האָט ניט קיין ארבעט. אַ דריטל לאַנד אַנדזשעלעס ניט באַזאָרגט מיט די מיטלען צו לעבן. אַ דריטל לאָס אַנדזשעלעס קאָן ניט הנאה האָבן פון די נאַטירלעכע וואונדער און וואונדער פון מענטשלעכן שאַפן, וואָס זיינען דאָ אַזוי ברייט פאַנאַנדערגעוואָרפן — פאַר יעדערן, דאַכט זיך, צו געניסן.

עס קומט ביי מיר אַרויס אַ ביסל אַ צעטומלטער זיי־געזונט. אָבער ווי קאָן דאָס אַנדערש זיין אין אַ לאַנד, וואו אַלצדינג איז פול מיט ווידערשפּרוכן, וואו די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע סיסטעם איז איין גרויסער ווידערשפּרוך?

אַ שיין לאַנד, אַ וואונדער־לאַנד, אַ צויבער־לאַנד — אָבער אַלעמאָל מוז מען צוגעבן, אַז דאָס וואָלט ערשט געקאָנט זיין אַ שיין לאַנד, אַ וואונדער־לאַנד, אַ צויבער־לאַנד. ניט אומיסט האָט אַזוי פּאַסירט, אַז צווישן די מענטשן גופא, וואָס דאַרפן שאַפן דעם צויבערלעכסטן צויבער פון קאַליפאָרניע און פון די פאַראייניגטע שטאַטן, צווישן די מואווי־מענטשן, און ניט נאָר צווישן די קלענערע און שלעכט־באַצאָלטע, נאָר אויך צווישן די „גענעראַלן" פון דער מואווי־קונסט און מואווי־אַרבעט — האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער גייסט פון פּראָטעסט, דער גייסט פון קאַמף.

נו, טאַ זיי־זשע מיר טאַקע געזונט, קאַליפאָרניע, דו לאַנד פון אייביגן זומער, אייביגער גרינקייט און אייביג־בליענדיגער מענטשלעכער האָפענונג. ס'איז גוט צו קומען צו דיר און אַ שעפּ טאָן פון דיין שיינקייט. ס'איז אָבער אויך גוט צו טראַכטן, אַז די צווייטע זייט קאָנטינענט פאַרמאָגט איר אייגענע שיינקייט מיט איר אייגענער וויכטיגער אַרבעט.

יולי, 1938.

שיינקייט

ס'איז דאָ אַ מאָלער, אַ פראַנצויזישער מאָדערניסט, מיטן נאָמען רוסאָ. איך ווייס ניט, צי ס'איז דאָ אַן אַנדער מאָלער, וואָס אַנטציקט אַזוי מיט זיינע לאַנדשאַפטן. רוסאָ מאָלט עקזאָטישע לאַנדשאַפטן. אַ דזשאַנגל אָנגעפּלאָנטערט מיט גרינע בלעטער און גרינע גראָזן. זאַפטיג, פריש, דאַכט זיך — באַדעקט מיט געדיכטן טוי, דאַכט זיך אָנגעטרונקען מיט עפּעס אַזאַ סובסטאַנץ, וואָס איז דאָס לעבן אַליין. און אַזאַ פאַרשיידנקייט פון פאָרמען. אַלערליי בלעטער און אַלערליי צווייגלעך און אַלערליי גראָזן — דריי־עקיגע און קיילעכדיגע און פיר־קאַנטיגע און שמאָלע און ברייטע און דיקע — און אַלעס צוזאַמען אַזאַ מערקווירדיג געוועב פון גרינס.

און דאָס איז דאָך ניט נאָר אַ בילד. ווען איר פאָרט אַריין אין אַ וועלדל ערגעץ אויף די בערג פון קאַליפאָרניע, איז דאָס פאַר אייך אַ ווירקלעכקייט. מיר זיינען געפאָרן אַ קאָמפּאַניע פריינט, און אַלעמאָל האָבן מיר זיך געזאָגט, אַז דאָס, וואָס מיר זעען, איז מער אָנגעזאָפּט, אָנגעפּיקעוועט מיט פאַרשיידנאַרטיגקייט פון וואַלד־געוויקסן, ווי דאָס בעסטע פון די בילדער פון רוסאָ.

און פאָרט איר אָפּ אַ הונדערט מייל אָדער אַ צוויי הונדערט מייל, איז אַ מדבר. אָבער וואָס פאַר אַ מדבר! זאַמד און שטיינער און ווידער זאַמד און ווידער שטייניגע געגנטן. און וואַקסט עפּעס — איז דאָס אַ הויפן גראָז, וואָס מאַכט דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט אויסגעוואַקסן פון דער ערד טרוקענערהייט. דאַכט זיך: רירט זיך צו דערצו — וועט עס צעשאָטן ווערן און ס'וועט בלייבן אַ בערגעלע אַפילו ניט קיין שטויב, נאָר עפּעס שימל. טרוקענער שימל. פאַרשימלטע טרוקענע געוויקסן.

:: :: ::

זאָלן מיר מוחל זיין אונזערע אידישע עסטעטישע דיכטער, ווען איך וועל זאָגן, אַז אַלעמאָל, ווען איך בין אַרומגעפאָרן איבער אַמעריקע, האָב איך נישט געקענט פאַרמאַכן די אויגן אויף אָט־די קאָנטראַסטן. איך ווייס: דעם מענטשנ'ס געמיט וויל גאַנצקייט, וויל פאָלקאָמענהייט, וויל פולקייט.

אויב לאנדשאפטן, זאל זיין לויטער לעבעדיגע מחיה'דיגע לאנדשאפטן. בארגיגע און פלאכע לאנדשאפטן מיט וואסער און לאנדשאפטן מיט גארטן. אבער ווער דארף אן ערד אן אויסגעבאקענע, ווי ציגל אין א קאלך־אויוון? ווער דארף אן ערד א ליימיגע, א נאקעטע, א צעקארבטע, מיט ריווטשאקעס, אין וועלכע עס רינט מסתמא רעגן־צייט קאלעמוטנע בלאטיגע וואסער? מען דארף דאס גאר ניט האבן. ס'איז אבער. עסטעטן וועלן זאגן, אז דאס איז נויטיג צוליב קאנטראסט. אויב אזוי, הייסט עס, אז מען דארף טראכטן וועגן קאנטראסטן. און אויב קאנטראסטן — טא פארוואס טראכטן וועגן דער נאטור און ניט וועגן מענטשלעכן לעבן? און וואו איז די גרענעץ, וואו עס ענדיגט זיך די נאטור און עס הויבט זיך אן דער מענטש און זיין געזעלשאפט?

איז טאקע אויסגעקומען צו טראכטן וועגן די פארשיידענע קאנטראסטן, וואס ווארפן זיך אין די אויגן.

:: :: ::

דער ים איז שיין און דער ים איז פארשיידנארטיג און אייביג אינטערעסאנט. ער איז אויסגערוט, גוטמוטיג — שפילט ער זיך; איז ער אויפגעברויזט, ברוגז — ברומט ער. אזוי צי אזוי, שוימען זיינע וואסערן, בלישטשען זיינע וואסערן, לויפן זיינע וואסערן אויפן ברעג, איז ער דער אייביגער טרעגער פון אומרו. און א ביסל ווייטער, ניט מער ווי עטלעכע מייל פון דעם אקעאן, ליגט אן אזערע ארומגעשטעלט מיט ביימער. זיינען די ביימער הויך און שלאנק, און זייערע בויגיגע צווייגן הענגען ארונטער ביז צו דער וואסער. און די ביימער שפיגלען זיך אפ אין דער וואסער און די וואסער גלעט, דאכט זיך, די אראפגעהאנגענע צווייגן פון די ביימער, און אלעם צוזאמען איז איין גרינע אידיליע. און ארום די ביימער הויבן זיך אן די זייטן פון בערגלעך. און די בערגלעך שטייגן העכער און העכער און בילדן עפעס אזוינס ווי א שיסל, און אויך זיי שפיגלען זיך אפ אין וואסער, און עס דאכט זיך: זיי זיינען צוגעגאנגען צום ראנד אריינצוקוקן, ווי זעען זיי אויס. איז דאס חנ'עוודיג און אייביג־רואיג, און אלצדינג איז א בילד פון לויטערער אויסגערוטער פאר'חלומ'טער שטילקייט. ביינאכט לאזט זיך אראפ א לייכטער טומאן אויף דער אזערע און פארדעקט אלצדינג מיט א חלום. און ס'דאכט זיך, אז די וואסער חלומ'ט וועגן נעבל און אז דער נעבל האט גאר אויסגע'חלומ'ט די פארטונקלטע וואסער. און די בלעטלעך פון די ביימער טוען זיך נישט קיין ריר. צינדט זיך אן א פייערל ערגעץ אויף

א בערגל, פאַלט אַ לאַנגער דינער רויטלעכער שטראַל פון יענעם פייער צו דער אַזערע. זעט דאָס אויס ווי אַ גרוס פון דער וואַסער־פלאַך צו אַן אומ־באַקאַנטער ווייטער וועלט עט־אויבן.

דערמאָנט איר זיך דערביי וועגן ים. דערמאָנט איר זיך וועגן אַ פייערל, וואָס צינדט זיך אָן אינמיטן דעם טונקעלן ים ביינאַכט אויף דעם מאַסט־בוים פון אַן איינזאַמען שיפל. טראַכט איר וועגן דער מוטיגקייט פון מענטשן, וואָס לאָזן זיך אַוועק אין אַ קליינעם שיפל איבערן גרויסן אָקעאַן אין אַ ווייטער רייזע. טראַכט איר זיך וועגן די שטורעמס, וואָס וועלן הויבן דאָס שיפל אויף זייערע קאָלאָסאַלע בריסט און דאָס אַראָפּוואַרפן אין אָפּגרונט צווישן זייערע וואַסער־בערג. און דאָס שיפל וועט קנאַקן מיט יעדן אבר, מיט יעדער ברעט — און דאָס פייערל אויפן מאַסט־בוים וועט זיך וויגן, אָבער עס וועט זיך ניט פאַרלעשן. און פאָראויס וועט גיין דאָס שיפל — צו אַ באַשטימטן, דורכן מענטשלעכן ווילן אויסגערעכנטן ציל.

קאָנטראַסטן, וואָס דערפרישן די נשמה. קאָנטראַסטן צווישן איין פאָרמע פון שיינקייט און אַן אַנדער פאָרמע פון שיינקייט. דאָס, זאָגט מען אונז, איז דערלויבבאַר לויט דער טעאָריע פון עסטעטיק.

אָבער וואָס טוט מען מיט אַנדערע קאָנטראַסטן?

:: :: ::

א הויז ערגעץ וואו אין דעם „רעזידענץ־טייל" פון אַ גרויסער שטאָט. מאַכט ניט אויס, וואָס פאַר אַ שטאָט. מאַכט ניט אויס, צי אין מזרח, צי אין מערב. אַ געשווירענע לאַנקע — אַ לאָן; גרויסע ביימער אויסגעבאַליעטע, אויסגעבאַוועטע, מיט אַ סך בוים־בלוט אין זייערע אָדערן. אַ הויז מיט אַ ווערענדע אַן אָפענער און אַ ווערענדע אַ פאַרגלעזערטער. אינעווייניג צימערן רחבות׳דיגע, באַקוועם אויסגעמעבלירטע, צוגעקליבענע מיט אַזוי פיל געשמאַק. אין יעדן אַזאַ הויז איז אַריינגעלייגט אַן אַ שיר געשמאַק — אויב ניט אייגענער, איז געקויפטער. לאָמפּן אָט אַזוינע און אַזוינע — לויט אַ געוויסן סטיל. ליכט דירעקטס און אומדירעקטס, ווי עס פאָדערט די אויסי־שטאַטונג. טעפּיכער גרויסע און קליינע אויף דער פאָדלאָגע און אויף די ווענט. און אפשר גאָרנישט קיין טעפּיכער, אויב דאָס פאַרלאַנגט דער סטיל פונעם צימער. אין יעדן צימער — אַ זאָרג פאַרן מענטשלעכן געמיט. ביכער און וואָזעס און אַ פּיאַנע — און געראַמקייט. און דער באַלעבאָס ווייסט פון די נייסטע בילדער און ביכער. און אפשר איז ער גאָר אַליין אַ קאָלעקטאָר פון די אָדער יענע חפצים. און וואָס מען טוט דאָ ניט אויף מיט עלעקטרישער

קראַפּט! אַ מחיה. דער עלעקטרישער שווייגנדיגער דינער: ער קאָכט און באַקט און הייצט און שיילט קאַרטאָפּל און טריקנט טאָוסט און וואַשט די וועש — „די מאַשין וואַשט אַליין", זאָגט די באַלעבאָסטע — און אום זומער, אין די היצן, האַלט ער די צימערן אין אַ מעסיגער דערקוויקנדיגער טעמפּעראַטור.

פאָרן מיר אָפּ אַ פּאָר בלאָק — און אָט איז דאָס: אויך אַ קאָנטראַסט. אַ שטיבל פון דריי שטאָק: אַ „בעיסמענט"-שטאָק, אַ „סטופּ"-שטאָק און נאָך אַ שטאָק. איז דאָס הויז אָפּגעריסן, אָפּגעטראָגן. עס איז קלאָר, אַז מ'האָט עס יאָרן ניט רעמאָנטירט. אַרום הויז — ניט קיין בוימל, ניט קיין גרעזל, ניט קיין בלימל. דערפאַר אָנגעוואָרפן מיסט. אַניט איז עמערס מיט פּעסלעך אָנגעפּילט מיט אָפּפאַל. אינעם אָפּפאַל גראָבן זיך קעץ און הינט. מיט די קעץ און הינט זיינען גרויסע מחותנים די אָפּגעריסענע קינדער, אַמאָל ווייסע, אַמאָל שוואַרצע, אַמאָל געמישטע. פון די טירן און פענצטער רוקן זיך אַרויס פרויען אין אָפּגעריסענע פאַרשלומפּערטע קליידער מיט פּנים'ער, וואָס ווייזן פון זאָרג און שטענדיגער אויפרעגונג און שלעכטן עסן. און די מוטערס און שוועסטער שרייען צו די קינדער, און די קינדער ענטפערן אָפּ מיט גרילצנדיגע קולות. און פון דרויסן איז קלאָר, אַז דאָס הויז איז אָנגעפּילט מיט לעבעדיגע מענטשן ביז צום פּלאַצן. און אינעווייניג פאַרכאַפּט די שווערע לופט דעם אָטעם. און מענטשן זיינען צופרידן, וואָס עס איז דאָ אין צימער אַ טיש און אַ בענקל און אַ בעט — מאַכט שוין ניט אויס, צי זיי פּאַסן איינער צום אַנדערן, צי ס'איז דאָ האַרמאָניע, צי ס'איז דאָ סטיל. ווער רעדט פון אַזוינע זאַכן? דאָ איז דער סטיל — דלות. דאָ איז די באַפרידיגונג — ניט דאַרפן לויפן לייען, באָרגן. און דאָ קען זיצן אַ יונג מיידל אָדער אַן עלטער מיידל אָדער אַן עלטערער מאַן אָדער אפשר גאָר אַ קינד און חלום'ען, ליידנשאַפטלעך, היציג, ביז אַ טיפן ווייטאָג אין דער נשמה חלום'ען וועגן שיינקייט, וועגן האַרמאָניע, וועגן אַ לעבן וואו אָט־די קאָנטראַסטן זיינען ניטאָ.

אַז מען פאָרט אַרום איבער אַמעריקע און מען איז אַ לעבעדיגער מענטש, קאָן מען זיך ניט באַפרייען פון אָט־די געדאַנקען. מען וויל זיי ניט. מען טראַכט זיי ניט מיט אַ כיון. מען טראַכט זיי נישט, כדי זיך אויסצופיינען פאַר זיך אַליין. זיי זיינען אַ טייל פונעם לעבן. און פון אַלע דערפאַרונגען הויבט זיך אויף די גרויסע, די אייביג־לעבעדיגע פראַגע: ווען־זשע וועלן מיר שוין האָבן אַ שענער לעבן?

אויגוסט, 1938.

מיר, אַמעריקאַנער

אונטער דער פאַדלאָגע קלאַפּן רעדער. פאַר די פענצטער לויפן, טאַנצן, שוועבן הייזער, סלופּעס,ביימער, פעלדער. די זון קוקט אויס ווי אַ מאַמע, וואָס גיט דעם ערשטן שמייכל נאָך אַן אָנפאַל פון בייזקייט. דער הימל איז בלאָס און ברייט. אונטערן הימל, פון דאַך צו דאַך, פון שאָסעי צו וואַסערל, שפּרינגען לאַנגע פונקען. אַלצדינג באַוועגט זיך. זאַכן קומען אָן, פאַר־פלאָנטערן זיך אין די טעלעגראַף־דראָטן ביים וועג, דרייען זיך אויס, לויפן אַוועק.

די רעדער קלאַפּן. די רעדער ברומען. ערגעץ ווייט פאַראויס אָטעמט מעכטיג דער לאָקאָמאָטיוו. פון מיין וואַגאָן קען מען הערן, ווי עס אַרבעט זיין ברוסט. די מאַשין איילט זיך דווקא ניט — און דעם צוג טראָגט עס וויכער־שנעל.

מיר לויפן דורך אַ שטעטל. דער צוג פאַרקלענערט ניט זיין גאַנג. די הייזלעך קריכן איינס אין אַנדערן, די גאַסן שטעלן זיך אויף דובאָם, שפּרינגען אַריין אין די רעלסן; אַ טורעם גיט זיך אַ לייג אויף אַ זייט — דער וואַגאָן פאַרקירעוועט זיך רעכטס, און אויס שטעטל. איבער אַ שוואַרצער פּוכיגער ערד ליגט אויסגעצויגן דער וועג. פון איין זייט גייט די ערד באַרג־אַרויף — און אינמיטן, אויף אַ שוואַרצן טעפּיך, שטייט איינע אַליין אַ מאַגנאָליע און פּוצט זיך מיט אירע גרויסע ווייס־ראָזעווע בליטן — אַ חנ׳עוודיגער גרויסער בוקעט פון לויטער בלומען אָן בלעטער. דער לאָקאָמאָטיוו טוט אַ סאָפּע — און אויס מאַגנאָליע. פון ערגעץ זיינען אָנגעקומען ברייטע ווענט, גלאָטע, אָן פענצטער. ווענט שניידן זיך איינס אין אַנדערן, טרעטן אָפּ, לויפן זיך נאָך — און אָט פאָרן מיר שוין צווישן פאַבריקן.

דער צוג פאַרלאַנגזאַמט זיך. די פאַבריקן רוקן זיך אָן פון אַלע זייטן. עס קריכן אין הימל אַריין בינטלעך קוימענס. פאַסן עלעקטריש ליכט, ווי בלאָע לאַנגע זעגן, שימערירן אַרוים פון פאַרשטויבטע פענצטער. פאַרע זעצט פון רערן אונטערן דאַך; בערג מיט קוילן שפּאַרן אונטער ווענט; קראַנען שטרעקן אויס „לעפל”, ווי שטאָלענע הענט מיט פינגער, גראָבן זיך אַריין אין די קוילן — און אָט פאָרט שוין דער צוג פאַרביי אַ לאַנגער גלייכער

וואַנט מיט דריי רייען פענצטער איינס איבערן אַנדערן. אַ גלאַטע געלע ציגל־וואַנט; פּאַרגראַטעטע פענצטער; שטאַנגען שטעקן אַרויס פונעם דאַך איבער יעדן פענצטער — און די וואַנט ציט זיך און ציט זיך אפשר אַ מייל אין דער לענג.

ס'אַ גבורה! ס'איז אַ מעטאַל־פאַבריק. מיר זעען נאָר איין פאַסאַד. מסתמא האָט זי אַנדערע פאַסאַדן — אין דער טיף. מסתמא איז דאָס ניט דער איינציגער בנין. וואו זיינען מיר, אַ שטייגער? אַ יאָ, מיר זיינען לעבן איריי, אין לאַנד פון שטאָל און אייזן.

פאַבריקן, גיסערייען, „קוזניעס". בערג פון צעמענט און שטיין. קובן, קוואַדראַטן, אַרקעס; קיילעכדיגע, פיר־עקעכדיגע, געשלענגלטע קוימענס. לאַנגע שורות פעסער, קאַסטנס, אייזערנע באַלקעס, ווענט ,געביידעס, ווענט, דעכער, גרויסע, ברייטע, מעכטיגע בנינים, איינגעגראָבענע אין דער ערד, אויסגעשפּרייטע איבער פלאַכן, אָוועקגעזעצטע מיט אַן אייזערנער עקשנות אויף אייביגע יאָרן.

דאָ און דאָרט זעט זיך אַן אַרבעטער. שוועבט ער דורך ווי אַ גרוילעך שטיקל שאָטן. זעט ער אויס קליין און אומוויכטיג לגבי די גרויסע מאַכינעס. וואָלט מען געקענט מיינען, אַז ער איז צופעליג אַריינגעפאַלן אין אָט־דעם געפּלאָנטער פון שטיין, שטאָל און קאָנקריט.

דער צוג לאָזט זיך שנעלער. די רעדער הילכן אָפּ פון די ווענט מיט אַ טרוקענעם בראַזג. די פאַבריקן מישן זיך אויס אין אַ ווירוואַר, און אין קאָפּ בלייבט הענגען אַ געדאַנק, אַז אָט־דאָס איז דער גורל פונעם אַמעריקאַנישן אַרבעטער־קלאַס. די פאַבריק איז דער עיקר — ער איז דער תפל. די פאַבריק פאַרשטעלט דעם מענטשן. די פאַבריק נעמט אַרויס דאָס לעבן פונעם מענטשן. דער, וואָס האָט אויסגעבויט אָט־די גיגאַנטן, דער, וואָס באַטרייבט אָט־דעם קראַפטפולן אַפּאַראַט, „ניט די פאַבריק פאַרן מענטשן, נאָר דער מענטש פאַר דער פאַבריק". דער מענטש — אַ צוגאָב, אַן „אַפּענדיקס"... מיט וואָס פאַר אַ גאַליגן סאַרקאַזם מאַרקס האָט געשילדערט אָט־די באַהערשונג פונעם מענטשן דורך דער מאַשין אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט! מיליאָנען אַרבעטער טראָגן דאָס און מיינען: ס'איז אַ געזעץ פון נאַטור. עד! „מאַן פון אַרבעט, אויפגעוואַכט! און דערקען דיין גרויסע קראַפט!"

די מאַשין הויבט אָן פייפן אומגעדולדיג. דאָס קלאַפּן אונטער דער פּאָדלאָגע ווערט דייטלעכער און געעזצטער. דער צוג הויבט אָן קריכן זייער פּאַוואָליע. ביי דער זייט, אויף אַ צוויטער קאָליע, פאַררוכט מען דעם וועג. צוויי צענדליג מענטשן אין אָווער־אָלס, מיט לאָמען אין די הענט, זיינען באַ־

פאַלן די רעלסן. אַ גאַז־סטורקאַטש שיסט אַ פלאַם. אַ מעכאַנישער ענבער דרעליעוועט אייזן. מיט שטאַרקע הענט, מיט געמאָסטענע זיכערע באַוועגונגען, מיט אַ קלאָר אויג און מיט אַ נאַטירלעכן קאָאָפּעראַציע־געפיל אַרבעטן אָט־די מענטשן. זיי אַרבעטן געטריי. זיי אַרבעטן מיט אינטערעס. זיי האָבן רעספּעקט פאַר דעם וואָס זיי טוען. זיי ווייסן, אַז דאָס איז וויכטיג. איבער אָט־די רעלסן וועלן זיך טראָגן וואַגאָנעס מיט אַלט און יונג, מיט טויזנטער און טויזנטער לעבעדיגע מענטשן. אין די הענט פון אָט־די העל־אויגיגע אַר־בעטער אין אָווראַלס ליגן טויזנטער לעבנס. מאָרגן וועט מען זיי הייסן גיין — און קיינער וועט ניט טראַכטן, אַז זיי האָבן געטאָן אַזאַ וויכטיגע אַרבעט פאַר דער מענטשהייט.

— ווילט איר זיך אפשר לאָזן אָפּפּוצן דעם ראָק?

אַ שוואַרצער ריז מיט ברוינע גרויסע אויגן שטייט איבער מיר. ווען איך שטעל זיך אויף, איז ער אַלץ נאָך מיט צוויי קעפּ העכער פון מיר. בינטלעך מוסקולן פּראַלן אַרויס פון אונטער זיין ווייסן געקראָכמאַלעטן רעקל. דאָס רעקל איז צו קליין פאַר זיין קערפּער. אָבער די אויגן זיינען אַזוי ווייך, בנעימות׳דיג, אונטערטעניג. „אפשר אָפּפּוצן דעם ראָק, סער?"

איך בין אים „סער". אַלע פאָרער זיינען „סער". ער איז דער „קאָלירנ־דיגער" פולמאַן־פּאָרטער. ער דינט אונז. ער דינט יעדן איינעם. מ׳האָט אים געמאַכט פאַרן משרת פון די וואָס קענען באַצאָלן פאַר אַ שלאָף־פּלאַץ. ער וואָלט געקענט אָוועקלייגן די אַלע דרייצן מאַנסבילן, וואָס געפינען זיך אין וואַגאָן. ער וואָלט זיך אפילו ניט פאַרסאָפּעט. אָבער דאָ שטייט ער אַ גע־בויגענער, מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן. ער דאַרף זיך אויסשמייכלען, אויסקליאַנטשען אַ טרינק־געלט. ניט אַלע גיבן. מען דאַרף זיך איינבעטן ביי די „סערס" און „לעידים".

— ברודער, ווילסט זיך אפשר אָוועקזעצן? לאָמיר אַ ביסל שמועסן!

דער שוואַרצער ריז איז דערשראָקן. ער קוקט זיך אַרום. ער טרעט פון איין פוס אויפן צווייטן. אַ קרומער שמייכל צעציט זיינע אַזוי אויך גרויסע צעפּאָרענע ליפּן. ער טאָר ניט. ס׳איז פאַרבאָטן. פּאָרטערס דאַרפן ניט פאַר־פירן קיין געשפרעכן מיט די פּאַסאַזשירן. ער קען נאָך פאַרלירן די שטעלע. אפשר וויל דער סער אים לאָזן אָפּפּוצן דעם מאַנטל?

— קויפט צייטונגען; די לעצטע נייעס!

דער וואַגאָן שטייט שוין. טירן ווערן געעפנט. עס רייסט זיך אַריין קילע רויכיגע לופט. איבער דער ברייט פון דעם בלאַט שרייט אַ שוואַרצע גרויסע שורה: „אויפשטאַנד אין אינדיע. באַריקאַדן. מיליטער פאַר־

גרעסערט"... מיין שכן פון דער אַנדערער זייט וואַגאָן טוט אַ קוק אויף דער צייטונג — ליִגט זי אַוועק מיט אַ בייזן שמייכל.

מיין שכן איז אַ מענטש מיט אַ סך פאַרמעגן. ער האָט אַ טייערן טשע־מאָדאַן פון ווייכן ברוינעם לעדער און אַ רענצל פון קראָקאָדיל־פעל. אין זיין שניפּס שטעקט אַ טייערע שפּילקע מיט אַ דימענט. אויף דעם מינדסטן פינגער פון דער לינקער האַנט טראָגט ער אַ סיגנעט; אויף די קנעכל פון דער לינקער האַנט — אַ גאָלדן זייגערל מיט אַ גאָלדענעם פּאַסעק; אויף דער רעכטער האַנט אַ חופּה־רינג. אין לאַץ שטעקט ביי אים די עמבלעם פון עפּעס אָרדן. ער פירט מיט זיך אַ פּאָרטפעל, פון וועלכן ער נעמט אַרויס אַלעמאָל נייע פּאַפּירן. דעם פּאָרטער שיקט ער שוין דאָס דריטע מאָל נאָך סאָדע־וואַסער — און אין דער סאָדע גיסט ער אַריין עפּעס אַ שמעקעדיגע משקה.

מיין שכן האָט נאָר איין בילעט, אָבער עס דאַכט זיך, אַז ער פאַרנעמט אַ האַלבן וואַגאָן. זיין קול איז האַרט. זיינע זשעסטן — באַפעלעריש. זיינע קליידער — פון בעסטן סאָרט. זיין פּנים — אַ לעדערנע מאַסקע מיט אַ פּאָר גראָע שפּאַלטן. אַרום די שפּאַלטן איז די פעל געקנייטשט און גע־קאַרבט. די ליפּן זיינען דין און פעסט צונויפגעפּרעסט. שוין אַ פּאָר מאָל האָט ער אויף מיר געוואָרפן אומצופרידענע, חשדים'דיגע בליקן: עס איז קלאָר, אַז איך געפעל אים ניט. וואָס אָבער האָט אים אַזוי צערייצט? איך האָב מיט אים ניט גערעדט. איך האָב ניט געטומלט. איך האָב געקוקט אין פענצטער אָדער געלייענט. איך וואַרף זיך ניט אין די אויגן.

מיין שכן טוט אַ שמאָרע מיט דער נאָז — גאָר ניט ווי אַ דזשענטלמען. מיין שכן זופּט די סאָדע־וואַסער און ברומט. ער לייענט די פּאַפּירן — און באַטאַפּט די שלעסלעך פון זיינע טשעמאָדאַנעס. מיין שכן קוקט אויפן זייגער. ער קלינגט לאַנג און דרינגענדיג, כאָטש דער פּאָרטער איז ניט ווייט. ער פרעגט, צי קען מען זען דעם קאָנדוקטאָר. אין צען מינוט אַרום האָט מען שוין איבערגעטראָגן זיין גאַנצן באַגאַזש אין אַ צווייטן וואַגאָן.

איך הויב אָן טראַכטן, וואָס פאַר אַ פליג האָט אים אַ ביס געטאָן. איך זעץ זיך אַוועק אויף זיין אָפּגעליידיגטן פּלאַץ און קוק זיך אַרום. אהאַ! ס'איז דאָ! פון מיין מאַנטל־קעשענע שטעקט אַרויס אַ „דעילי וואָרקער" מיט פּאָסטער'ס אַ בילד און מיט די ווערטער „מאַי־דעמאָנסטראַציע". אויפן רענצל ליגט מיטן רוקן צום וואַגאָן אַ בוך אויף ענגליש: „סטאַלין. פראַגן

פון לעניניזם". איך וואונדער זיך שוין מער ניט, וואָס מיין רייכן שכן איז ניט געפעלן מיין שכנות.

:: :: ::

פאַר די פענצטער שוועבן פעלדער קוים באַהויכטע מיט דער ערשטער גרינקייט. די טעלעגראַף־דראָטן זיינען בלאָלעך־גרין און שניידן די פעלדער אויף פאַסן. אַ שטיבל טוט אַ בליאַסק — אַ שפּילכל מיט אַ רויטן דאַך, גרינע לאָדן און אַ נאַקעטע בוימל פאַר דער טיר. ערגעץ ווייט האָט דער נאַסער גלאַנץ פון אַן אָזערע זיך אַריינגעשניטן אין האָריזאָנט. אין דער לופטן הענגט אַן עראָפּלאַן — און פונעם וואַגאָן מערקט זיך ניט, אַז ער זאָל פליען. עס הערט זיך אויך ניט דאָס הודזשען פון זיין מאָטאָר. איצט פאָרן מיר צווישן געדיכטע רייען וואַגאָנעם: פראַכט־וואַגאָנעם, פאַסאַזשיר־וואַגאָנעם, ציסטער־נעס, רעפרידזשערעיטאָרס, פלאַטפאָרמעס — טונקל־רויטע, העל־גרויע, שמוציג־געלע, בליי־קאָלירענע, ווייסע. פון אַלע עקן לאַנד קומען די וואַגאָנעם; אויפשריפטן דערציילן פון ווייטע און נאָנטע קאַנטן: „גרעיט נאָרטערן", „קאַנאַדיען פאַסיפיק", „סאַוטערן פאַסיפיק", „סאַנטאַ פע", „פער מאַרקעט", „בוירלינגטאָן", „באַלטימאָר ענד אָהאַיאָ"... פון אַלע עקן לאַנד ברענגען אָט־די וואַגאָנעם די פרוכט פון אַרבעטער'ס אַרבעט. אין אַלע עקן לאַנד צעפירן זיי אונזער אַרבעט. עך! ווען דאָס וואָלט נאָר ניט געלעגן אין פרעמדע הענט!

עס פאָרט אָן אַ לאָקאָמאָטיוו. פון אַ פענצטערל אויף איין זייט קוקט אַרויס דער מאַשיניסט. פון אַ פענצטערל אויף דער אַנדערער זייט קוקט אַרויס דער הייצער. זייערע פאַרסאַזשעטע פּנים'ער שמייכלען. זיי מאַכן מיט די הענט.

עס ווילט זיך זיי זאָגן: זייט געגריסט, חברים! און לאָזט וויסן וואו איר קומט, אַז דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער־קלאַס וואַכט אויף.

מיר, אַמעריקאַנער, טוען דאָך אַלעס אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. לאָמיר נאָר אָנהויבן — וועט עס שוין גיין מיט אַן עכט־אַמעריקאַנישן טעמפּ.

זייט געגריסט, אַרבעטס־מענטשן, וואו איר זאָלט ניט זיין!

אַפּריל, 1930.